NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13176

BARIKADN IN VEDING

Klaus Neukrantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ליטעראטור

ביבליאטעק

ליטעראטור פאר דער שול

קלאוז נויקראנצ

באריקאדנ אינ וועדינג

א ראמאנ פונ איינער א גאס
אינ די בערלינער מײַ־טעג 1929

פונ דײַטש ש. קאשעוניק

באארבעט פאר דער שול
י. ראווינ אונ מ. שאצ

מעלוכע־פארלאג פונ ווײַסרוסלאנד
נאצסעקטער
מינסק 1933

רעדאקטער—ד א מ ע ס ע ק
טעכרעדאקטער—י. ק א ר פּ י נ אָ װ י ט ש

אָפּגעגעבנ אינ דרוקערײַ דעמ 21/I 33 י.
אונטערגעשריבנ צומ דרוק דעמ 28/III 33 י.
פאראנט, קאָרעקטער פונ דרוקערײַ—שטריקמאנ

דרוקערײַ א. נ. סטאלינ

באשטעלונג 451. טיראזש 3000. גלאװליטבעל 1368.

דאָס רויטע געסל.

געווידמעט דעם אומפארגעסלעכנ רעוואָליוציאָ־
נערנ אָנדענקענ פונ די 33, וואָס זײַנענ דורכ
דער פּאָליציי אינ די מײַ־טעג 1929 אינ בערלינ
דערשאָסנ געוואָרנ.

1

125 צענטנער בעטאָנ.

„נעטעלבעקפּלאַץ...!"

א צעטומלטער האָט זיכ דער יונגער מענטש ארומגעקוקט אונ געוואָרפנ א בליק מיט פארשלאָפענע אויגנ דורכ די גלעזערנע פענצטער פונ טראמוויי־וואגאָנ.

„אײַער צײַטונג, הער...", האָט אימ דערמאָנט א פרוי אונ געוויזנ אפ דער פּאָד־לאָגע. ער האָט זיכ אײַנגעבויגנ אונ ארײַנגערוקט די צײַטונג אינ קעשענע. ער איז ארויס.

אינ דעמ נאסנ שמוציקנ אספאלט האָבנ זיכ אָפּגעשפּיגלט די געלע פײַערנ פונ די גאז־לאמטערנעס. דער אומאָנגענעמער פײַכטער ווינט האָט אימ אופגעמונטערט, פונ דעמ רעסטאָראנ בא דער סטאנציע האָט זיכ געהערט ראדיאָ־מוזיק: ער האָט געפרוירנ, מע מוז האָבנ א מאנטל, האָט ער א טראכט געטאָנ אונ אופגעשטעלט דעמ דינעמ קראגנ פונ רעקל. ער האָט א שפּײַ געטאָנ, ארײַנגערוקט די הענט אינ די הויזנ־קעשענעס אונ איז אוועק לאנגזאמ איבערנ פּלאצ אהיימ, פונ דער פאנק־גאס האָט ער פארקירעוועט אינ דעמ קליינעמ האלב טונקעלנ געסל, ווו ער האָט געווינט. די נעצבעכדיקע קרעמלעכ זײַנענ שוינ געווענ געשלאָסנ. נאָר פונ די קנייפּעס זײַנענ אפ דער ליידיקער גאס געפאלנ שמאָלע אומעטיקע פאסנ ליכט. די גאס איז קוימ באלויכטנ געווענ מיט איינצלנע גאז־לאמטערנעס, אינ די הויכע טונקעלע רייענ הײַזער, הינטער די פענצטער, אָנ גארדינענ האָבנ ווו ניט ווו געברענט שיטערע קנאפּע פײַערלעכ פונ די קעראָסינ־לאָמפּנ. פונ אנ אָפענעמ קעלער־פענצטער האָט זיכ געטראָגנ דער וואַרעמער גערוכ פונ געקאָכטע גרעט. א פּאָר הײַזער ווײַטער איז ער שוינ געווענ אינדערהיימ.

פאר דער הויז־טיר זײַנענ געשטאנענ א פּאָר ווײַבער. ער האָט נאָר קורצ געענטפערט אפ זײַער באגריסונג אונ איז פארשווונדנ געוואָרנ אינ טונקעלנ פירהויז.

ער איז ארופ די פּאָר טרעפּלעכ אונ געעפנט די טיר.

„נאָוונט, אנא."

„נאַכטס, קורט.“

ער האָט אופגעהאנגען זײַן היטל איבער דער טיר און האָט זיך אנידערגעוואָרפן אינעם קיך־שטול. דער יונגער בעטאָן־טרעגער. קורט צימערמאן איז געווען אינדער־היים.

אין דער קיך איז לעם דער פּליטע געווען גראָד אזוי פיל פלאץ, אז מע האָט זאַלבעצווייט געקאָנט זיצן באַם טיש. קורט האָט ארופגעלייגט די עלנבויגנס אפן טיש און האָט זיך צוגעקוקט, ווי אנא פּאָרקעט זיך ביט טעפּ. אפ צו ריידן איז ער געווען צו מיד, אָבער עס איז אים געווען אָנגענעם צו זיצן דאָ שטיל און צוקוקן זיך. אזוי לײַכט און שנעל איז בא איר אלץ געפלויגן אין די הענט.

די אויגן האָבן זיך פון זיך אליין פארמאכט.

„נו, מײַן יינגל, קאָנסט שוין עסן...קורט! דו שלאָפסט דאָך שוין?!“

זי האָט צוגערוקט די טעלער און האָט אים אָנגענומען פארן אקסל. ער האָט אופגעהויבן דעם פּאָנעם און א פארשלאָפענער א גלעט געטאָן זיך איבערן קאָפּ. ערשט איצט האָט זי באמערקט, ווי בלאס און מיד ער זעט אויס. זינט ער ארבעט אויסערן שטאָט אין ליכטענבערג אפ דער בויונג קומט ער אהיים יעדן אָוונט אינ־גאנצן א אויסגעמאטערטער. העכער א האלב יאָר איז ער געווען אָן ארבעט און איצ־טער קאָן ער פּאָשעט ניט אויסהאלטן די טעמפּן, וואָס זיי האָבן דאָרטן.

„ניין, ניין...“, האָט ער מיד געשמייכלט. „איך האָב ניט געשלאָפן“. ער האָט אָנגעהויבן צו עסן. אנא האָט זיך אוועקגעזעצט בא דער זײַט פון טיש און זיך צוגעקוקט. זי האָט שטיל געלאכט. די לעפל איז קימאט פארשווונדן אין זײַן ברייטער שווערער האנט. ווען ער פלעגט זײַן מיד, פלעגט זיך נאָך מער ארויסווײַזן די אומ־געלומפּערטקײַט פון זײַן שווערן בקרישן גוף, דערבײַ איז ער געווען גוטמוטיק ווי א קינד. סאָפּקאָלכאָפּ האָט זי דאָך שוין אפּילער געוווּסט, ווען זיי האָבן פאר צוויי יאָרן כאַסענע געהאט, אז קורט באטײליקט זיך אין דער ארבעטער־באוועגונג און גיט אָפּ פאר איר יעדע פרײַע מינוט. וועגן דעם איז מיט אים פּאָשעט געווען איבעריק צו ריידן. פלעגט זיך מאכן א זיצונג אָדער עס איז געווען עפּעס אנדערש צו טאָן, וואָלט ער גיכער געפאלן פון די פיס, נאָר ער פלעגט מוזן זײַן אונטערוועגס ביז שפּעט אין דער נאכט און אינדערפרי האלב זעקס ווידער אוועק ווי עס וואָלט ניט געווען גענוג ארבעטלאָזע קאָלעגן, וואָס האָבן צײַט זיך אויסצושלאָפן! וואָס וועט סאָפּקאָלכאָפּ פון דעם אלץ זײַן, ווען דאָך קאָפּעלע געזונט וועט אויך גיין צום טײַוול? כוצדעם האָט זי פון אים בעטבעס ניט קיין מאָל פארלאנגט. זי איז געווען אן אר־בעטער־פרוי. איידער זי האָט כאַסענע געהאט האָט אנא א לאנגע צײַט געארבעט אין פאבריק, די ווירכע, דעמלט נאָך אביסל פארכרויכטע מיידל איז ארײַנגעפאלן אין א הארטע שול. איצט האָט אנא שוין געקאָנט דעם לעבן.

ער האָט צעפּגערוקט די טעלער און א גענעץ געטאָן: „האָסט נאָך עפּעס א זופּ קאווע?“

„מאָרגן, קורט, גיי איצט שלאָפן, האלב זעקס ענדיקט זיך די נאכט.“

ער האָט זיך א שטעל געטאָן און האָט זיך אויסגעצויגן. אָך, דאָס איז בעעמעס א הינטיש לעבן! ארבעטן, פרעסן, שלאָפן, נאָך גוט, וואָס הײַנט איז ניטאָ קיין זיצונג, דעם יאָטל זעט ער אויך נאָר בא דער נאכט.

פאַמעלעכ האָט ער זיכ אָנגעהויבנ אויסצוטאָנ.

באָרוועס איז ער דורכגעגאַנגענ דורכנ ענגנ פירהויז אינ קאַלטנ שלאָפ־צימער אַרײַנ, דעמ אײנציקנ צימער, וואָס איז נאָכ געווענ אינ דער דירע אויסער דער קיכ.

אפנ שטול פאַר זײַנ בעט האָט געברענט א ליכטל. קײנ סאַכ איז דאָ ניט געווענ וואָס צו באַלײַכטנ. אפילע קײנ פאָרהענגער האָבנ זײ זיכ נאָכ ניט געקאָנט אײַנשאַפנ. יעדנ אָוונט פלעגט אַנאַ אופהענגענ פאַרנ פענצטער די אַלטע רויטע בעט־דעקע, אינ זײַנ פרוס בעט איז געשלאָפנ דער יאַטל.

קורט האָט געפרוירנ אינ בעט. דאָס בעטגעוואַנט איז געווענ פײַכט אונ פאַרדומפנ, ווי די גאַנצע וווינונג, וואָס אפ אירע ווענט זײַנענ שטענדיק געווענ גרויסע נאַסע פלעקנ.

די אַקסלענ, אפ וועלכע ער איז געלעגנ, האָבנ אימ ווי געטאָנ פונעמ לײַכטנ דרוק פונ זײער אײגענער וואָג. — א שטיקל אַרבעט איז דאָס הײַנט ווידער געווענ... 125 צענטנער בעטאָנ האָט ער אַרופגעשלעפּט אפ די טרעפּ פונ דער בויונג... נאָר ניט קראַנק ווערנ... דאַנ ווערט מענ פּאַטער פונ דער אַרבעט... דעמ נאָענטסטנ מיטוואָכ וועט מענ ניט אַרבעטנ... גוט... מאָרגנ איז א זיצונג... וואָלטנ זײ דאָרטנ אויבנ שוינ אופגעהערט מיט זײער מעשוגענער ראַדיאָ־מוזיק...

2

די גאָלדענע קוילנ פונ דער נאַכט.

די גאַס האָט געשלאָפנ. דער אומעטיקער, געלער שײַנ פונ די עטלעכע גאַזלאַמטערנעס האָט געמאַכט די שטילע לײדיקע גאַס נאָכ אומעטיקער אונ אײנזאַמער.

וו־ניט־וו האָט זיכ נאָכ געזענ ליכט הינטער די פאַרהאַנגענע פענצטער פונ די שוואַרצע געדיכט צוזאַמענגערוקטע מויערנ. ביסלעכווײַז זײַנענ זײ אויכ אויסגעלאָשנ געוואָרנ. אינ די שטײנערנע באַרג־שפּאַלטנ פונ וועדינג, וואָס זײַנענ געדיכט אָנגעשטאָפּט מיט מענטשנ, ווערט פרי נאַכט. די נעכט פונ די אַרבעטער זײַנענ קורצ.

דער אײנציקער האַרטער קלונג, וואָס האָט זיכ נאָכ געהערט, איז געווענ פונ די גענעגלטע שטיוול פונ די פּאָליציי־פּאַטרולנ. זײ פלעגנ נאָכ קורצע רעגלמעסיקע פּאַוזעס שנעל די שטילע גאַס דורכגײנ, ניט אופהאַלטנדיק זיכ.

צווישנ שוואַרצע מויערנ אונ שמאָלע טיפע הויפנ האָט געשלאָפנ די מוטנע שמוציקע פּאַנקע. אינ אירע וואַסערנ — זומער האָבנ זיכ דאָרטנ קינדער געבאָדנ — האָבנ אפילע ניט געקאָנט זיכ אָפּשפּיגלענ די שטערנ פונ דערדאָזיקער וואָלקנלאָזער קאַלטער אַפּרעל־נאַכט.

אינ די ענגע וווינונגענ האָט די שטיקנדיקע פאַרברויכטע לופט פונ אַסאַכ מענטשנ אינ אײנ צימער אַרומגעשווענקט די פּענימער פונ די שלאָפנדיקע. טרעפּ, פירהײַזער, שטיבער אונ הינטער־הײַזער — דאָס אַלצ איז אומדערטרעגלעכ געדיכט געשטאַנענ אײנס לעמ אַנדערנ. ס'האָט קוימ אָרט געקלעקט פאַר ווענט אונ לופט, אײנער האָט געפילט דעמ שווערנ אומרויִקנ אָטעמ פונ צווייטנ, דער גערוכ פונ מענטשנ האָט דורכ־

עדרונגענ דורכ די ווענט, שפּאַלטנ און ווענטלעך. שכיינים, קוואַרטיראַנטנ, ווינקל־שכיינים און קינדער, וואָס פונ זיי איז קיינ איינס געווים ניט געווענ, וואָס זאָל שלאָפנ אינ א אייגענער בעט.

די רײַכסטע מיט קינדער, מיטנ גרעסטנ קינדער־עלנט גאס פונ גרויסנ הונגעריקנ בערלינ...!

אפ די טרעפּ, אינ די קאָרידאָרנ האָבנ זיכ צענויפגעדרייט אינ דרײַענ מענטשנ־בינטלעך. היימלאָזע, וואָס האָבנ אינ דעם נאָענטסטנ נאכטלעגער־הויז ניט געפונענ קיינ פּלאצ צום שלאָפנ. מע האָט זיי געלאָזנ. אויכ דידאָזיקע מענטשנ־בינטלעך אפ די טרעפּ האָבנ געשלאָפנ און האָבנ געזעענ זייערע קורצע מאטערנדיקע כאלוימעס פול מיט שרעק און בענקעניש...

צו ענג איז דאָס אלצ... דער מענטש מוז דאָכ אמאָל לופט האָבנ... אביסל לופט האָבנ! פּלאצ דערלאנגנ!

מענטשנ האָבנ געשלאָפנ און געטרוימט אינ דעררדאָזיקער נאכט. אנדערע כאלוימעס, ווי די, וואָס שלאָפנ אינ די גרויסע, זויבערע שלאָף־צימערס. מאטערנדיקע קורצע כאלוימעס, וואָס אפ זיי איז געלעגנ דער שאָטנ פונ די טעגלעכע זאָרגנ און שרעקנ, פּארפּאָלגט פונ פּארגליווערטנ, אָפּשטויסנדיקנ ייִדנ פונ לאָמבארד, פונעם באאמטנ און צדאָקע־אנשטאלט, פונ דער סטראכקאסע, פונעם דאָקטער פאר אָרעמע, פונעם וועכטער פונ נאכטלעגער־הויז... כאלוימעס פונ אלצ שנעלער לויפנדיקע קאָנווייערס פונ ברומענדיקע צעמאָלנדיקע דאמפּ־האמערס פונ די נערוונ צערייצנדיקנ ריטמ פונ די אויטאָמאטישע שטאנצ־מאשינעס, פונ אראָפּפאלנדיקע בעטאָנ־מאסנ... קינדער־טרוימענ וועגנ א פּאָר שטיוול, וועגנ דער ווארעמער אויוועלע אינ דער שול און וועגנ די עפּל בא דער פרוי, וואָס האנדלט מיט פרוכט. אפ דער ווײַסער ווארעמער הויט פונ די קינדער פאלנ באנאכט אראָפּ וואנצנ פונ די פארפלעקטע טאפּעטנ...

דונערנדיקע קלעפּ אינ דער טיר פונ דער וווינונג!

אינ דרײַ, פיר שטיבער פאלט די הארטע קלאַפּערײַ ווי א פויסט אינ מויעכ פונ די שלאָפנדיקע. אינ די עטלעכע סעקונדעס פונ דעם באוווסטלאָזנ באנעמענ דעם גערויש ביז צום באוווסטזיניקנ הערנ, דריקנ זיכ צונויפ איימעדיקע כאלוימעס. וועגנ דעם געריכט־אויספירער, וואָס וויל עקסמיטירנ, ארויסזעצנ מיט גוואלד פונ דער דירע; וועגנ דער פּאָליציי, וואָס קומט אפ א רעוויזיע, וועגנ דעם הויז־פארוואלטער, וואָס פארלאנגט דראָענדיק די כויוועס פונ דירע־געלט...

אינ די גרויסע, העלע צימערנ פונ בורזשואזנ קווארטאל, וואָס פאר זייערע פענצטער ליגט די קילע, סוידעספולע נאכט־לופט פונ די סעדער, שלאָפנ קינדער אינ ווײַסע בעטלעך. און יעדנ אָוונט זינגענ זיי מיספּאלעל:

„איכ בינ מיד, לייג זיכ שלאָפנ,
שליס זשע מײַנע אויגנ צו.
פאָטער, נעמ זשע דײַנע אויגנ
פונ מײַנ בעטל ניט אראָפּ.“

דערנאָכ שלאָפנ זיי און טרוימענ וועגנ גאָט, דעם פאָטער מיט דער לאנגער ווײַסער באָרד, וועגנ די גאָלדענע קוילנ פונ דער נאכט, וועגנ גרויסע שניי־ווײַסע רײַט־

פערד, וואָס טראָגנ זיי אפ פליגלענ איבער דער שלאָפנדיקער שטילער שטאָט, אונ וועגנ זייערע נײַע ליאלקעס־קינדער, וואָס הייסנ רוט אונ ראָזע, אונ וואָס טראָגנ זײַדענע קליידער. אינ דעמ געסל אינ וועדינג זײַנענ די הויפנ אזוי טיפ, אז ד־ קליינע הײַדי, ווענ זי שטייט אינ אָוונט באמ פענצטער, זעט זי ניט די שטערנ אינ דעמ הימל, פונ וועלכנ עס שוועבנ ארונטער „די גאָלדענע קוילנ פונ דער נאכט". אינ דעמ געסל פונ וועדינג האָבנ די גאָלדענע קוילנ פארוואנדלט אינ טונקעלע הענגענדיקע שאָטנס, וואָס ליגנ אפ די פענעמער פונ די קינדער ווי א שטאנדהאפטיקער פוילער גערוכ. אינ דעמ געסל פונ וועדינג לערנענ אויכ ניט די דערוואקסענע די קינדער צונויפלייגנ די הענטלעכ, נאָר זיי ווײַזנ זיי ווי מע מאכט א פויסט אונ מע זאָגט דערצו „רויט פראָנט!"

אונ אויכ וועגנ דעמ האָבנ אסאכ אינ דעמ רויטנ געסל געכאָלעמט אינ דער דאָזיקער נאכט, וואָס איז געווענ פיר מאָל פיר אונ צוואנציק שאָ ווײַט פונ דעמ ערשטנ מײַ..

פינפ א זייגער האָבנ זיכ דערהערט די ערשטע טריט אפ די טרעפ, אונ מענטשנ זײַנענ געגאנגענ מיט א לײַכטנ ציטער פונ קעלט, מיט די טעשלעכ אונטערנ אָרעמ איבער טונקעלנ הויפ. פארבײַ דעמ וואָקזאל וועדינג האָבנ זיכ שוינ געקײַקלט די פרײַקע צוגנ מיט שווײַגנדיקע, ניטאויסגעשלאָפענע ארבעטער אינ די אינדוסטריעלע קווארטאלנ פונ סימענסשטאט, רומעלסבורג אונ רייניקענדאָרפ...

.3

א טעגלעכע געשיכטע מיט א אומדערווארטעטנ אויסגאנג.

אינ דעמזעלבנ פרימאָרגנ פונקט צענ אזייגער האָט א קליינער, דיקלעכער הער מיט א שווארצנ לעדערנעמ פאָרטפעל אונטערנ האנט געקלאפט אינ טיר אפנ דריטנ עטאזש אינ דער קווער־געבײַדע פונ דעמ הויז נומער 3. אלצ איז געבליבנ שטיל. נאָכ אמאָל האָט ער אָנגעקלאפט הארט אונ פעסט.

הינטער דער טיר האָט מענ זיכ ניט גערירט.

„פרוי קריגער, וועט איר ניט עפענענ פרײַווילִיק, וועל איכ מוזנ הייסנ אויפברעכנ דעמ שלאָס", האָט ער א געשריי געטאָנ, אײַנבויגנדיק זיכ דערבײַ עטוואָס, קעדיי זײַנ מויל זאָל אויסקומענ אנטקעגנ דעמ לעכל פונ שליסל.

אינ דער וווינונג הינטער דער טיר האָט א קליינ קינד אָנגעהויבנ צו וויינענ. אונטנ האָט א קלאפ געטאָנ א טיר, אונ אימיצער האָט אָנגעהויבנ לאנגזאמ ארופצוגייג. פונונטנ האָט זיכ באוויזנ אנ ארבעטער. דערזעענדיק דעמ דיקנ הער פאר דער טיר, איז ער געבליבנ שטיינ.

„אהא... איר זײַט דאָס! וואָס מאכט איר דאָ אָנ פאר א טומל, מײַנ פרוי איז קראנק!" האָט ער א וואָרטשע געטאָנ אונ איז אוועק צוריק אראָפ. דער הער האָט געהערט, ווי ער איז שנעל אראָפ פונ די טרעפ אונ א לאָז געטאָנ זיכ איבערנ הויפ.

דעם דיקנ איז געוואָרנ קאַלעמוטנע אפנ הארצנ. וואָלט אים זיכ נאָר אײַנגעגעבנ ארײַנקריגנ זיכ אינ דער וווינונג, ניט אָנווענדנדיק קיינ געוואלט! דאָס זעט אזוי געפערלעכ אויס—אופברעכנ די טיר.

פּאָרזיכטיק האָט ער געזאָגט דורכנ לעכל פונ שליסל. „עפנט זשע אופ, פרוי קריגער, וועלנ מיר שוינ דערנאָכ זענ ווײַטער!"

הינטער דער טיר האָט ער גאָרניט געהערט, אָבער די טיר איז פּלוצלינג אזוי האסטיק אופגעריסנ געוואָרנ, אז ער איז א דערשראָקענער אָפּגעשפּרונגענ אפ הינטנ.

„וואָס ווילט איר פונ מיר האָבנ... איר וועט אהער ניט ארײַנגיינ... איר קענט רופנ פּאָליציי!!"

אינ דעם טונקעלנ ענגנ פירהויז איז געשטאנענ א יונגע פרוי. אפ דער האנט האָט זי געהאלטנ אײַנגעוויקלט אינ א ברוינע צעריסענע דעקע א וויינענדיק קליינ קינד. פאר שרעק האָט די פרוי געשריענ מיט אזא קוויטשעדיק־קלינגענדיקנ קאָל, אז מע האָט אים געהערט ווײַט איבערנ גאנצנ הויפ.

נו — אזעלכע זאכנ האָבנ מיר שוינ געזענ, האָט געטראכט דער דיקער. דערזענדיק, אז די פרוי געפינט זיכ אליינ אינ דער וווינונג, האָט ער זיכ שנעל אנטשלאָסנ. געשיקט האָט ער ארײַנגעשטעלט א פוס צווישנ דער טיר אונ מיט זײַנ מאַסיווער ברייטקײַט האָט ער אָפּגעשטויסנ אפ א זײַט די קליינע בלאסע פרוי.

„פרוי קריגער, איכ מאכ אײַכ אופמערקזאם, אז איר טאָרט זיכ ניט אנטקעגנשטעלנ דער מעלוכע־מאכט..." ניט געקוקט אפ דעם, וואָס די פרוי איז פאר שרעק אונ אופרעגונג געווענ אויסער זיכ אונ האָט אים איבערהויפּט ניט געהערט, האָט ער גערעדט ווײַטער מיט א אָפיציעלנ טאָנ: „אזוי ווי איר האָט ניט באצאָלט די 47 מארק דירע־געלט, וואָס קומט פונ אײַכ אונ וואָס מע האָט בא אײַכ שוינ עטלעכע מאָל געפאָדערט, אונ דער צדאָקע־אמט זאָגט זיכ אָפ צו באצאָלנ פאר אײַכ די דירע־געלט אויסער די 8 מארק, וואָס איר באקומט פונ אים וועכנטלעכ, איז אײַכ אָנגעוויזנ געוואָרנ צו באפרײַענ די וווינונג ביז 10 אזייגער הײַנט פארמיטיק. אזוי ווי איר האָט ניט אויסגעפילט דידאָזיקע אָנווײַזונג, בינ איכ גענויט אײַכ ארויסצוזעצנ. פאקט שנעל אופ אײַערע זאכנ. אונטנ שטייט א וואָגנ, וואָס וועט אָפּפירנ די מעבל אינ א שפּײַכלער. איכ האָב קיינ סאכ צײַט ניט!"

ער האָט זיכ אויסגעדרייט אונ, שוינ מער ניט לייגנדיק קיינ אכט אפ דער פרוי, האָט ער מיט דער פוס אנ עפנ געטאָנ די טיר פונ דעם איינציקנ צימער, וואָס די דירע האָט פארמאָגט. יאָ, דאָ איז ווייניקסטנס ניטאָ וואָס ארויסצוּוואַרפנ! מאָדנע, האָט געטראכט דער דיקער, אונ האָט זיכ ארומגעקוקט אינ פוסטנ צימער, פונ דרויסנ האָבנ די הײַזער נאָכ א פארהעלטניסמעסיק אָנשטענדיקנ אויסזענ. מע וואָלט גאָר ניט געקאָנט מיינענ, אז דאָ איז אזא עלנטקײַט. די מענטשנ האָבנ אפילע קיינ בעט ניט!

א שטיל פישטשענ האָט צוגעצויגנ זײַנ אופמערקזאמקײַט. אפ אנ אלטנ מאטראצ, וואָס איז געלעגנ אינ מיטנ צימער אפ דער פּאָדלאָגע—וואַרשײַנלעכ א געלעגער פאר דער גאנצער פאמיליע — איז געלעגנ אײַנגעוויקלט אינ אנ אלטער דעקע א קליינע בלאָנדע מיידעלע. גאָר אומנאטירלעכ האָבנ אויסגעזענ די ארויסטארטשנדיקע באקנ־

בײַנער אפ דעם אײַנגעפאלענעם פארבלאָזנ פּאָנעם. אפ דער דארער קימאט אָנ פלײש האלדז איז אונטער דער בלוטלאָזער הויט געלעגנ דער גאָרגל װי עפעס אנ אָנװוקס.

„שרעקלעכ, װי לעבט דאָס איבערהויפט," האָט געשעפטשעט דער דיקער, שאָקלענדיק מיט א פאָרװורפ דעם קאָפּ. ער איז װירקלעכ געװענ פונ דעם בילד אומאָנגענעם באַרירט. אכ... איז דאָס פאראנ אנ עלנטקײַט!

ער איז צוגעגאנגענ צום פענצטער, קעדײ ארופצורופנ פונ הויפ זײַנע טרעגער. ער װאָלט װעלנ װאָס גיכער אָפּאטערנ דעם אײַסעק. ער האָט אופגעעפנט די פענצטער אונ האָט זיכ ארויסגעבויגנ.

װאָס איז דאָרטנ געשענ...?!

א פארכידעשטער האָט ער דערזענ, אז דער הויפ האָט זיכ אינגאנצנ געביטנ. דער הויפ, װאָס איז פריִער געװענ פוסט, איז געװאָרנ פול מיט אופגערעגטע װײַבער, װאָס האָבנ עפעס האסטיק אײַנגעטײַנעט מיט די דרײַ טרעגער, װעלכע זײַנענ געשטאנענ צװישנ זײ. עס האָט ניט אויסגעזענ, אז די ארבעטער זאָלנ עפעס װידערשפרעכנ די װײַבער. קימאט אינ אלע פענצטער זײַנענ געזעסנ די אײַנװױנער, װאָס האָבנ עפעס געשריִענ אונ געשאָלטנ...

„אָטאָ איז ער דער כעװרע־מאנ!"

הונדערטער פענעמער האָבנ א קוק געטאָנ אפ אימ ארופ.

„ארויסװארפנ דעם לומפ... אװעק פונ פענצטער... טאליענ... כוליגאנ!"

„װי שעמט איר זיכ ניט אויסצופילנ אזא שליכעס!"

א דערשראָקענער איז ער אָפּגעטראָטנ פונ פענצטער. מײַנ גאָט, דער גאנצער הויפ איז דאָכ אופגעבונטעװעט...! װאָס װילנ זײ אָבער פונ אימ? עפשער װאָלט טאקע בעסער געװענ, װענ ער װאָלט מיטגענומענ פּאָליצײ, אָט װאָס ער האָט פונ זײַנ גוטמוטיקײַט!

ער האָט זיכ ניט דרײסט ארומגעקוקט. דאָס קראנקע קינד האָט נאָכ אלצ געפּישטשעט שטיל. עס האָט געװויס געהאט א הויכע טעמפעראטור, עפשער געװענ ניט באמ באװוסטזײַנ...

„װארפט דעמ טאליענ אר־ר־ר־וי־וי־סססס!"

ער האָט א ציטער געטאָנ. גאנצ דײַטלעכ האָט ער געהערט דידאָזיקע קװיטשעדיקע צעצויגענע פרויענ־שטימע. ניט װילנדיק האָט ער זיכ אײַנגעבויגנ אונ מיט שרעק א קוק געטאָנ אפנ פענצטער. עפשער װעלנ זײ נאָכ אָנהײבנ װארפנ אהער שטײנער...?! װאָלט ער זיכ געקענט ארויסכאפנ פונ דאנענ. אָבער עס איז שויכ געװענ אומעגלעכ, דער הויפ איז געװענ פול מיט אופגערעגטע מענטשנ...!

ער האָט דערהערט טריט אפ די טרעפ.

„איצט גײענ זײ אהער!" האָט ער שטיל א שעפטשע געטאָנ.

די טריט האָבנ זיכ דערנענטערט. אָט־אָט דראָענדיקע טריט... אימיצער איז דורכגעגאנגענ דורכנ פירהויז, װו עס איז נאָכ אלץ געשטאנענ די יאָמערדיקע פרוי מיטנ קינד.

א טיפע רויִקע מענער־שטימע האָט געזאָגט: „נו, שרעקט זיכ ניט אזוי, פרוי קרײנער... אזוי, לאָזט אונדז נאָר דורכ".

די טיר האָט זיכ אופגעעפנט. ציטערנדיק איז דער דיקער מיטנ פּאָרטפעל אונ־

שטערן האנט געשטאנען באם פענצטער, אפּ דער קורצער דיקער האלדז האָט געברענט א גרויסער רויטער פלעק. דאָס מויל איז פון אופרעגונג געווען האלב אָפן.

אין צימער האָט זיך אריינגערוקט די ברייטע פיגור פון אן ארבעטער, וואָס איז געווען אלט א יאָר עטלעכע און דרייסיק, האגאם מע האָט געקאָנט זען, ווען ער האָט מיט דער האנט פארשארט דאָס היטל ארופ, אז ער האָט שוין גרויע האָר. דאָס אשיקע, ערנסטע פּאָנעם פון ארבעטער האָט געקוקט אפן קראנקן קינד. עפּעס האָט זיך באוועגט אין זיין רויקן פּאָנעם. זיינע שמאָלע ליפּן זיינען געוואָרן נאָך דינער. הינטער אים זיינען אריין די דריי ארבעטער פון דעם געריכטס־אויספירער אין זייערע בלויע ארבעט־בלוזן.

דער אויסזען פונעם שטילן ערנסטן ארבעטער האָט באווּיקט דעם דיקן. דער מענטש האָט, ווייזט אויס, געהאט דאָ א געוויסן אווטאָריטעט. פארבויגנדיק זיך האלב, איז ער צו אים צוגעגאנגען אפּ א טריט נעענטער.

„בענדאָווסקי איז מיין נאָמען...“ בענדאָווסקי, „האָט ער איבערגעכאזערט העפלעך, אראָפּנעמענדיק זיין שטייפן הוט און האָט ווייטער זיך געאיילט צו ריידן. „פארשטייט איר, מיין הער... עס פארדריסט מיר אליין זייער שטארק... איבערהויפּט, ווען מע זעט דאָ דעם קינד... ניין... שרעקלעך, בעעמעס... דידאָזיקע נויט איצט?!. אָבער איך בעט אייך, איבערצייגט אייך אליין...“ אופגערעגט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו גריבלען אין פּאָרטפעל און האָט ארויסגעשלעפּט א פּאפיר.

מיט א קורצער האנט־באוועגונג האָט אים דער ארבעטער איבערגעריסן. „גוט... איר מוזט וויסן, וואָס איר טוט... ווער עס נ[illegible]ן פאראָרדענונגען פון מענוואָלים, איז אליין אויך ניט ווייט דערפון!“ ער האָט דאָס געזאָגט גאנץ רויק, אפילע ניט קוקנדיק אפן דיקן, און האָט זיך דערנאָך געווענדעט צו די דריי ארבעטער, וואָס זיינען אריין הינטער אים:

„אָבער איר... איר זייט דאָך פּראָלעטאריער ווי מיר. ווייל איר האָט אליין גאָרניט, וויל מען אייך פאר א פּאָר שמוציקע גראָשן מאכן פאר טאליאָנים פון אייערע קלאסן־באוויירים. קוקט זיך גאָר איין, וואָס דאָ טוט זיך! דער מאן איז שוין צוויי יאָר ארבעטלאָז, ווייל ער איז א לונגנקראנקער, קריגט ער דעריבער אויך ניט קיין אונטער־שטיצונג פאר ארבעטלאָזיקייט. די מיידל דאָ איז שוין א יאָר צייט שחינדזוכטיק. א מאָנאט קריגן זיי די 32—34 מארק פון צדאָקע־אמט און א פלאש ליזאָל פון דער בעוורדע פאר לונגנקראנקע. מיט צוויי כאדאָשים צוריק האָט מען בא דעם מאן אויס־געפּאָמפּעט די ליזאָל פון מאָגן, פון דאן גיט מען אים שוין דאָס אויך ניט. אפן מארק פרוּווט ער פארדינען א פּאָר פעניג. דאָס לאָך דאָ, קאָסט א מאָנאט 25 מאָרק דירה־געלט, בלייבט פאר זיי 7 מארק צום לעבן, אריינגערעכנט פארוויילונגען און זומער־רייזעס—אָט, און אויב איר האָט איצט מוט די פּאָר שמאָכטעס ארויסוואַרפן און דאָס קראנקע קינד ארויסזעצן אפּ דער גאס, הייבט זשע אָן!“ ער האָט זיך אומ־געדרייט און איז ארויס, ניט קוקנדיק אפּ קיינעם אין צימער.

א ווײַלע איז געווען שטיל. מיט אומצוטרוי, פון דער זייט, מיט אן אויסשפּירנ־דיקן בליק האָט דער דיקער געקוקט אפּ די דריי שווייגנדיקע ארבעטער. איינער פון זיי האָט פלוצלינג אופגעהויבן זיין פּאָנעם און געזאָגט גאנץ הויך אפן קאָל „ניין... איך ניט! לומפּן וואָלטן מיר געווען! מאכט דאָס אליין, הער...“

די צחיי אנדערע האָבנ נאָר צוגעשאָקלט מיטנ קאָפ, האָבנ נאָנאמאָל א קוק געטאָנ אפנ קינד, וואָס איז איצט מאָדנע שטיל געוואָרנ, און זײַנע פארשוווּדנ אינ טונקעלנ פירהויז.

דער דיקער איז ווידער אלײנ געבליבנ שטײנ אינ צימער מיטנ קינד. ער איז געווענ אזוי הילפלאָז, אזוי אָנ אנ אויסוועג, אז ער האָט אפילע גאָרניט ריכטיק פארשטאנענ די אומגעהויערלעכקײַט פונ אזא פלוצלינגדיקנ אָפזאָגנ זיכ פונ ארבעט. דאָס איז דאָכ פּאָשעט אומעגלעכ... אזוינס קאָנ דאָכ ניט פּאסירנ?! די מענטשנ זײַנענ דאָכ באשטעלט געוואָרנ דערצו, באקומענ זייער געלט... און איצט ווילנ זיי ניט...?

דער געריכט־אויספירער בענדאָווסקי איז געווענ א צו פראקטישער מענטש, ער זאָל זיכ צו לאנג פארהאלטנ בא אומאָנגענעמע אומקלאָרע סיטואציעס. אנטשלאָסנ האָט ער ארופגערוקט זײַנ שווארצ שטײַפ הוט, וואָס ער האָט נאָכ אלצ געהאלטנ אינ האנט, אפנ רויטנ, בלאנקנ קאָפ און איז ארויסגעלאָפנ אינ פירהויז, קעדיי אופ־צוזוכנ דעמ ארבעטער, וואָס האָט נאָר וואָס גערעדט אינ צימער.

„אכ... הער... זײַט אזוי גוט, איכ בעט אײַכ... איכ ווייס ניט ווי איר הייסט... איר וועט עפשער זײַנ אזוי גוט און איר וועט זאָגנ דערפאר, אז איכ זאָל קאָנענ ניט געשטערט פארלאָזנ דאָס הויז?”

ער האָט זיכ אינדרויסנ געדרייט פונ העפלעכקײַט. „עפשער קאָנ איכ מיט אײַכ נאָכ א פאָר מינוט ריידנ וועגנ די איבעריקע עקסמיסיעס, וואָס איכ האָב דאָ אינ גאס... ווי זאָל איכ דאָס אלצ איצט מאכנ?!” דערביי האָט ער ארויסגענומענ א גאנצנ הויפנ פאפירנ פונ זײַנ פאָרטפעל.

„איר האָט ניט וואָס מוירע צו האָבנ!” האָט רויִק געזאָגט דער ארבעטער. „קיינער וועט אײַכ ניט טשעפּענ”. מיט א קיוונ האָט ער זיכ געמאכט ניט הערנדיק וועגנ די אנדערע עקסמיסיעס, וועגנ וועלכע דער דיקער האָט גערעדט. „זיי האָבנ נאָכ פאר אונדז געגוג...”, האָט ער געטראכט און האָט שטיל א פײַפ געטאָנ דורכ די ציינ. — די פרויענ אפ די טרעפ האָבנ אופגענומענ די דרײַ ארבעטער מיט הויכע בראוואָ־געשרייענ. איינ פרוי האָט גלײַכ געבראכט א טאָפ הייסע קאווע און דרײַ דיקע פוטער־ברויטנ. אלע האָבנ געלאכט און געטײַנעט איינער צום צווייטנ. די אופגערעגטע שטימונג איז מיט אמאָל פארוואנדלט געוואָרנ אינ א לעבעדיקער פרייזלעכקײַט.

צום ערשטנ מאָל האָט די גאס—דערוויילע ווייניקסטנס—אָפגעהאלטנ א זיג איבער דידאָזיקע עקסמיסיע־טאליאָנימ אדאנק דער סאָלידאריטעט פונ די דרײַ ארבעטער. זיי האָבנ דערציילט, אז דער פראָפאריינ האָט זיי ווי ארבעטלאָזע געשיקט אפ דער־דאָזיקער ארבעט און זיי האָבנ קיינ שום באגריפ ניט געהאט דערפונ.

איינער האָט זיי געגעבנ צו פאָר פאפיראָסנ. סאָפקאָלסאָפ זײַנענ זיי אויכ אר־בעטלאָזע און מע האָט פארשטאנענ, אז זיי איז גאָרניט אזוי גרינג געווענ זיכ אָפ־זאָגנ פונ די פאָר מארק, וואָס זיי האָט זיכ געמאכט צו פארדינענ. מע קאָנ זיי נאָכ אמאָל אָפנעמענ אויכ די ארבעטלאָזיקײַט־אונטערשטיצונג פאר „אָפזאָגנ זיכ פונ ארבעט”! — אויסערדעמ האָט די גאנצע געשיכטע פאר אייניקע פונ די, וואָס זײַנענ געשטאנענ אפ די טרעפ, געהאט א גאנצ באזונדערע אקטועלע באדײַטונג. ניט איי־

נער פון זיי האָט געהאט בא זיך שוין פון עטלעכע טעג די מעלדונג וועגן עקסמיסיע. איצט מוז מען עס צוזאמען אָרגאניזירן.

„אָטאָ איז ער...!" א פרוי האָט אָנגעוויזן אפ די טרעפ ארוף, ווו דער דיקער איז געשטאנען מיט א דערשראָקענעם פּאָנעם און ווײַזט אויס זיך ניט געקענט באשליסן אראָפגיין איבער דעם איבערגעפולטן טרעפ.

ווי מע האָט אים נאָר דערזען איז דער אוילעם ווידער געוואָרן אופגערעגט. עס האָבן זיך דערהערט דראָונגען.

„כאזיירים, נאָר ניט מאכן קיין נארישקייטן... לאָזן דוייק ארויסגיין!" דער ארבעטער מיט די ברייטע פּלייצעס איז געשטאנען הינטער דעם דיקן. די ארבעטער־פרויען זײַנען אָפּגעגאנגען אָן א זײַט. אונטער א אײַזיקער שטילקײַט איז דער דיקער אראָפּ פון די טרעפ, האלטנדיק פעסט צוגעדריקט דעם פּאָרטפעל און ניט אופהייבנדיק די אויגן. זײַנע איימע וואָלט געוויס נאָך גרעסער געוואָרן, ווען ער וואָלט געזען די אויגן, וואָס האָבן אים נאָכגעקוקט. נאָר ביים ער איז מיט זײַנע קורצע שנעלע טריט געלאָפן איבערן הויף, האָט א טראסק געטאָן הינטער אים אפ די שטיינער א פארוויאלעטער בלומען־טאָפּ. די קינדער האָבן אים אפ די פינגער נאָכגעפײַפט.

ערשט אפן גאָטלעבעקפּלאַץ, אז ער האָט דערזען דעם העלם פון א פּאָליציאנט, איז ער געקומען צו זיך. פּלוצלינג האָט ער באמערקט, אז ער לויפט בוכשטעבלעך שרעקלעך... עס וואָלט געפאסט, אז אימיצער זאָל דאָס זען!

★

אין הויז נומער 3 איז דער ארבעטער מיט די ברייטע פּלייצעס און מיט די גרויע האָר אפן יונגן פּאָנעם לאנגזאם ארופגעגאנגען צו זיך אין וווינונג. ער האָט זיך שטארק פארטראכט. אפ דער טיר, ווו ער איז ארײַן, איז אפ אן אלטן עמאלירטן שילדל געשטאנען: הערמאן זידערופ. דאָס איז געווען דער פּאָליטישער אָנפירער פון דעם קאָמוניסטישן גאסן־קעמערל...

4

צום „רויטן נאכטיגאל"

קימאט יעדן אָוונט פלעגט זיך די יוגנט פון קעזלינער קווארטאל צוזאמענטרעפן אינעם לאָקאל „דער רויטער נאכטיגאל". אויך הײַנט איז געווען פול געדיכט אָנגעפאקט מיט מענטשן אין די אָנגערויכערטע צימערן. די ארבעטער פון דעם געסל האָבן דעם „רויטן נאכטיגאל" צוגעגעבן א באשטימטע פּאָליטישע אטמאָספערע, אזא וואָס אין אנדערע בערלינער קנייפּעס געפינט מען ניט. אלץ איז דאָ געווען ענלעך צו א רויטן ארבעטער־קלוב. אלע האָבן גוט געקענט איינער דעם אנדערן, און פרעמדע פּענעמער פלעגן דאָ זיך ווײַזן גאנץ זעלטן. קעגן פרעמדע האָט מען געפילט אן אומצוטרוי.

אײנמאָל האָבנ קרימינאַל־באַאַמטע פונ דער אָפּטײלונג AI[1]) געפּרוּװט זיכ צוזעצנ דאָ בײַ א טיש אונ האָבנ װי א מינ לעגיטימאַציע[2]) ארויסגעשלעפּט פונ קעשענע די „ראָטע פאַנע". פּערזענלעכ האָט מענ זײ אינ קעזלינער קװאַרטאַל ניט געקענט. אָבער פאַר די ארבעטער איז גענוג געװענ נאָר צו זענ, װיאַזױ זײ האָבנ זיכ געזעצט, װיאַזױ זײ האָבנ גענומענ אינ האַנט די גלאָז ביר... דאָס האָבנ זײ שױנ דערשמעקט, װענ זײ זײַנענ נאָכ ארײַנגעקומענ אונ אַזױ גוט־מוטיק געזאָגט „גוטנ אָװנט". דיראָזיקע גוילעמס, זײ האָבנ גערעכנט, אַז זײ קאָנענ זיכ רויִק אװעקזעצנ אינ „רויטנ נאַכטיגאַל" אונ שפּיאָנירנ. נאָכ אײדער זײ האָבנ באַװיזנ אָנצוװאַרעמענ די שטולנ, זײַנענ זײ שױנ װידער געװענ אפּ דער פרישער לופט. פונ דעמלט האָבנ די „אָקסנ" זײ געלאָזנ צו רו. װער עס געהערט ניט צו דער קאָמפּאַניע, קאָנ בלײַבנ דרויסנ!

אפּ ז״י װענט זײַנענ געהאַנגענ, אינ אָרדענונג אָנגעצויגענע אפּ העלצלעכ פאַרשײַדענע קאָמוניסטישע צײַטונגנע אונ איליוסטרירטע בלעטער. איבער זײ גרויסע מיט פאָטאָגראַפּיעס באַפּוצטע טאָװלענ פונ די ספּאָרט־פאַרײנענ, װאָס פלעגנ דאָ אָפּהאַלטנ זײערע זיצונגענ. פונ דער זײַט איז געשטאַנענ א טאָמבאַנק מיט א גלעזערנעם שראַנק פאַר װורשט־סבוירעס, פונ הינטנ א שפּיגל־שראַנק מיט ביר־גלעזער, פּאַפּיראָסנ, פלעשער מיט שנאַפּס א.א.װ. אפּ א פּירקאַנטיקנ טעקטור־שילדל איז געװענ געשריבנ:

דאָ קאָנ מענ באַקומענ גוטע געטראַנקענ
אָנ אַלקאָהאָל
א גלאָז 10 אונ 20 פּפעניג

הינטערנ טאָמבאַנק איז געשטאַנענ דער אײגנטימער פונ „רויטנ נאַכטיגאַל" דער שװאַרצער װילי. א שטילער, גוטמוטיקער מענטש, װאָס פלעגט פאַר די ארבעטלאָזע, װעלכע פלעגנ אהער ארײַנקומענ, עפּענענ אינ זײַנ שװאַרצנ פאַרפעטסטנ בוכ א גאַנצ הויכנ קרעדיט. נײנ—דער „רויטער נאַכטיגאַל" איז ניט געװענ קײנ לאָקאַל צום שי־קערנ!

—

דער דורכגאַנג־צימער, װאָס האָט געפירט צום קלײנעם זאַל הינטנ, איז געװענ דאָס אָרט, װו די יוגנט פלעגט זיכ זאַמלענ, קימאַט אלע אינ די גרױע אוניפאָרמס פונ רויטנ פראָנטקעמפער־בונד אונ פונ יונג־שטורעם. די דיסקוסיע האָט זיכ שױנ װידער פאַנאַנדערגעפלאַקערט. אָטאָ, דער אָנפירער פונ יונג־שטורעם־אָפּטײלונג, איז שױנ געקומענ.

„כאַװײרים, װעט איר אַזױ שרײַענ, װעט קײנער א װאָרט ניט פאַרשטײנ!" האָט אויסגערופנ א יונגער הויכער מענטש, װאָס איז נאָכ געװענ אינ זײַנע ארבעטער־קלײדער. פריצ האָט זיכ אויסגעדרײט צום הויכנ:

„הער נאָר, אָטאָ..., װי קאָנ דאָס זײַנ... װי קאָנ ער פאַרװערנ דעם 1־טנ מײַ, אַז די טראַנספּאָרט־ארבעטער האָבנ צװײ מאָל אײַנשטימיק באַשלאָסנ פײַערנ דעם 1־טנ

1) ז״י פּאָליטישע אָפּטײלונג פונ בערלינער פּאָליצײ.
2) לעגיטימאַציע—פּערזענלעכע צײַגעניש.

מײַ? און אז אין בערלין װעט קײן באַן ניט פֿאָרן, װעט דאָך ניט קאָנען קײן שום אַרבעט זײַן" פֿול מיט רעציכע האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז זײַנע כאַװײרים האָבן אַלע אױסגעזעסן א געלעכטער.

„כאַכאַכאַ... אָ, פּריץ, ביזט נאָר כיטרע!"

„פּריץ..., עפּשער װײס דאָס נאָך ניט דער פּאָליצײ־פּרעזידענט?"

„כאַכאַ... כאַכאַ...!"

„שטיל'ער, יאַטנ", האָט ענערגיש זיך אַרײַנגעמישט אָטאָ, „װאָס לאַכט איר אַזױ פֿון פּריצן. אַביסל איז ער דאָך גערעכט. װעט מיטװאָך די באַן ניט פֿאָרן, איז דאָס פֿאַר אונדז שױן א האַלבער זיג. אין דער שטאָט װעט שױן גאָר אַנדערש אױסזען און די באַלעבעסלעך װעלן שױן פֿון אינדערפֿרי דערפֿילן, אַז עס קומט עפּעס פֿאָר. נאַטירלעך װעט דערפֿון דער פֿאַרבאָט פֿון דעמאָנסטראַציעס ניט אָפּהענגען. אָבער איך װעל אײַך װײַזן, אַז אַפֿילע אַסאַך סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער האָבן נאָך די אילוזיע, אַז דער „כאַװער" פּאָליצײ־פּרעזידענט װעט זיך נאָך „מעיאַשעװ זײַן". הערט נאָר...!"

ער האָט אַרױסגענומען א צײַטונג פֿון קעשענע און האָט זי פֿאַנאַנדערגענומען.

„הערט: „צי װײס ניט דער כאַװער צערגיבעל, אַז דעם ערשטן מײַ װעלן בעל־סאָפֿעק ניט נאָר קאָמוניסטן דעמאָנסטרירן, נאָר אױך גוטע, געטרײַע אַלטע פּאַרטײ־כאַװײרים אונדזערע, װעלכע װעלן זיך ניט לאָזן פֿון קײנעם אָפּנעמען דאָס רעכט צו דעמאָנסטרירן דעם 1־טן מײַ? צי װײס ער ניט, אַז מיט זײַן האַנדלונג דערלאַנגט ער א שװערן קלאַפּ דער פּערציקיאָריקער מײַ־טראַדיציע פֿון אונדזער פּאַרטײ? צי איז דאָס דעם כאַװער ניט אַביסל פּײַנלעך צו זײַן אין אײן קאָמפּאַניע אַקוראַט מיט בולגאַריע און יוגאָסלאַװיע, די פּאָליטיש אָפּגעשטאַנענסטע לענדער פֿון אײראָפּע, װוּ עס הערשט װײַסער טעראָר? צי געפֿינט ניט כאַװער צערגיבעל קײן אַנדער װעג, װוּ דעם װעג פֿון א פּאָליצײ־מעלוכע?"

דער גאַנצער לאָקאַל איז געװאָרן שטיל און האָט זיך צוגעהערט. פֿון דעם ערשטן צימער זײַנען אַרײַן אַרבעטער און האָבן זיך געשטעלט בא דער טיר. אָטאָ האָט איצט געהאַלטן הױך די צײַטונג, קעדײ יעדערער זאָל זי קאָנען זען.

„און װער שרײַבט דאָס?... די סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע צײַטונג פֿון פּלאַוּען!"

א שטראַלנדיקער האָט זיך פּריץ אַרומגעקוקט. „זעט איר... װאָס האָב איך גע־אָגט?" אָטאָ האָט גוטמוטיק געלאַכט: „רױִק, רױִק, פּריץ..., געװיס טראַכטן אַזױ אַסאַך אָנשטענדיקע אַרבעטער, װאָס געפֿינען זיך נאָך בא די סאָציִאַל־דעמאָקראַטן. אָבער מיר טאָרן זיך ניט אײַנשמועסן, אַז דער „כאַװער" פּאָליצײ־פּרעזידענט קימערט זיך װעגן דעם. ער פּײַפֿט אױף דעם!"

„כאַװײרים", האָט פֿאָרגעזעצט אָטאָ, „סײַ די ספּ"ד, סײַ די רעגירונג קאָנען איצט בעשום אופֿן ניט דערלאָזן אַף דער גאַס א מאַסן־דעמאָנסטראַציע, װאָס זאָל האָבן א רעװאָליוציִאָנערן קאָמוניסטישן כאַראַקטער. דאָס איז דער גרונט פֿאַרן פֿאַרבאָט, װאָס װעט באַשטימט ניט אָפּגעשאַפֿט װערן!"

אין פֿאָדערשטן צימער האָט מען פּלוצלונג אױפֿגעריסן די טיר. אָן אָטעם האָט זיך אין צימער אַרײַנגעריסן א מײדל, דורכגעלאָפֿן צװישן אױלעם און איז אַרײַנגע־

לאָפנ אינ דורכגאנגצימער. אפ איר טונקעלנ מאנטל האָט זי געטראָגנ א צייכנ פונעמ קאָמוניסטישנ יוגנט־פארבאנד.

„אָטאָ...“, האָט זי געשריענ נאָכ אינ טיר...“ אפ דער באָד־גאס האָבנ די נאַציס[1] באפאלנ דרײַ פונ אונדזוערע—די פענעסער אונטער די דאשעקעס האָבנ זיכ אָנגעצונדנ.

„שנעל ארויס!“

אזעלכע אלארעמס פלעגנ זיכ טרעפנ גאנצ אָפט אינ דער לעצטער צײַט. חײַוט אויס, עס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ א פלאנמעסיקער טאקטיק פונ די נאציאָנאל־סאָציאליסטנ, וואָס האָבנ געפרווט, באפאלנדיק איינצלנע ארבעטער, באפעסטיקנ זיכ אינ רויטנ וועדינג.

★

אינעמ לײדיק געוואָרענעמ צימער האָט דער שווארצער ווילי צוגעטאָפטשעט צומ פענצטער אונ אימ געעפנט.

„א רויכ מאכנ זיי אָנ ווי פונ א קוימענ“, האָט ער פאר זיכ געברומט, אונ האָט צוזאמענגעשאָטנ די אש־בעכערס. דערנאָכ האָט ער אוועקגעשטעלט אפ אנ אָרט עט־לעכע שטולנ אונ איז צוריק אוועק הינטערנ טאָמבאנק.—פאָרנט זײַנען געזעסנ עט־לעכע אלטע אויבעטער, צווישנ זיי דער אלטער היבנער, וואָס איז ניט געקוקט אפ זײַנע 68 יאָר געווענ אנ אקטיווער פונקציאָנאר[2] אינ דעמ פארטיי־קעמערל. אפ די שיטערע שניי־ווײַסע האָר האָט ער געטראָגנ א בלויע, זויבערע קעפקע. ווי עס טרעפט בא אלטע לײַט, איז זײַנ געזיכט־הויט, וואָס איז געווענ דורכגעשניטנ מיט אָנ א צאָל איידעלע קנייטשנ, פונ טאָג צו טאָג ווײַסער געוואָרנ אונ דורכזיכטיקער. עפשער איז דאָס אויכ געווענ דערפאר, ווײַל ער האָט פונ טאָג צו טאָג אלצ ווייניקער געגעסנ. זײַנ יאט, בא וועלכנ ער האָט געוווינט, איז שוינ א יאָר צײַט ארבעטלאָז. דער אל־טער האָט זיכ באמיט וואָס מערער אָפגעבנ פאר די פיר קליינע ווערעמלעכ פונ זײַנ זונ. פאר קינדער איז שווער איבערצוטראָגנ דעמ הונגער ווי פאר אלטע לײַט. ער האָט ארופגעלייגט זײַנע מאָגערע ביינערדיקע הענט מיט די בלויע קניפלדיקע ליניעס אָדערנ אפ דער גאָלקע פונ שטעקנ אונ א קוק געטאָנ אפנ באלעבאָס.

„ווילי... וואָס זאָגסטו דערצו...?“ האָט ער געפרעגט. זײַנ שטימע איז א לאנג־זאמע, עטוואָס א געבראָכענע. דער שווארצער ווילי האָט מיט א שמאטע ארומגעווישט דעמ טאָמבאנק. ער האָט נאָכ אביסל צוגעוואַרט. באמ פאָטער היבנער האָט מענ קיינמאָל ניט געקאָנט געגוי וויסנ, צי ער האָט ניט נאָכ וואָס צו זאָגנ.

„טיא... פאָטער היבנער...“, האָט ער סאָפקאָלסאָפ געזאָגט, ... שווער צו זאָגנ— נאָר איכ טראכט מיר, אויב דעמ נאָנטסטנ מיטוואָכ וועט זײַנ בלוט... איז דאָס נאָר דערפאר, ווײַל די הערנ דאַרפנ אויבנ ווילנ דאָס... א ניט וואָלטנ זיי אמ ענדע מיטנ פארבאָט ניט אזוי געמאכט!“

---

1) „נאציס“—נאציאָנאל־סאָציאליסטנ—פאשיסטנ.

2) פונקציאָנאר—פארטייישער אָנגעשטעלטער.

דער אַלטער האָט שטיל געשאָקלט מיטנ קאָפּ. „ניינ... ניינ, ווילי..., איכ גלויב עס נאָכ ניט! אזוי אַלט ווי איכ בינ היינט האָב איכ יעדנ ערשטנ מײַ געפײַערט, אונ שוינ 40 יאָר, אזוי לאַנג ווי איכ בינ אָרגאַניזירט, בינ איכ געגאַנגענ אפ דער גאַס.—ווילי... איכ געדענק עס נאָכ, ווי מיר האָבנ אינ 1890 צום ערשטנ מאָל דעם ערשטנ מײַ מיט א רויטנ שניפּס אונ רויטע נעגעלעכ אינ קנאָפּ-לאָכ דעמאָנסטרירט דאָ אינ בערלינ, אויסערנ שטאָט באַם לאַנדסבערגער טויער. פאַר שרעק האָבנ זיי דאַנ גלײַכ געגרינדעט דעם „פאַרבאַנד פונ די בערלינער מעטאַל-אינדוסטריעלער" קעגנ דער מײַ-דעמאָנסטראַציע... דער פאַרבאַנד האָט דערנאָכ דער פּאָליציי 3000 מאַרק געגעבנ „פאַר די פאַרדינסטנ", ווײַל זיי זײַנענ קעגנ אונדז מיט בלאַנקע שווערדנ ארויס—דאָס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפנ..."

אונ פּלוצלונג האָט פאָטער היבנער א שפּײַ געטאָנ—וואָס ער וואָלט קיינמאָל ניט געטאָנ—ער האָט א שפּײַ געטאָנ אינ מיטנ שטוב. זײַנע מאָגערע, ציטערנדיקע פינגער האָבנ פעסט ארומגעכאַפּט דאָס הענטל פונ שטעקנ אזוי, אז די רעוומאַטישע שלעסער זײַנענ ווײַס געוואָרנ. „איכ אָבער גיט... ווילי... איכ בלײַב ניט אינדער-היים", האָט ער ארויסגעשטויסנ פונ זיכ מיט לאַכלותנ א פאַרענדערטער אופגערעגטער שטימע. דערנאָכ האָט ער זיכ שווער אופגעהויבנ, האָט אוועקגעלייגט צוויי 10 פּפעניג-שטיק אפנ טיש, אראָפּגעשאַרט די היטל אונ הינקענדיק אונ שווײַגנדיק ארויס פונ לאָקאַל.

„צום רועכ...!" דער אַלטער איז אפ אמאָל מעכטיק הויכ געוואָרנ.. א פאַרכידעשטער האָט אים דער שוואַרצער ווילי נאָכגעקוקט. אזא האָט ער דעם אַלטנ נאָכ ניט געזענ. ערשט אינ 1921 יאָר נאָכנ בלוטיקנ אונטערדריקנ דעם מיטל-דײַטשישנ אופשטאַנד האָט זיכ דער פאָטער היבנער אנטשלאָסנ ארויסצוטרעטנ פונ דער ספּ"ד אונ ארײַנטרעטנ אינ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. סאָפּקאָלסאָפּ איז דאָס ניט קיינ קלייניקײַט, דרײַסיק יאָר האָבנ געהערנ צו א פּאַרטיי, וואָס שטעלט היינט ארויס דעמ מענטשנ, וואָס ווײַל מיט פּאָליציי-געוואַלט, פאַרווערנ דעם ערשטנ מײַ...!

מיט רעציכע האָט ער א וואָרפ געטאָנ די שמאַטע אונטערנ טיש. „כאַווירים-באַנדע, פּאַרשאָלטענע...", האָט ער געוואָרטשעט אונ אוועקגעקאָטשעט אינ קליינעמ זאַל, קעדיי אים צוגרייטנ צו דער זיצונג.

5

דאָס 145 גאַסנ-קעמערל.

8 אזייגער. ביסלעכווײַז קומענ איינער נאָכנ אנדערנ ארײַנ אונ גייענ אפ הינטנ אינ קליינעמ זאַל. גרעסטנטייל זײַנענ דאָס אַלטע ארבעטער אונ פרויענ אינ אַלטע אָפּגעטראָגענע קליידער. אַלע האָבנ איינער דעם אנדערנ געקענט אונ האָבנ זיכ באַגריסט מיט גוטמוטיקע וויצנ, האָבנ זיכ אויסגעפרעגט דעם אונ יענעם, וועגנ דער עקסמיסיע פונ היינט פאַר מיטיק א.א.וו. יעדערער האָט גענוי געוווסט וועגנ די זאָרגנ פונ אנדערנ.

די טיר עפנט זיכ ווידער. „ראָט פראָנט!“ הערמאנ גייט אריינ מיט א פּאַק פלוג־בלעטלעכ אונטערנ האנט.

„נו—הערמאנ... וואָס הערט מענ נייַס...?“

שוינ עטלעכע טעג, ווי ער הערט דידאָזיקע פראגע. ווי זי ווערט ארויסגעזאָגט ניט ווי געוויינלעכ.—צופיל האָט זיכ אינ די טעג געטראָגנ אינ דער לופט! אפ די ארבעט־בירושעס, אינ די פאבריקנ, אפ די גאסנ, אינ דער שטאָטישער באנ, אינ די געשעפטנ, אומעטום זייַנענ פארשפרייט געוואָרנ קלאנגענ, וואָס לאָזנ זיכ ניט קאָנטראָלירנ... פּראָוואָקאטערנ?—פרייַנט?—סאָנים?—ווער קאָנ דאָ וויסנ! די רייַכסווער זאָל מיטוואָכ אויסגענוצט ווערנ... דער פּאָליציי־פּרעזידענט, האָט ארויסגעגעבנ א באזונדער באפעל צו שיסנ. דער פארבאָט וועט ביז ערשטנ מייַ אָפּגעשאפט ווערנ... רייַכסווער אונ שטאָלהעלם וועלנ זייַנ איבערגעטאָנ ווי פּאָליציי א.א.וו. די בירגערלעכע צייַטונגענ: „טעמפּאָ“, „נאכט־אויסגאבע“, דער „פאָרווערטס“ האָבנ באָמבארדירט בערלינ מיט העצ־קעפּלעכ. ווו איז דער עמעס—ווו איז דער ליגנ?!

הערמאנ האָט רויִק אוועקגעלייגט זייַנע פלוג־בלעטלעכ אפנ טיש. „כאחיירים, מע דארפ ניט זייַנ אזוי נערוועז!—עס איז פאראנ אסאכ נייַס. דאָס סאמע נייַסטע איז, אז בראָלאט [1]) האָט פארבאָטנ זייַנע טראנספּאָרט־ארבעטער צו פייַערנ דעם ערשטנ מייַ!“

„וואָ...?“

„דאָס איז ניט עמעס!“

„נו, אויב דער „אָוונט־פאָרווערטס“ שרייַבט וועגנ דעם, מוז דאָס זייַנ עמעס“, האָט טרוקנ געענטפערט הערמאנ.

„דערדאָזיקער מענוועל... טפו, טייַוול... אונ ער וויל נאָכ בא אונדז אינ וועדינג ווערנ בירגערמייסטער...?“

מאָמענטאל איז דער לאָקאל פול געוואָרנ מיט אנ אופגערעגטער דיסקוסיע. אזוי גאָר ווילנ זיי דאָס מאכנ! אונ וואָס וועלנ דערצו זאָגנ די טראנספּאָרט־ארבעטער...? פונ וועגנ אָנ לאָזט זיכ די ארבעטערשאפט דיקטירנ, צי זי זאָל פייַערנ דעם 1־טנ מייַ, צי ניט, דערצו נאָכ מיצאד א סאָציִאַל־דעמאָקראטישנ דירעקטער... צו אלדי שווארצע יאָר, א שיינער סאָציִ איז דאָס!—צו וואָס זיצנ די סאָציִאַל־דעמאָקראטישע ביוראָקראטנ ווי דירעקטערנ אינ די שטאָטישע אנשטאלטנ? אויב די טראנספּאָרט־ארבעטער וועלנ ווארפנ די ארבעט, וועט דאָס אָפּמישנ וייערע אלע כעזשבוינעס, מוז בראָלאט קומענ צוהילפ, קעדיי צוזאמענ מיט דער פּראָפּאריינישער ביוראָקראטיע שטערנ דורכפירנ דעם באשלוס פונ די ארבעטער וועגנ ווארפנ די ארבעט דעם ערשטנ מייַ. דאָס קאָנ פארשטיינ דער גרעסטער נאר!

עטלעכע יונגטלעכע זייַנענ צוריק געקומענ אינ לאָקאל. מיט די נאציס האָט מענ זיכ אָפּגערעכנט. פריצ האָט זיכ דורכגעשפּארט פּאָרויס. זייַנ פּאָנעם איז געווענ ווייער

[1]) דער דירעקטער פונעם שטאָטישנ טראנספּאָרט—טראמוויי, אויטאָבוסנ, מעטראָפּאָליטענ—אינ בערלינ, א סאָציִאַל־דעמאָקראט.

רויט פונ אופרעגונג. הערמאנ האָט אים גוטמוטיק באגריסט, ער האָט אים געקענט, דעם קלײנעם היציקנ כאוער, וואָס פלעגט קומענ צו אים אָפטער.

„נ'אָוונט — כאוער הערמאנ... ווי האַלטסטו, צי וועט ניט אָפגעשאפנ ווערנ דער פארבאָט צו דעמאָנסטרירנ?... אָטאָ האָט אונדז געלײענט א סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע צײַטונג, ווו זײ זידלענ מיט קאַס זײער כאוער צערגיבעל". הינטער אים איז ארויס־געשווומענ גרעטע.

דו גאר אײנער", האָט געלאכט הערמאנ אונ זײַנע גרויע אויגנ האָבנ געפינקלט פונ שפּאָס, „וואַרט נאָר, מיטוואָכ וועט דער הער פאָליצײ־פּרעזידענט גײנ שפּאצירנ מיט רויטע נעגעלעכ אפנ צילינדער אונ וועט פײַפנ דעם „אינטערנאציאָנאַל".

פריצ איז געבליבנ שטײנ אינגאנצנ א צעקאָנפוזשעטער צווישנ די ארבעטער, וואָס האָבנ געלאכט. פלוצלינג האָט אים גרעטע פונ הינטנ אָפּגערוקט אָנ א זײַט אונ מיט א קאַעסדיקנ פּאָנעם האָט זי זיכ א שטעל געטאָנ פאר הערמאנענ.

„אפ צו קריגנ אזא נארישנ ענטפער האָבנ מיר ניט געדארפט דיר פרעגנ... ווילסט זײַנ א פּאָליטישער פונקציאָנאַר, אונ דו רעדסט מיט א יוגנטלעכנ כאווער ווי א מאלפע... גאכהער זידלט איר די יוגנט, פארוואָס שאפט זי גאָרניט קײנ פּאָליטישע ארבעט... אונ אז מע פרעגט אײַכ עפּעס, מאכט איר נאָר נארישע וויצנ...!"

זי האָט זיכ א דרײ אויס געטאָנ. געלאָזנ שטײנ דעם צעמישטנ הערמאנ אונ האָט אוועקגעשלעפּט מיט זיכ פריצנ פונעם לאָקאַל.

„נעם זיכ ניט צום הארצנ, פריצ... הערמאנ וועט שוינ געדענקענ, וואָס איכ האָב אים געזאָגט".

אפ דער גאס האָבנ זײ נאָר געהערט, ווי הערמאנ שרײַט זײ עפּעס נאָכ. כאפּט דיכ דער טײַוול!—האָבנ זײ געטראכט אונ זײַנענ אוועק איבער דעם גלאנצנדיקנ פונ רעגנ טונקעלנ ברוק אהײם.

★

אינעם קלײנעם זאל פונ „רויטנ נאכטיגאל" איז גלײַכ געוואָרנ שטיל, ווי נאָר הערמאנ האָט א קלאפּ געטאָנ מיטנ בלײַפעדער אינ גלאָז. אלע האָבנ געוווּסט, אז הײַנט וועט מענ באטראכטנ וויכטיקע זאכנ.

לעמ סעקרעטאר פונ קעמערל איז געזעסנ באם טיש א יונגער, אומבאקאנטער, אומגעפער א יאָר דרײַסיק, מענטש, וואָס האָט רויִק געקוקט אפ די פּענעמער פונ די ארבעטער אנטקעגנ אים. דער קרײַז־קאָמיטעט האָט צוגעשיקט א רעפערענט.

אפ דער וואנט איבערנ טיש זײַנענ געהאנגענ דרײַ גרויסע בילדער—לענינס, ליבקנעכטס, ראָזע ליוקסעמבורגס.

אינ צימער זײַנענ געזעסנ א מאנ 45 מענער אונ פרויענ. די גאסנ־קעמערל פונ קעזלינער קוואַרטאל. אײניקע מענער, קימאט אלע נאָכ אינ ארבעט־קלײדער, האָבנ געהאט לעמ זיכ בײַטלעכ מיט געצײַג. דאָס זײַנענ אלצ געווענ שטילע פארבלאָזטע פּענעמער, וואָס די יאָרנלאנגע שווערע ארבעט אונ די טעגלעכע זאָרגנ האָט זײ געגעבנ עפּעס מידעס, געמײנזאמעס, די אוניפאָרם פונ אונטערדריקטע.

הערמאנ האָט זיכ געשטעלט: „כאווײרים, די מיטגלידער־פארזאמלונג איז געעפנט... אפ דער טאָג־אָרדענונג שטײענ: 1. די פּראָפּארײַנג אונ דער ערשטער מײַ, 2. צו־

גרייטונגען צום ערשטן מײַ. איידער איך גיב דאָס וואָרט דעם כאַווער רעפּערענט, מאַך איך אויפמערקזאַם, אַז די פונקציאָנערן און קאַסירערס מוזן נאָכן ענדיקן די פאַרזאַמלונג אַ ווײַלע בלײַבן דאָ. קיינער טאָר ניט אַוועקגיין. איך גיב דאָס וואָרט דעם כאַווער רעפּערענט".

די פּענעמער האָבן זיך געווענדעט צום יונגן כאַווער, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן. די רעכטע האַנט האָט ער געהאַלטן איבער עטלעכע פאַרשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר און עטלעכע אויסשניטן פון צײַטונגען, וואָס זײַנען געלעגן פאַר אים אויפן טיש.

„כאַווערים... איך וועל ריידן קורץ, קעדיי מיר זאָלן קאָנען דערנאָך עפענען אַ ברייטע דיסקוסיע".

ער האָט גערעדט קלאָר און רויִק. יעדעס וואָרט איז געווען פאַרשטענדלעך.

„באַטראַכטן מיר די געשעענישן פון די לעצטע וואָכן, זעען מיר אַסאַך דײַטלעכער ווי אין די לעצטע יאָרן, אין זייער גאַנצער שאַרפקייט, די קעגנזעצלעכע פײַנטלעכע קלאַסן־פראָנטן. די וואַלן פון די פּאַבזאַווקאָמען אין הײַאָריקן פרילינג זײַנען געווען דער אַרײַנפיר; זיי האָבן געגעבן אַ בלי־סאָפּעקדיקן זיג דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַריינישער אָפּאָזיציע. אין אַלע גרעסערע פאַבריקן, אין די שאַכטעס און דאָמנעס פון רור־געביט, באַ זימענסן, אין דער אַע״ג (אַלגעמיינע עלעקטריציטעט־געזעלשאַפט), אין דער בערלינער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט, אין זאַוואָד „לעונאַ", אין כעמישן געגנט פון פאַרבן־טרעסט, ווי אויך אויף די גרויסע ווערפן אין האַמבורג, אין קיל א.אַ.וו. — אומעטום האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשיידנדעם זיג, און די רעפאָרמיסטן האָבן געליטן אַן אַנטשיידנדע מאַפּאָלע".

„אין צוזאַמענהאַנג דערמיט מוז מען זען, וואָס פאַר אַ ראָל עס שפּילן די פירער פון די פּראָפּאַריינען אין דעם פראָנט פון די קעגנער פון אַרבעטער־קלאַס. ווען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנגרעס אין פּאַריזש אין יאָר 1889 האָט באַשטימט צו פײַערן דעם ערשטן מײַ ווי אַ אינטערנאַציאָנאַלן קאַמפּ־טאָג פונעם אַרבעטער־קלאַס, זײַנען די ערשטע געווען די בערלינער פּראָפּאַריינען, וואָס האָבן אַנטוויקלט אַ פּראָפּאַגאַנדע צו פײַערן דעם ערשטן מײַ אין 1890 יאָר. סאָף מאַרט איז דערשינען אין דער „פאָלקסטריבונע" און אין „פאָלקסבלאַט" אַן אויפרוף, וואָס האָבן אונטערגעשריבן פאַרשיידענע פּראָפּאַריינען, אונטערן קעפּל: „וואָס זאָל געשען דעם ערשטן מײַ?" — זיי האָבן גערופן צו פײַערן דעם ערשטן מײַ אין אַלע אינדוסטריע־שטעט אונטערן לאָזונג: פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, וואַרפן די אַרבעט און אָרגאַניזירן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. — ניט געקוקט אויף די שווערע קאַמפן, האָבן פון דאַן אָן די אַרבעטער יאָר אײַן, יאָר אויס אַרויסגעטראָטן דעם 1-טן מײַ.

ער האָט געמאַכט אַ קורצע פּאַוזע, האָט געטאָן אַ טריט אויף צוריק און אויפגעהויבן זײַן קאָל. „אָבער שוין אין יאָר 1903 האָט דער אויך געווען באַקאַנטער קאָהען אויפן מעטאַל־אַרבעטער־קאָנגרעס אין בערלין אָפן געזאָגט, אַז מע מוז שוין אַמאָל „מיט דעם גאַנצן מײַ־יאָנטעוו אַ סאָף מאַכן". מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט טעאָדאָר לייפּאַרט אַרויסגעטראָטן אין די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטן" קעגן דעם מײַ־יאָנטעוו. אין דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך נאָכדעם אַנטוויקלט, זײַנען די רעפאָרמיסטישע פּראָפּאַריינישע פירער אַלץ אָפענער אַרויסגעטראָטן קעגן וואַרפן די אַרבעט דעם 1־טן מײַ.

„נאכ דער מילכאמע איז דער מייַ־יאנטעוו, כאווײרימ, געווארנ א זעלבספארשטענדלעכע זאכ. צי האבנ די ארבעטער געקאנט דערלאזנ מע זאל בא זיי צונעמענ בא דער רעפובליק דאס, וואס זיי האבנ אויסגעקעמפט באמ קייסער?! — אבער וואס האט זיכ ארויסגעוויזנ? די ספ״ד האט זיכ אנטוויקלט ווי א וויכטיקער טייל פונ דעמ מאכט־אפאראט פונ דער קאפיטאליסטישער רעפובליק. פונקט ווי גלייַכ אינ אנהייב פונ די פאליטישע איבערקערענישנ אינ דייַטשלאנד האט די ספ״ד מיט נאסקענ אונ מיט דער שווארצער רייַכסווער בלוטיק אונטערדריקט די ארבעטער, אזוי האבנ די ספ״ד אויכ אינ דער עפאכע פונעמ אופבויענ די דייַטשישע אינדוסטריע גענומענ אפ זיכ די ראלע פונ הענקערס, קעדיי אופצוהאלטנ די ארבעטנדיקע מאסנ, וואס נאר אפ זייער כעשבנ האבנ זיכ געקאנט פארפעסטיקנ די פאזיציעס פונ די אונטערנעמער. וועלנ מיר באטראכטנ די גאנצע נאכמילכאמעדיקע אנטוויקלונג, וועט אפילע יעדער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער מוזנ מאסקימ זייַנ, אז די קאפיטאליסטנ האבנ בא יעדער אנטשיידנדיקער סיטואציע איבערגעלאזנ די ספ״ד אייַנצושטעלנ „רו אונ ארדענונג“ אונ די קליינע צאל וויכטיקע דעראבערונגענ פונ דער ארבעטערשאפט אפנ עקאנאמישנ אונ סאציאלנ געביט אפצושאפנ. לאמיר זיכ נאר דערמאנענ אנ עבערטס „פולמאכט־געזעצ“, וואס האט אינ דער פראקטיק באזייַטיקט דעמ 8־שעיקנ ארבעטס־טאג. עבערט האט פאר דעמ דייַטשישנ קאפיטאל אסאכ מער אופגעטאנ ווי יעדער פארמילכאמעדיקער קייסער: ער האט געראטעוועט זייַנ עקזיסטענצ! אונ דערנאכ — האבנ זיי שוינ אויסגעוויילט א הינדענבורג.

אינ די דאזיקע יארנ זייַנענ די פראפאריינענ געווארנ גרויסע מאסנ־ארגאניזאציעס, וואס מיט זיי האט פולקאמ אנגעפירט די סאציאל־דעמאקראטישע ביוראקראטיע. די פראפאריינענ זייַנענ געווענ דאס געצייַג פונ דער ספ״ד, וואס האט אינ דער רעגירונג פונ א קאפיטאליסטישער רעפובליק איבערגענומענ אפ זיכ די פאראנטווארטלעכקייַט פאר דער עקזיסטענצ פונ קאפיטאליזמ. פירער פונ די פארביטערסטע סאנימ פונ ארבעטער־קלאס! — דער קאפיטאליזמ האט איצט צייַטווייַליק געגעבנ אורלויב דער ספ״ד, ווייַל די לעפאנעמדיקע אפאזיציע פונ די סאציאל־דעמאקראטנ איז אויכ די בעסטע גאראנטיע פאר דער דורכפירונג פונ דער קאפיטאליסטישער דיקטאטור. וועט מענ זיי דארפנ, וועט מענ זיי ווידער רופנ אינ דער רעגירונג אריַינ. די ספ״ד קאנ שוינ קיינמאל ניט ווערנ אונ וועט ניט ווערנ קיינ ארבעטער־פארטיי, ווייַל די פירער אונ העכערא דריטל מיטגלידער זייערע, זייַנענ מיט זייערע הויכע האכנאסעס אונ מיט זייער פאסטנס אינ מעלוכע־אפאראט מאטעריעל פעסט צוזאמענגעבונדנ מיט דער קאפיטאליסטישער ארדענונג. זייער ארט, וואס זיי פארנעמענ, פארפליכטעט זיי דורכצופירנ די הונגער־אונ לוינ־דרוק־פאליטיק פונ די אונטערנעמער. עס איז קלאר, וואס פאר א וויכטיקע ראלע דערבייַ שפילנ די פראפאריינענ.

„צי ווילט איר די מיליאנענ קאלעגנ, וואס האבנ נאכ ניט פארשטאנענ די ארבעטער־פייַנטלעכע ראליע פונ דער פראפאריינישער ביוראקראטיע, איבערלאזנ אינ די הענט בא דערדאזיקער כעוורע...? ניינ, פארקערט, כאווײרימ, גראדע איצט פארנ 1־סנ מייַ מוזנ מיר אופקלערנ די סאציאל־דעמאקראטישע אונ אומפארטייַישע ארבעטער אפ די פאכ־פארזאמלונגענ, אינ דער אונטערנעמונג, אפ דער גאס, אינ באנ, אינ די געשעפטנ — אומעטומ — פארוואס האבנ די זעלבע בערלינער פראפאריינענ ארויס־

געלאָזן אַן אויפרוף, ווו זיי האָבן דעם קופערנעם שטערן צו זאָגן: „אומפּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס רופן צו אָרגאַניזירן אַ דעמאָנסטראַציע. קיין איין מיטגליד פון די פרייַע פּראָפאַריינען וועט זיך ניט באַטייליקן אין דיזאָזיקע דעמאָנסטראַציעס...

„אַזוי ווילן זיי...!"

„מיר פייַפן אויף זייער היסטעריע!"

די רויִקייט, וואָס האָט געווײַנלעך אַן אָרט באַם אָנהייב פון יעדער פאָרטראַג, איז פאַרשוווּנדן. איצט האָבן זיי זיך דערוואַרעמט, אַלע האָבן גערעדט. באַם אַרויסגאַנג האָט זיך געבילדעט אַפילו אַ גאַנצע דיסקוסירנדיקע גרופּע, וואָס האָט בכלל פאַרגעסן וועגן רעפערענט.

הערמאַן האָט ענערגיש געקלאַפּט מיטן בלייַפעדער אין גלאָז — „כאַווײרים, אַזוי קאָן מען ניט... איך בעט זייַן רויִק, ביז דער רעפערענט וועט ענדיקן, נאָכער קאָנט איר זיך דאָך פאַרשרייַבן צום וואָרט אין דער דיסקוסיע!"

אייניקע האָבן געלאַכט—און עס איז ווידער שטילער געוואָרן.

„כאַווײרים. איך וויל ענדיקן. אין פאַריקן יאָר האָבן די פירער פון די פּראָפּאַריינען און פון דער ספּ"ד געזען אויף דער טרעפּטאָווער לאָנקע, אַז די רעוואָלוציאָנערע פּראָפאַריינישע אָפּאָזיציע מיט אירע לאָזונגען און מיט איר שווּנג האָט באַהערש די דעמאָנסטראַציע און איר צוגעגעבן איר פּאָנעם. פון אַ רויִקער מאַניפעסטאַציע איז דורך אונדז און דורך דער אַרבעטערשאַפט, וואָס גייט נאָך אונדז, געוואָרן אַ פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערע קאַמף־אַקציע. פּונקט אַזוי וועט הײַיאָר די מײַ־דעמאָנסטראַציע אויף די בערלינער גאַסן דערווײַזן, ווי שוואַך איז די ווירקונג פון די רעפאָרמיסטן אויף די באַוווּסטזיניקע בערלינער אַרבעטער, דאָס וועט זײַן אַ קאַמף־טאָג אונטער די פּאָנען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער אַזאַ דעמאָנסטראַציע, קאָן, פאַרשטייט זיך, די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ניט דערלאָזן. אויס מורע פאַר דעם האָבן זיי איבערגעגעבן זייער כאַווער דעם פּאָליציי־פּרעזידענט, ער זאָל פאַרווערן די מײַ־דעמאָנסטראַציע. נאָר, כאַווײרים... „ער האָט אויפגעהויבן זײַן קאָפּ און האָט הויך אויסגערופן: „מיר, בערלינער אַרבעטער, האָבן זיך ניט געלאָזן אָפּנעמען דאָס רעכט אויף דער גאַס פון ווילהעלם, מיר וועלן דאָס ניט דערלאָזן פון אַ צערגיבעל".

„בראַוואָ!"

„ריכטיק...!"

„איך כאַזער איבער... מיטוואָך וועלן מיר גיין אויף דער גאַס. אומבאַוואָפנט וועלן מיר דעראָבערן די גאַס פון פּאָליציי, וואָס איז פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנט פאַר אונדזערע גראָשנס און וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט..."

„יאָ דאָס... וועלן מיר...!"

דעם רעפערענטס האַנט האָט זיך אויסגעצויגן איבער די קעפּ פון די אַרבעטער ווי ער וואָלט אַ שווּע געגעבן: „כאַווײרים, די ספּ"ד און „פאָרווערטס" אין איינע פראָנט מיט די רעאַקציאָנערע צײַטונגען מאָלן מיט זייערע אומדערהערטע ליגנס און רעכילעס וועגן די קאָרבאָנעס, וואָס די קפּ"ד „וויל" קלוימערשט. — מאָלן זיי אויף די גרויע ווענט פון די בערלינער אַרבעטער־קוואַרטאַלן די בלוטיקע שאָטנס פון די

נאָסקעס, פונעם ביליפעלדער זעווערינג, אָבער — פונקט ווי אין סאָוועטן־רוסלאנד — וועט די געשיכטע פון דער רעוואָליוציע האלטן איר געדעכטן מישפּעט פון ראָבע איבער ייִדאָזיקע באנאָסענע מיט רויטע ארבעטער־בלוט טאליאָנים...! כאַווײרים, פארגעסט ניט, אז עס איז אויך געווען א 1־טער מײַ, ווען אין 1919 יאָר זײַנען לויטן באפעל און אונטער דער אָנפירונג פון א סאָציאַל־דעמאָקראטישער רעגירונג ארײַנגעמארשירט אין מינכען די ווײַסע גווארדיע פונעם פאשיזם, קעדיי צו צעשמעטערן די ראטן־רעגירונג!! — קיין שום פּראָוואָקאציעס וועלן אונדז ניט אָפּהאלטן פון רופן די ארבעטערשאפט צו א קאמף־דעמאָנסטראציע דעם 1־טן מײַ אפ דער גאס און אונדזער פליכט פון א פירער פון א רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאט צו דערפילן...!"

„בראוואָ... דאָס קעולינער שפּעלטל וועט דאָ שוין אויך זײַן...!"

★

די אָנגעשטרענגטקייט איז געפאלן. אויפגערעגטע רייד האָבן אָנגעפילט די לופט פון צימער, וואָס איז קימאט ניט דורכזיכטיק געווארן פון טאבאַק־רויך.

הערמאן האָט זיך געשטעלט. „כאַווײרים... איר האָט געהערט דעם רעפעראט, מיר גייען איבער צו דער דיסקוסיע... ווער וויל א וואָרט?"

איצט האָט זיך איינער נאָכן אנדערן פארשריבן צום וואָרט. אפילו דער אלטער היבנער, וואָס איז דערווײַל געקומען, האָט זיך אויך באטייליקט אין דער דיסקוסיע. מיט שרעק האָט הערמאן באטראכט די לאנגע ליסטע רעדנער. אין א שאָ ארום נעמענדיק אין אכט די ארבעט, וואָס מע דארף נאָך הײַנט דורכפירן, האָט ער פארגעלייגט שליסן די דעבאטן.

מע איז אריבער צום צווייטן פונקט פון טאָג־אָרדענונג: די פאָרברייטונגען צום 1־טן מײַ. מאָרגן דארף מען פארשפּרייטן פלוג־בלעטלעך פאר די אונטערנעמונגען. באדערנאכט דארף מען אויסקלעפּן צעטלען. זונטיק אין אָוונט דארף פאָרקומען א גרויסע פארזאמלונג, צו וועלכער מע דארף נאָך דורכפירן הויז־ און הויף־אגיטאציע. דער מײַ־נומער פונעם „וועדינגער פּראָלעט", די צײַטונג פון דעם קעמערל, דארף נאָך צוגעגרייט ווערן, אָפּגעדרוקט און פארשפּרייט ווערן. עס איז נאָך פאראן א מאסע ארבעט, וואָס די מיטגלידער מוזן דורכפירן נאָך דער ארבעט.

עס איז געווען קימאט צוועלף אזייגער, ווען די פארזאמלונג איז געשלאָסן געוואָרן. צווישן די, וואָס האָבן זיך אָנגענומען אויסקלעפּן די בלעטלעך, איז געווען קורט, וואָס זײַן נאכט האָט זיך געענדיקט האלב זעקס.

„איך קום באלד צו דיר, הערמאן, איך וויל נאָר אָנזאָגן אנאן".

„זי וועט נאָך מיסטאָמע מאכן א קליינעם טומל, וואָס, קורט?" האָט צו אים געזאָגט הערמאן, לאכנדיק, און האָט צוזאמענגעפּאקט זײַנע פּאפּירן פון טיש.

„וואָס ווילט איר האָבן פון אנען?.. עפּשער וועט זי נאָך קומען מיט מיר", האָט געענטפערט קורט. אים פלעגט פארדריסן, וואָס זיי האלטן אנא פאר א קליינבירגערלעכע הויז־פרוי, וואָס פארשטייט גאָרניט וועגן פּארטיי־ארבעט. ער האָט געוווּסט, אז זי וועט אמאָל נאָך אליין אויך ארײַנטרעטן אין דער פּארטיי.

6

דער מוליער טעליע גייט צום „אלעקס".

דינסטיק אינדערפרי האָט קורט שוין אין בודקע באַם איבערטאָן זיך צו דער ארבעט באמערקט, אַז צווישן די כאווירים קומט עפּעס פאָר. ער איז אָבער געווען צו מיד, ער זאָל שוין איצט אָנהייבן ווידער צו שמועסן מיט די כאווירים. ער האָט קימאט ניט געשלאָפן. די צײַטונג פון קעמערל „דער ווערינג־פראָלעט" האָט מען געמוזט פארטיק מאכן. אנא האָט געהאָלפן, אָבער עס איז שוין געווען נאָך דרײַ אזייגער, ווען דער פאק צײַטונגען איז געלעגן פארטיק. מאָרגן אינדערפרי וועלן די ארבעטלאָזע כאווירים צעטיילן די צײַטונג פאר די אונטערנעמונגען און אין די הײַזער.—דאָ אף דער בויונג איז שוין אַגעוו אלץ צוגעגרייט און באשלאָסן. אף אלע בויונגען פון דער גרויסער בוי־פירמע וועט מאָרגן קיין איין שטיין זיך ניט רירן, דאָס איז געווען זעלבסטפארשטענדלעך. די קאָלעגן אף דער קימאט פארטיקער בויונג פון דעם אוניווערסאל־געשעפט קארשטאט אין נײַקעלן האָבן אפילע באשלאָסן מאָרגן אינדערפרי פונעם טורעם פון דער בויונג אויסהענגען א רויטע פאָן. אזוי לײַכט וועט אהין קיינער ניט ארופקריכן, קעדיי זי אראָפּנעמען... זאָל נאָר וואָס גיכער איבערגיין דערדאָזיקער לעצטער ארבעט־טאָג! פון טאָג צו טאָג איז די אָנגעשטרענגטע ארבעט געוואָרן שווערער, זעלטן ווען ער איז אין דער לעצטער וואָך געשלאָפן מער ווי צוויי ביז דרײַ שאָ. נו—נאָכן ערשטן מײַ וועט ער האָבן גענוג צײַט זיך אויסשלאָפן. פארפאלן—די פארטיי־ארבעט אין די טעג איז וויכטיקער ווי דער שלאָף און דאָס עסן. ער האָט פעסט צוזאמענגעצויגן דעם לעדערנעם רימען איבער די אלטע ארבעט־הויזן. דאָס האלט אוף אביסל פעסטער די ביינער.

★

„...ווער עס וועט דאָך דעם 1־טן מײַ פרוון צו מאכן די גאס פאר אן ארענע פון זײַנע פאָליטישע לײַדנשאפטן..."

מיט רעציכע האָט דער מוליער א וואָרף געטאָן די בלאט, פון וועלכער ער האָט פאָרגעלייענט דעם זאצ און האָט אָפּגעווישט זײַנע ברייטע הענט אָן די הויזן, ווי ער וואָלט געהאט געהאלטן שמוץ אין האנט.

קורט האָט זיך אומגעקערט. וואָס אזוינס האָט יענער איבערגעלייענט...?! „פריץ, גיב נאָר אהער, וואָס איז דאָרטן אזוינס?" האָט ער געזאָגט צום אלטן טעליע, וואָס וועגן אים האָט ער געוווסט, אז ער געהערט צו דער ספּ״ד.

„האָסטו דאָס נאָך ניט געלייענט, קורט... „דער פּאָליצײַ־פּרעזידענט פון בערלין צו זײַן פאָלק!" האָט טעליע געענטפערט מיט שפאט און ווידער גענומען די צײַטונג אין דער האנט... „איך שעם מיך צום טויט, און אזא איינער איז בא מיר אין דער פארטיי". ער האָט אויסגעשפּיגן די קײַ־טאבאק דורך דער אָפענער טיר פון דער בודקע.

קורט האָט גענומען דעם „פאָרווערטס", און בייס ער האָט געלייענט, איז ער געוואָרן אויסגעקאָכט.

„...אזוי זאָל לויטן ווילן פונ'די קאָמוניסטן אינ די בערלינער גאסן דעמ 1־טנ מײַ זיכ גיסנ בלוט! דאָס טאָר ניט געשענ! אונ דעריבער ווײַז איכ נאָכאמאָל אָנ מיט דער גאנצער ענערגיע דערויפ, אז אינ בערלינ עקזיסטירט, ניט אָנ דער שולד פונ די קאָמוניסטנ, א פארבאָט פונ דעמאָנסטראציעס אונטערנ פרײַענ הימל. ווער עס וועט דאָכ דעמ 1־טנ מײַ פרווונ מאכנ די גאס פאר אנ ארענע פונ זײַנע פאָליטי־שע לײַדנשאפטנ, דער מוז קלאָר וויסנ, אז ער ציט אפ זיכ אונ אפ אנדערע א שווערע געפאר!—צו דער פרידלעכער באפעלקערונג פונ בערלינ, באזונדער צו די פרויענ אונ קינ־דער, ווענדע איכ א דרינגענדיקע באקאָשע, זיכ האלטנ ווײַט פונ די פרווונ דעמ ערשטנ מײַ, ניט ארומדרייענ זיכ אָנ א נייטווענדיקײַט אינ די גאסנ אונ אונטערצוהאלטנ אלע מאָסמיטלענ, וואָס זײַנענ געווענדעט צו אופהיטנ די רו אונ אָרדענונג.

צערגיבעל".

די איבעריקע ארבעטער האָבנ געקוקט אפ קורטנ. קורט איז געווענ דער אָפּאָזי־ציאָנעלער פּראָפאריינישער דעלעגאט אונ ער האָט זיכ מיט זײַנ פארטיידיקנ די אינ־טערעסנ פונ די כאווירימ דערוואָרבנ א געוויסנ אווטאָריטעט צווישנ די ארבעטער. מיט אכט טעג צוריק איז ער אײַנשטימיק אויסגעווײלט געוואָרנ אלס דעלעגאט פונ דער אונטערנעמונג אינ מײַ־קאָמיטעט.

קורט האָט אראָפּגעלאָזנ די בלאט אונ זיכ ארומגעקוקט. „יאטנ... יאטנ... איז דאָס א כעוורע־מאנ, ער וויל אפ אונדז שיסנ אונ מאכט שוינ אפריִער פאר דעמ שולדיק די קאָמוניסטנ!"

אינ דרויסנ האָט זיכ דערהערט דער פײַפ צו אָנהייבנ די ארבעט. אייניקע האָבנ זיכ אופגעהויבנ אונ זײַנענ אוועק צומ ארויסגאנג.

„האלט, ווארט א ווײַלע, כאווירימ..." האָט א געשריי געטאָנ קורט, „...דער אַל־טער קאָנ הײַנט אביסל רויִק ווארטנ... איכ האלט, אז מיר האָבנ עפּעס צו באַ־טראכטנ".

די ארבעטער זײַנענ געבליבנ שטיינ אונ האָבנ געקוקט אפ אימ...

„איכ לייג פאָר, אז מיר זאָלנ פונ אונדזער אונטערנעמונג ריידנ א וואָרט מיטנ הער פּרעזידענט דאָרטנ אויבנ. צי דאָס וועט עפּעס העלפנ, ווייס איכ ניט, אָבער דאָס איז אונדזער כויוו, ווי פּראָלעטאריער".

„ווילסטו עפשער, קורט, בעטנ בא אימ, אז ער זאָל מאָרגנ הייסנ שיסנ מיט צוקערלעכ?"

„ארופגיינ צומ אַלעקס אונ דערלאנגענ דאָרטנ א פאָר פּרעסק אינ פּיסק — דאָס וואָלט געווענ דאָס ריכטיקסטע...!"

— טעליע איז שווער אופגעשטאנענ, מע האָט געזענ, אז אימ איז ניט לײַכט צו ריידנ. „קאָלעגנ, קורט איז גאנצ גערעכט. איכ לייג פאָר צוזאמענרופנ בײַמ דער נאָכמיטיק־פּאוזע די כאווירימ אונ אויסקלײַבנ א דעלעגאציע, וואָס זאָל גיינ אינ פּאָליצײ־פּרעזידיומ אונ איבערגעבנ אונדזער לעצטנ פּראָטעסט. איכ האלט, קאָלעגנ, אז ער וועט זיכ באשטימט לאָזנ ריידנ, אונ איכ גלויב אויכ, עס וועט עפשער אויכ ברענגענ נוצנ",

„אזוי מיינסטו, טעליע!"

„גיי זיך אַליין צו דײַן כאַווער“.

טעליע האָט זיך לאַנגזאַם אומגעדרייט צו דעם יונגן כאַווער און האָט ערנסט געענטפערט: „איך וועל דאָס טאַקע טאָן אויך..., איך וויל טאַקע אַליין מיטגיין, אויב איר וועט מיך דערצו באַשטימען“.

דער פּײַפף צו דער אַרבעט האָט זיך דערהערט נאָכאַמאָל שאַרף און אומגעדולדיק „רויִק, רויִק, נאָר רויִק, דו אַלטער קאָרעק, די אַרבעט וועט ניט אַנטלויפן“.

„גוט, קאָלעגן, גייט איבער די אַנדערע. באַ דער נאָכמיטיקדיקער פּאַוזע קומען מיר זיך אַלע צונויף אין דער גרויסער בודע“, האָט קורץ געזאָגט קורט און האָט אָנגעטאָן די אַלטע היטל זײַנע, וואָס איז געווען פול מיט בעטאָן־שטויב. — ער האָט געוווּסט, אַז די זאַך וועט קיינשום פּראַקטישע רעזולטאַטן ניט געבן, אָבער דעריבער טאַקע איז דאָס זייער וויכטיק פּאָליטיש. דער אַלטער טעליע — אַ גאַנץ אָנשטענדיקער יאַט — זאָל זיך אַליין איבערצײַגן, מיט וואָס שמעקט עס.

אין דער פּאַוזע האָט מען אײַנשטימיק באַשלאָסן אַוועקשיקן אַ דעלעגאַציע אין פּאָליציי־פּרעזידיום. אויסגעקליבן זײַנען געוואָרן דער אַלטער טעליע, אַן אומפּאַרטייִשער אַרבעטער און קורט. דער עלטערער איז אַפילע נישטוימעס געוואָרן, ווען די דרײַ האָבן זיך צו אים געמעלדעט וועגן אָפּלאָזן זיי אויף אַ שאָ, אָבער וואָס האָט ער זאָ שוין געקענט מאַכן!

אויף דער דאָרעם־זײַט פון פּלאַץ ליגט דער גרויסער שמוציק־רויטער בלאָק פון הײַזער — דאָס בערלינער פּאָליציי־פּרעזידיום. דאָס איז דער מויעך און דאָס האַרץ פון בערלינער אָרדענונג.

די גרויסע רויטע ציגלנע געבײַדע אויפן „אַלעקס“, וווּ עס איז געווען אָנגעשאָטן מיט אומפּלייט און הויכער באַאַמטער — „וואַנצן־פעסטונג“ הייסט באַ די בערלינער דאָס הויז.

דאָ האָט אַמאָל רעגירט דער רויטער פּאָליציי־פּרעזידענט עמיל אייכהאָרן דאָ האָבן די ספּאַרטאַקאָווצעס געקעמפט, דאָ זײַנען אומצאָליקע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער געפּײַניקט און פאַרוואָרטיילט געוואָרן און דאָ האָט הײַנט געלעבט און געהערשט דער מענטש, וואָס האָט אָנגעשריבן: „אַזוי זאָל דעם ערשטן מײַ אין בערלינער גאַסן זיך בלוט גיסן“.

★

דער פּאָליציאַנט באַם אַרײַנגאַנג האָט מיט אומצוטרוי געקוקט אויף די דרײַ אַרבעטער, וואָס זײַנען אים פאַרבײַגעגאַנגען און זײַנען פאַרשווּנדן אין איינעם פון די אומצאָליקע לאַנגע קאָרידאָרן. עפּשער האָט ער געדאַרפט די דרײַ פאַרדעכטיקע געשטאַלטן איצט פאַר דעם 1־טן מײַ ניט גלײַך אַרײַנלאָזן...!

דעם אַלטן טעליע איז ניט זייער גוט געווען אויפן האַרצן. די פילע טירן מיט זייערע אומפאַרשטענדלעכע מעשונעדיקע אויפשריפטן האָבן אים געמאַכט אומרויִק. הערן מיט שאַרפע ראַנדלאָזע גלעזער אויפן פּאָנעם זײַנען געלאָפן דורך די קאָרידאָרן און האָבן עפּעס אַזוי מאָדנע געקוקט אויף די אַרבעטער.

זיי האָבנ געהאט מאזל אונ זייַנענ פלוצלינג צוגעגאנגענ צו א הויכער גרוי געפארבטער טיר, אפ וועלכער עס איז געווענ אופגעהאנגענ א טעקטורשילדל מיט שווארצע לאק־אויסיעס:

פאָליציי־פרעזידענט.

זיכ מעלדנ אינ צימער 209

טעליע האָט א טאפ געטאָנ אינ קעשענע דעמ פאפיר, אפ וועלכנ זיי האָבנ זויבער שיינ אָנגעשריבנ די פראָטעסט־רעזאָליוציע פונ די ארבעטער.—ער איז אפ זיכ אַלײנ אינ קאעס. צומ טייַוול... סאָפקאָלסאָפ איז דער פאָליציי־פרעזידענט ניט מער ווי א פארטיי־כאווער, וואָס אימ האָבנ די ארבעטער געמאכט פאר דעמ, וואָס ער איז איצט, ער וועט פאָשעט צו אימ ארייַנגיינ אונ זאָגנ: גוטנ טאָג, כאווער פרעזידענט, מיר ווילנ דאָ דיר איבערגעבנ א רעזאָליוציע. אייַכ וועט געוויס, כאווער, אינטערעסירנ צו וויסנ, וואָס א סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעטער טראכט וועגנ אייַער פארארדענונג. אזוי טויג בעעמעס ניט, כאווער פאָליציי־פרעזידענט...!"

ער האָט שוינ לאכלוטנ פארגעסנ, אז מיט א שאָ צוריק האָט ער פעסט א שפּיַי געטאָנ איבער דעמדאָזיקנ „כאווער".

„צימער 209". זיי האָבנ אָנגעקלאפט אונ געעפנט די טיר. — טעליע האָט זיכ געוווּנדערט, ווי באקוועמ אונ שיינ האָט אויסגעזעענ דער פאָדער־צימער באמ פרעזידענט. ער האָט זיכ דאָס אסאכ ניכטערער אונ שטרענגער פאָרגעשטעלט, אָט ווי די וואכ־שטיבער אינ די צירקלענ, ווו מע מעלדעט זיכ באמ איבערקלייַבנ זיכ אפ א נייַע דירע.

הינטער א שרייַב־טיש באמ פענצטער איז געזעסנ א הער, וואָס האָט אפ זיי געקוקט א פארווונדערטער.

„איכ בעט אייַכ, וואָס ווינטשט איר, מייַנע הערנ?!"

קורט האָט זיכ בעקיוונ געהאלטנ אביסל פונ הינטנ. זאָל דאָ טעליע די זאכ דערליידיקנ. ער האָט ארויסגערוקט דעמ מולער פאָרויס.

„מיר ווילנ זענ דעמ פאָליציי־פרעזידענט", האָט געזאָגט טעליע מיט א זיכערנ טאָנ. דער הער הינטער דעמ שרייַב־טיש האָט געמאכט א העפלעכנ פאָנעמ.

„קאָנ איכ וויסנ וועגנ וועלכנ איניענ ווינטש איר צו ריידנ מיטנ הער פאָליציי־פרעזידענט?" דער אלטער טעליע איז געוואָרנ אביסל אומרויִק. דער מענטש איז געווענ אזוי אומאָנגענעמ העפלעכ.

„מיר זייַנענ א דעלעגאציע פונ די ארבעטער פונ דער פירמע בערגמאנ אונ קאָ. אונ מיר האָבנ דעמ אופטראָג וואָס איבערצוגעבנ".

מיט א קורצנ שמייכל האָט זיכ דער באאמטער אופגעהויבנ אונ האָט געזאָגט מיט א ליבלעכנ באדויערנדיקנ טאָנ: „יאָ, מייַנע הערנ, עס פארדריסט מיר זייער, אָבער דער פאָליציי־פרעזידענט איז איצטער גראדע זייער פארנומענ אפ א קאָנפערענצ אונ קאָנ איצט ניט אופנעמענ. אָבער איר וואָלט מיר איבערגעגעבנ אייַער איניענ, וואָלט איכ עס זייער גערנ ווייַטער איבערגעגעבנ".

„ניינ, הער... דאָס טויג ניט", האָט זיכ ארײַנגעמישט קורט, מיר האָבנ דעם אופ־טראָג נאָר מיטנ פאָליציי־פרעזידענט פערזענלעכ צו ריידנ".

טעליע האָט עפּעס געזוכט אינ זײַנ בוזעם־קעשענע אונ האָט ארויסגענומענ אונ אוועקגעלייגט אפנ שרײַב־טיש אנ אלטנ צעריסענעם מיטגליד־בוכ פונ דער ספ"ד. „דאָ האָט איר, שיקט דאָס נאָר ארופ צו אים, וועט ער שוינ געפינענ צײַט צום ריידנ", האָט ער געזאָגט אונ האָט באטראכט דעם באַמטנ אביסל פונויבנ אראָפּ. זעסטו, מײַנ פרײַנט... דו האָסט ניט געוווּסט, ווען דו האָסט פאר זיכ... אָבער איצט מאכ דאָס אביסל שנעלער... דײַנ הער פרעזידענט איז מײַנ באוער!

דער הער הינטערנ שרײַב־טיש האָט מיט אינטערעס גענומענ דאָס קליינע העפטל אינ האנט, האָט עס אופגעעפנט אונ האָט אופמערקזאם איבערגעלייענט דעם נאָמענ. מיטנ בלײַפעדער האָט ער זיכ פארנאָטירט אפנ ראנד פונ ווײַסנ לעש־פאפיר.—דערנאָכ האָט ער ווידער העטלעכ א שמייכל געטאָנ אונ פארנייגנדיק זיכ אָפּגעגעבנ צוריק דעם בוכ. איכ באדויער זייער, מײַנע הערנ, דאָס בעסטע וועט זײַנ, אז איר וועט מיר איבער־געבנ אײַער פאפיר".

טעליע האָט פרעגנדיק א קוק געטאָנ אפ זײַנע כאווײרים.

„ניינ, ניינ... גיט איבער אײַער שעפ א שיינעם גרוס פונ אונדז, פאר אונדז אין דאָס שוינ אויכ גענוג", האָט קורט געזאָגט קורצ אונ גראָב. אים איז שוינ דאָס אלצ געקראָכנ פונ האלדז. נאטירלעכ וועט ער ניט פונקט הײַנט צולאָזנ אינ זײַנע הייליקע צימערנ דרײַ ארבעטער, ער האָט הײַנט וויכטיקערע זאכנ צו טאָנ! — ער האָט ארויס־געצויגנ מיט זיכ דעם אלטנ טעליע אונ מיט רעציכע פארקלאפט די טיר.

„פארשאָלטענע באנדע!.. אָט האָסטו דײַנ „כאוער" פרעזידענט, קאָלענע טעליע... ער זיצט איצטער מיט זײַנע אָפּיצערנ באם טיש אונ גרייט צו דעם שלאכט־פּלאַנ אפ מאָרגנ. צי האלטסטו, אז ער וועט זיכ לאָזנ שטערנ כאָטש אפ א מינוט פונ עפּעס א סמארקאטנ סאָציאַל־דעמאָקראטישנ ארבעטער?!"

דער יונגער אומפארטייִשער ארבעטער האָט געלאכט. „נו, טעליע, קוק זיכ דאָ נאָר גוט צו, עפּשער וועסטו דאָ מאָרגנ ווידער זײַנ אינ וואנצנ־פעסטונג, בא דײַנ כאווער—אָבער הינטער די גראטעס...!"

ארויסגייענדיק אינ קאָרידאָר, האָט זיכ קורט קוים אײַנגעהאלטנ ניט ארויסצו־שיסנ מיט א געלעכטער. „האָסטו געהערט, טעליע..."

דער יונגער אומפארטייִשער ארבעטער האָט סארקאסטיש געלאכט אונ טעליע איז געווענ שטיל. ער האָט נאָר געטראכט, אז אינ דער נאָענטסטער מיטגלידער־פארזאמלונג, ווענ ער וועט דאָס דערציילנ — אונ ער האָט בא זיכ באשלאָסנ דאָס אומבאדינגט צו טאָנ—וועט מענ אים פּאָשעט ניט גלויבנ.

מיטאמאָל האָט טעליע אופגעהערט מוירע צו האָבנ פאר די אומהיימלעכע קאָרידאָרנ מיט די אָנצאָליקע פארשלאָסענע טירנ, ער האָט אָנגעהויבנ צו האסנ די ראוירטע פענעמער פונ די באַמטע, וואָס האָבנ אים אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי, ער האָט געהאסט די אָפּיצערנ, וועלכע זײַנענ פארבײַגעלאָפנ מיט זייערע הויכע בלי־שטשעדיקע שטיוול. דאָס זײַנענ געווענ די, מיט וועמענ דער „כאווער" פאָליציי־פרע־זידענט זיצט צוזאמענ, די, וועלכע ציִענ זיכ אויס פאר אים אונ די, וועלכע וועלנ

מאָרגן איז נאָמען פון זײַן אַלטער פּאַרטײ שיסן אָפּ אים און אַז זײַנע קלאַסן־כאַווײרים ..

„פּוי טײַוול... פּוי טײַוול...!" דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געזאָגט.

אין דרויסן אָפּן אַלעקסאַנדערפּלאַץ האָבן געבראָכן די האַמערס. אָפּן ראָג פון דער נײַער קעניג־גאַס איז געהאַנגען איבערן סאָפּענדיקן דאַמף־האַמער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן גאַס, אַ קליינע בלוט־רויטע פאָנע...

צ װ ײ ט ע ר   ט ײ ל

דער בלוטיקער מײַ 1929.

„בא געשעענישנ פונ דעם מינ דערקענענ מיר פאקטיש רײַטלעכ, אז דער באהאַפּנטער פאָלק־אויפשטאנד קעגנ דער אבסאָליוט־סטישער רעגירונג ווערט רײַפּ ניט נאָר ווי א אידייע אינ די קעפּ אונ פּראָגראמענ פונ די רעוואָליוציאָנערנ, נאָר ווי א אומפארמײַדלעכער, פּראקטישער, נאטירלעכער, נעענטסטער טריט פונ דער באוועגונג גופא, ווי א רעזולטאט פונ דער וואקסנדיקער אויפצעריידקײַט, פונ דער וואקסנדיקער דערפארונג, פונע וואקסנדיקנ מוט פונ די מאסנ“.

לענינ.

1

אליארעמ־שטופע.

דער ברוי־בלויער קאלטער מאָרגנ־שײַנ פונעמ 1־טנ מײַ איז געפאלנ אפ דער שטילער ליידיקער גאס.

הײַנט איז א יאָנטעוו.—אינ זייערע שטיבער אונ קאמערנ האָבנ די מענטשנ גע־שלאָפנ צוויי־דרײַ שאָ לענגער. אומויסט פײַפט הײַנט די סירענע בא דער „אלגע־מיינער עלעקטריציטעט־געזעלשאפט“. אפ ברונענ־גאס. דער שווארצער שטראָם מענטשנ, וואָס דער אײַזערנער טויער פארשלינגט יעדער אינדערפרי 6 אזייגער, איז הײַנט ניט געקומענ. די אײַזנבאנ־בריק באמ וואָקזאל פונ דער פוטליצ־גאס, איבער וועלכנ אינ דידאָזיקע שאָענ אינ די וואָכעדיקע טעג שטופּנ זיכ די ארבעטער, איז געבליבנ ליידיק. אייגזאמע אינ פארלאָזענע זײַנענ געלעגנ שטיל די צוגאנג־גאסנ אינ דער סימענסשטאדט. די שאָטנס פונ די גרויסע שוונג־רעדער הינטערנ גלאָז־פראָנט פונ דער „טורבינע“ אפ דער הוטענ־גאס האָבנ זיכ הײַנט ניט אָנגעהויבנ צו באוועגנ. איבער דעמ גלאטנ ווי א שפיגל וואסער פונעמ צאָפנ־האפנ זײַנענ געהאנגענ אָנ באוועגונג אינ דער קאלטער פרימאָרגנ־לופט די שווארצע אײַזערנע נעגל פונ די קראנענ...

נאריש זײַנענ ארומגעפּאָרנ די ליידיקע אינדערפרייִקע צוגנ פונ דער שטאָטישער באנ אינ די אינדוסטריע־קווארטאלנ. נאָר אינ די געבעטע וואגאָנעס פלעגנ זיצנ הע־

כערע באאמטע און אינזשענערן, וואָס האָבן געלייענט די ערשטע פרימאָרגנדיקע צײַטונגען מיט די געדרוקטע אױף דער ערשטער זײַט מיטן פעטן שריפט אַרטיקלען, וואָס זײַנען געווען געשריבן מיטן זשאַרגאָן פון מילכאָמע־באַריכטן.

„...די באַפעלקערונג פון בערלין איז געוואָרנט! דער פּאָליצײַ־פּרעזידענט טיילט נאָכאַמאָל מיט, אַז קעגן די, וואָס וועלן מאַכן דעם קלענסטן פּרוּוו צו ברעכן דעם פאַרבאָט פון דעמאָנסטראַציעס, וועלן אָנגעווענדעט ווערן די שאַרפסטע מיטלען... די אַרבעטער־קוואַרטאַלן זײַנען באַזונדער פאַרזאָרגט מיט גענוגנדיקן פּאָליציייִשן שוץ... קעדײַ אָפּצוהיטן די געהעריקע מעלוכע־אויטאָריטעט... עס זײַנען פאַראַן באַווײַזן, אַז די קאָמוניסטן ווילן אויסניצן דעם מײַ־יאָנטעוו פאַר אַ בלוטיקן לינקן פוטש"...

אין צײַטונג האָט געהאַט אין דעם רעכטן ווינקל פונויבן צוויי בילדער, איינס לעם אַנדערן, פון לינקס דער קאָפּ פונעם פאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי טעלמאַן, און דערבײַ די פאָטאָגראַפיע פונעם אָנפירער מיט דער פּאָליציייִשער אַקציע, פּאָליציי־פּאָלקאָווניק הײַמאַנסבערג. אופהעצנדיק איז אונטן געווען צוגעשריבן: „ווער פון די ביידע וועט הײַנט באַהערשן בערלין?"—אין אַ פּאָר שעה זײַנען אַלע אינדער־פריִעדיקע צײַטונגען געוואָרן אויספאַרקויפט.

★

דער ערשטער געריש אין געסל האָט זיך דערהערט פון „רויטן נאַכטיגאַל", 7 אַזייגער אינדערפרי. דער שוואַרצער ווילי האָט אַרופגעצויגן די שווערע לאָדנס און האָט מיט קליינע פאַרשלאָפענע אויגן באַטראַכט די גאַס. ער האָט אופגעהויבן די באַז ווי ער וואָלט אויסגעשמעקט עפּעס אין דער קאַלטער אינדערפריִעדיקער לופט. אין ליידיקן געסל פאַר אים זײַנען שוין פון פאַריקן אָוונט געהאַנגען רויטע פאָנעס, וואָס האָבן זיך שטיל באַוועגט אין פרימאָרגנדיקן ווינט.

„צו אַלדע רוכעס... ווו איז דאָס הינגעקומען דער טראַנספּאַראַנט..?!"

ער האָט זיך געריבן די אויגן, עס איז אָבער פאָרט פאַרשווּנדן געוואָרן,—באַ־דערנאַכט האָבן די אַרבעטער איבער דער גאַס אויסגעהאַנגען אַ טראַנספּאַראַנט, אױף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט די קאַריקאַטור פון בערלינער פּאָליצײַ־פּרעזידענט מיט דער אונטערשריפט „געטריקנטע ציבעלע". דעם טראַנספּאַראַנט האָט ווײַזט אויס, די פּאָליציי אַראָפּגענומען אין אַזאַ צײַט, ווען די לעצטע פלײַסיקע כאַווײרים האָבן זיך שוין אויך צוגעשפּאַרט אַביסל.

ער האָט זיך אַוועקגעשלעפּט צוריק אין לאָקאַל. האָט גענומען אַ שטול און צוויי רויטע פאָנעס. זאָרגזאַם האָט ער צוגעפעסטיקט די פאָנעס באַ ביידע זײַטן פון אַרײַנגאַנג. דאָס האָט ער געמוזט אַליין מאַכן, דערצו האָט ער קיין אַנדערן ניט צוגעלאָזן,—אױף דעם גרויסן שילד איבערן שוי־פענצטער איז שוין פון נעכטן אינאָוונט געווען אָנגעצויגן אַ גרויסער רויטער לײַוונט. „זאָל לעבן דער ערשטער מײַ!" איז געווען דערױף געשריבן מיט גרויסע ווײַסע בוכשטאַבן און דערבײַ איז געווען אויסגעמאָלט אַ גרויסער צענויפגעדריקטער פויסט.

„גאָר פײַן זעט הײַנט אויס מײַן אַלטע בודע...!" האָט ער געזאָגט און אײַנבויגנדיק דעם קאָפּ באַטראַכט פון גאַס אַרויס דעם פראָנט פון הויז.

אין א האַלבער שעה ארום האָט פּאול דורכן הויף געפּײַפט צו קורטן און אַנען. דאָס רויטע טוך האָט נאָך געהאַנגען איבער דעם פענצטער, זיי האָבן נאָך געשלאָפן.

„טססס...ט...ט, קורט!“

די טוך האָט מען אַביסל אָפּגערוקט אָן א זײַט, און אַנאַס בלאָנדער גלאַט פּאַרקאַמטער קאָפּ האָט ארויסגעקוקט אפן הויף. — זי איז געווען מאָלע רעציכע. ווײַ־ניקסטנס הײַנט האָבן זיי געקאָנט לאַזן קורטן אַביסל מערער שלאָפן. ערשט פיר אזייגער איז ער געקומען אהיים פון קלעפּן. וואָס איז דאָס איבערהויפּט פאר א יאָנטעוו, אויב מע קאָן אפילע ניט אַביסל לענגער שלאָפן...!

קורט האָט זיך אופגעכאַפּט און האָט זי דערזען שטייענדיק באַם פענצטער.

„ווי שפּעט איז דאָס, אַנאַ?“ דערבײַ האָט ער אָבער שוין אָפּגעוואָרפן די קאָלדרע און איז אופגעשטאַנען.

„מענטש איינער, אַנאַ, מיר וועלן נאָך פארשלאָפן די צײַט... אָבער איצט גיכער“. ער האָט זיך גענומען צו זײַנע זאַכן.

„עס איז אָבער קיין זיבן אזייגער ניטאָ. לייג זיך צו נאָך אף א שעה“, האָט זי געבעטן. אין דעם מאָמענט האָט פּאול ווידער א פּײַף געטאָן איבערן הויף.

„דו... טו נאָר א קוק, דאָס פּײַפט מען דאָך אונדז... די צײַטונג איז געקומען?... עס וואָלט געווען א ווונדער, אויב מע וואָלט זי הײַנט ניט קאָנפיסקירט“.

„פּאול פּײַפט“, האָט אַנאַ קורץ געענטפערט.

„טו נאָר אים א געשריי, אַז איך קום גלײַך... באַקום איך הײַנט ניט קיין ריינע העמד, אַנאַ?... אַך — אָט ליגט זי שוין“.

אַנאַ האָט עפּעס א געשריי געטאָן אפן הויף.

קורט האָט זיך הײַנט אויסגעפּוצט אין זײַן בעסערן אָנצוג. מיט א נאַסע בערשטל האָט ער לאַנג געגלעט זײַנע ווידערשפּעניקע האָר ביז זיי זײַנען געוואָרן גלאַט ווי א שפּיגל. די ווײַסע העמד אין מיטן וואָך האָט בא אים ארויסגערופן א יאָנטעווודיקע שטימונג. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז הײַנט פײַערן די ארבעטער אין דער גאַנצער וועלט דעם ערשטן מײַ. וואָלט מען זיי אַלעמען געהאַט אין איין הויפן... אַלע פּראָלעטאַריער, וואָס טונקען הײַנט ניט אײַן א פינגער אין קאַלטע וואַסער פאר זייערע עקספּלואַטאַטערס, מענטש איינער, דער לוסטגאָרטן וואָלט געווען צו קליין, וואָלטן זיי אַלע נאָר א בלאָז געטאָן מיט אַמאָל, וואָלט דער דאָם־קלויסטער גלײַך אַרײַנגעקײַקלט זיך אין דער שפּרײַ...

ער האָט זיך פּלוצלינג פאַנאַנדערגעלאַכט אפן קול. וואָס פאר א נאַרישקײַטן פאַלן אים דאָס הײַנט אײַן!

אף די טרעפּ און איבערן הויף זײַנען געגאַנגען מענטשן. אפן דריטן שטאָק האָט יופּ צוועקנשטעלט זײַן גראַמאָפאָן באַם אָפענעם פענצטער און אים געלאָזן שפּילן דעם מאַרש פון דער רויטער גוואַרדיע. דער גאַנצער הויף האָט געפּײַפט, געזונגען, ארומגעטאַנצט און געטומלט. פון א פענצטער האָט מען געוואָרפן עפּעס אפן הויף ארויס.

קורט האָט דערהערט, אַז פּאול פּײַפט שוין ווידער. אף א שטיקל פּאַפּיר האָט ער אָנגעשריבן: „צען אזייגער פאר דעם „רויטן נאַכטיגאַל“ און האָט עס אוועקגעלייגט לעם אַנאַ, וואָס איז געזעסן מיט א איבערגעבויגטן קערפּער איבערן טיש.

פאול איז מיט קורצן צוזאמען ארויס אפ דער גאס. איבעראשטע זיינען זיי בע־בליבן שטיין. די געסל איז געווען א לייכטנדיקער רויטער וואלד פון פאנעס. עס איז קימאט קיין פענצטער ניט געווען פון וועלכן עס זאל ניט פלאטערן א רויט לייוונט. כאטש דאס האט געמעגט זיין א גאנץ באשיידן רויטע פענדל. פון אסאך פענצטער זיינען אראפגעהאנגען גרויסע רויטע טראנספאראנטן, „נידער מיט דעם דעמאנסטראציע־פארבאט" און „די גאס פריי דעם 1־טן מיי". אפ איין טראנספאראנט איז געווען אויסגעמאלט א סערפ מיט א האמער און אונטערגעשריבן, „זאל לעבן דער ראטן־פארבאנד—קעמפ אויס א ראטן־דייטשלאנד!" אפן ראג וויזן־גאס איז געהאנגען א ריזיקע טראנספאראנט קווער איבער דער גאס מיט ריזיקע בוכשטאבן, „רויט־פראנט!"

פאר די הייזער זיינען געשטאנען מענער, פרויען, קינדער מיט רויטע פאפירענע בלומען אין די קליידער. אסאך קינדער האבן ארומגעטראגן קליינע, אליין געמאכטע רויטע פאפירענע פענדלעך, אפ וועלכע ס'איז געווען אויסגעמאלט א צונויפגעלייגטער פויסט, א סאוועטישער שטערן אדער א סערפ און האמער. אפילע אייניקע קליינע קרעמערלעך פון דעם געסל האבן אויסגעפוצט זייערע פענצטער מיט בילדער פון לענין, ליבקנעכט, ראזע לוקסעמבורג אדער מיט א רויטן, פינפעקיקן שטערן. מאקס מיט דער קוליע האט זיין גאנץ פאפיראסן־קרעמל פייערלעך אויסגעפוצט. אפ אסאך הייזער איז געווען אנגעקלעפט די טיטל־זייט פונעם מיי־נומער פון דער „ראטע פאנע". דערביי זיינען געשטאנען די איינוווינער, האבן געלייענט דעם טעקסט און דיסקוטירט צווישן זיך.

צווישן 9 און 10 אזייגער זיינען די ארומיקע גאסן ביסלעכווייז פול געווארן מיט ארבעטער, וועלכע זיינען ארומגעגאנגען אין קליינע גרופן איבערן טראטואר. אומעטום האבן געפינקלט רויטע פאפיר־בענדלעך אפ די אנצוגן בא די מענער און אין בלוזעס פון די פרויען.

פארן „רויטן נאכטיגאל" איז געווען אזוי פול, אז פאול האט זיך קוים געקאנט דורכשטופן. א מעשוגאס איז דאס געווען, האט ער פאר זיך געזידלט, אוועקשיקן פונקט היינט הערמאנען אין בראנדענבורג, אין דערדאזיקער מעקענע. הערמאן איז געווען דער אייציקער אין געסל, וואס האט געהאט די מענלעכקייט דידאזיקע מאסן האלטן פעסט אין די הענט. פאול האט זיך געפילט ניט זיכער, ער האט געוווסט, אז ער האט ניט קיין נאטור פון קיין פירער. ווּהין מע וואלט אים געשיקט וואלט ער זיין שטעל באשטאנען. אבער ער האט געפילט, אז די אופרעגונג פון די מאסן צוליבן פארבאט פון דער מיי־דעמאנסטראציע און צוליב די פראוואקאטערישע מעל־דונגען פון פאליציי־פרעזידענט איז געווען צו שטארק. צוליב דער קלענסטער סיבע קאן קומען צו א געפערלעכן אופרייס! פאר דעם לאקאל האט ער געזען א גאנצע דריי סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער, וואס האבן ביז איצט זיך קיינמאל ניט באטייליקט אין די דעמאנסטראציעס פון דער קאמוניסטישער פארטיי, אבער זיינען היינט באשיימפערלעך גרייט געווען אנצושליסן זיך אין דער דעמאנסטראציע קעגן דעם פארבאט פון זייער אייגענעם פארטיי־כאווער.

באם אריינגאנג אין „רויטן נאכטיגאל" האט אים א קוריער געמאלדן, אז ארום קעלינער קווארטאל זיינען צונויפגענומען גרויסע מאכנעס שופא (שוץ־פאליציי) אין דעם צראקע־אמט אפ דער פאנק־גאס, ניט מער ווי א הונדערט טריט פונדאנען, זיצט באהאלטן א גאנצער הונדערט פאליציאנטן... דער נעטלבעקפלאץ איז פארוואנדלט

געוואָרן אין א פּאָליצייִשן לאַגער... אין פאַרשיידענע הײַזער אַף רײַניקענדאָרפער גאַס האָט די פּאָליציי אײַנגעאָרדנט „פליִענדיקע פּאַטרולן". פאַרקערט, אַף די גאַסן זײַנען ווי שטענדיק געווען נאָר די געוויינלעכע פּאָליציי־פּאָסטנס פון די צירקלען. נאָר שנעל פליִען דורכלויפן קליינע אויטאָמאָבילן מיט 6—10 פּאָליציאַנטן איבער די גאַסן. דאָס זײַנען געווען די אויספיר־אָפּטיילונגען.

אין „רויטן נאָבעגאַל" איז בוכשטעבלעך ניט געווען קיין אָרט, וווּ א שפּילקע זאָל קאָנען פאַלן. עס איז געווען פיל מיט אַרבעטער, וועמעס היטלען און קליידער זײַנען געווען באַפּוצט מיט אָפּצייכענונגען און מיט רויטע נעגעלעך. מיט צען מינוט צוריק האָט מען אין לאָקאַל א פּאָליצייִשן שמעקער דערטאַפּט און מע האָט אים נאָך א געהעריקע ביסל קלעפּ אַרויסגעוואָרפן. מע האָט ניט געקאָנט האָבן קיין פרעטענזיעס צו די אַרבעטער אַף דער גאַס, וואָס זיי האָבן זיך אויך גענומען צום שמעקער. ערשט אין דער רײַניקענדאָרפער גאַס האָט אים א פּאָליציי־פּאַטרול באַפרײַט.

אין דעם הינטערשטן קליינעם זאַל האָבן קורט און פּאול זיך געטראָפן מיט די איבעריקע כאַווערים פון קאָמיטעט. אויך דער אַלטער פּאַסטער היבנער האָט געהאַלטן וואָרט. אין זײַן אָפּגעטראָגענעם, שיין גלאַנציקן פון פיצן שוואַרצן זונטיקדיקן אָנצוג מיטן רויטן בלום אין קנאָפּלעכל איז ער א שווײַגענדיקער געזעסן בײַם טיש און געוואַרט אַפן צייכן צום אַרויסמאַרש. קורט האָט געקוקט אַף דעם אַלטן, וואָס האָט געוויס אַסאַך געטראַכט אין דעם מאָמענט. פאַר 40 יאָר האָט ער הײַנט צום ערשטן מאָל מאַרשירט אין דער מײַ־דעמאָנסטראַציע אונטער א פאַרבאָט פון א סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּאָליציי־פּרעזידענט...

„טאָמאַס...!" האָט א געשריי געטאָן פּאול אין ערשטן צימער אַרײַן. זײַן שטימע איז אָבער דערטרונקען געוואָרן אין גערויש. ער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די אַרבעטער און האָט אַרויסגעצויגן א קליינעם געזעצטן מענטשן פון א גרופּע, וואָס האָט היציק דיסקוטירט צווישן זיך. עס איז געווען דער כאַווער טאָמאַס, דער אָנפירער מיט די קאַדרען.

„הער נאָר, טאָמאַס... ווי האַלט דאָס בײַ אײַך? צי ביסטו זיכער, אַז קיינער האָט בײַ זיך גאָרניט פאַרבאַהאַלטן. מיר מאַרשירן אומבאַוואָפנט!!"

פּאול האָט דאָס געזאָגט ניט, ווײַל ער האָט מוירע געהאַט. עס איז געווען א שטרענגע דירעקטיוו פון דער פּאַרטיי, אין הערמאַן האָט באַרעכנט נאָכאַמאָל פאַרשאַרפט די פראַגע, אַז ער זאָל אין קיין פאַל ניט דערלאָזן, אַז אימיצער זאָל נעמען געווער צו דער דעמאָנסטראַציע.

„ווייסטו, פּאול", האָט געענטפערט טאָמאַס, פאַרציִענדיק דעם הויזן־רימען נאָך אַף א לעכל שטאַרקער. „איך קאָן דאָך ניט יעדערן אַרײַנקוקן אין קעשענעס. פאַרבאָטן האָב איך דאָס ניט איינמאָל, צען מאָל מינדעסטנס. איך גלויב אויך ניט, אַז אימיצער זאָל וואָס מיטנעמען".

„האַלט דײַנע מענטשן פעסט צוזאַמען, טאָמאַס, ווער ווייס וואָס קאָן נאָך פּאַסירן!"

די פּענעמער פון די ביידע אַרבעטער זײַנען געווען ערנסט, א אומגעהײַערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געלעגן אַף זייערע פּלייצעס.

— פּאול האָט א קוק געטאָן אַפן זייגער, צען אַזייגער, טאָמאַס, הייס אין דרויסן זיך אויסשטעלן. מיר הייבן אָן!"

צווישנ די מענטשנ, וואָס האָבנ געוואַרט אפ דער גאס, האָט זיך אָנגעהויבנ א באוועגונג, ווענ אינ „רויטנ נאכטיגאל" האָט זיך געעפנט די טיר אונ די ארבעטער האָבנ זיך א שאָט געטאָנ אפ דער גאס. פונ א פענצטער האָט א פרוי עפעס ארונטערגעשריִענ. אלע האָבנ זיך צוזאמענגעקליבנ פארנ לאָקאל.

א שארפער דורכדרינגענדיקער פײַפ האָט צוויי מאָל איינער נאָכ דעם אנדערנ דורכגעשניטנ די לופט. דער פײַפ איז געווענ באקאנט. דאָס איז געווענ טאָמאס.

— „אויסשטעלנ זיך... מארש, מארש!!"

מיט איינ קלאפ האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט דער קנויל. דער פײַפ האָט ארײַנגעדרונגענ אינ די מאסנ, ווי א פעסטע זיכערע האנט, וואָס ברענגט אלצ אינ אָרדענונג, זאמלט זיי, טיילט זיי אינ קאָלאָנעס, גיט יעדערנ זײַנ פלאצ. — מיט הויכע אויסרופנ האָט מענ באגריסט א דרײַקאנטיקע רויטע שטורעמ־פאָנע, וואָס איז ארויסגעשווומענ פאָרנט צווישנ דער דריטער אונ פערטער ריי.

די שארפע שטימ פונ טאָמאסנ האָט פלוצלונג אלעמענ א צופ געטאָנ. איינ רעגע איז געוואָרנ קימאט ניט הימלעכ שטיל. ווי א קלינגענדיקער האמער האָט זי דערהערט איבער די קעפ פונ די אויסגעשטעלטע רייענ די קלאָרע אונ העלע קורצע קאָמאנדע.

„אכטונג... אָפטיילונג... מארש!"

מיטנ ערשטנ טריט האָט זיך אופגעהויבנ א שטורמישע אוואציע. די פענצטער האָבנ זיך א עפנ געטאָנ, ווי נאָר דער ריטמ פונ מארש האָט א שלאָג געטאָנ אָנ די הײַזער. א יונגע קלינגענדיקע שטימע האָט אויסגעשריִענ: „נידער מיט דעמ פארבאָט פונ דעמאָנסטראציעס!"

עס זײַנענ געווענ אזעלכע, וואָס האָבנ דערשראָקנ אופגעציטערט, ווענ די גאנצע גאס האָט אינ קאָל איבערגעכאזערט: „נידער... נידער... נידער..!" איינ איינציקער דונערנדיקער פראָטעסט־געשריי!

אינ דער גאנצער ברייט פונ גאס האָט זיך באוועגט פאָרויס דער טונקעלער שטראָמ ארבעטער. אינ דער שפיצ האָט געברענט די דרײַעקיקע שטורעמ־פאָנע ווי א געפערלעכער, צעגליטער אפ רויט, פונק אינעמ יאמ גרויע אײַנגעפאלענע פענעמער. צוויי, דרײַ האָבנ אָנגעהויבנ אונ די גאנצע גאס האָט אונטערגעכאפט דאָס ליד וועגנ די „שקלאפנ, וואָס מוזנ אינ הונגער לעבנ אונ נויט".

אפ דער רייניקענדאָרפער גאס זײַנענ מיט א רויש ארויפגעפאלנ די אײַזערנע לאָדנס אינ די שויפענצטער פונ די גרעסטע געשעפטנ. עס האָבנ געבראזגעט די אײַזערנע ראטעס, מיט וועלכע מע האָט ביז צעקאָכטער האסטיקייט פארשפארט די טירנ. דער קאמפ־מײַ פונ 1929 האָט זיך אָנגעהויבנ!

די, וואָס זײַנענ געלעגנ אפ די פענצטער, האָבנ דאָס די ערשטע באמערקט. פלוצלינג האָבנ זיי אָנגעהויבנ ראעשנ, מאכנ מיט די הענט — אונטערנ דונער פונ דעמ ליד האָט מענ געזענ נאָר זייערע אָפענע דערשראָקענע מײַלער. אפנ ראָג פונ דער רייניקענדאָרפער גאס האָבנ א בליצ געטאָנ די העלמס אונ זילבערנע קנעפ פונ אוניפאָרמענ. אינ דעמזעלבנ מאָמענט זײַנענ הינטער דער דעמאָנסטראציע ארויסגעשווומענ די בלויע אוניפאָרמענ פונעמ צדאָקע־אמט אינ דער פאנק־גאס. פונ א פענצטער האָט א קוויטשיקע פרויענ־שטימע צעשניטנ די לופט: „פאָ...לי...ציי...!!!"

די קעפּ האָבנ זיכ אויסגעדרייט. די מאַסע האָט זיכ אַ וואַקל געטאָנ, דער פלאַטערנדיקער מוירע־געשריי האָט געדראָט אַלצ צו פאַנאַנדערטרײַבנ. פרויענ און קינדער האָבנ זיכ געשטופּט און געשטויסנ איינס דאָס אַנדערע. אַ מיידל איז אומגעפאַלנ. איר דינע וויינענדיקע שטימע איז דערשטיקט געוואָרנ אינ דעמ ברומענדיקנ קאָפּ־דיקנ רעווען פונ די אַרבעטער, וואָס האָבנ איצט באַמערקט, אַז זיי געפינענ זיכ אינ אַ געפערלעכער פּאַסטקע.

דאָס איז געווענ אַ ביטערער, ברוטאַלער אָנפאַל. פונ ביידע זײַטנ האָט די פּאָליציי פאַרשפּאַרט די קורצע גאַס און צווישנ אײַנגעקלעמט די מאַסע, וואָס האָט זיכ שוינ ניט געקאָנט באַוועגנ. ווי בײַ אַ יאַגד האָבנ זיי איצט אָנגעהויבנ אופּטרײַבנ די מענטשנ אַפנ מיטנ. יעדערער האָט גלײַכ דערזענ, אַז בײַ דער פּאָליציי איז ניט דאָס וויכטיקסטע פאַנאַנדערצוטרײַבנ די דעמאָנסטראַציע, דערצו איז דאָכ געווענ גענוג צו לאָזנ פרײַ איינ זײַט, נאָר, די אַרבעטער, פרויענ און קינדער זאָלנ ווי אומבאַוואָפנטע צוזאַמענגעטריבענע פי צעמיימעסט ווערנ.

אַ פײַפערײַ, אַ קוויטשערײַ. געשרייענ האָבנ אָנגעפילט די גאַס און די מורדעדיקע קלעפּ מיט די גומענע שטעקנס האָבנ אָנגעהויבנ פאַלנ איבער די קעפּ. די פאַרשעמטע האָבנ זיכ געשטויסנ אַפּ צוריק, פונ הינטנ האָבנ אַלע, געטריבנ פונ די גומי־שטעקנס, געלאָפנ פאָרויס. עס איז אַנטשטאַנענ אַ שרעקלעכע פּאַניק.

קורט איז אַרופגעשפּרונגענ אַפ אַ טרעפּ און האַלטנדיק די הענט פאַרנ מויל ווי אַ טרומייטער, געשריענ... מע האָט אַפילע ניט געקאָנט דערקענענ דעמ טאָנ פונ זײַנ שטימע.

פאַר די אופגעריסענע הויז־טירנ האָבנ זיכ געשטופּט די אַנטלויפנדיקע. די געשרייענ פונ די פרויענ און קינדער האָבנ נאָכ מער פאַרשטאַרקט דעמ טומל. צוליב דעמ שטויסנ און שטופּנ זיכ האָט זיכ קיינעמ ניט אײַנגעגעבנ אַרײַנקריגנ זיכ אינ די הײַזער, און פונ הינטנ האָבנ די גומענע שטעקנס געקלאַפּט איבער די שאַרבנס. ווער עס פלעגט ניט אויסהאַלטנ די קלעפּ, פלעגט אינ דער ענגשאַפט אַפילע ניט קענענ אומפאַלנ.

פלוצלינג האָט קורט דערזענ פאַר זיכ פונ רעציכע פאַרקרימטע פּענעמער פונ דרײַ פּאָליציאַנטנ. „אַראָפּ־דו סטערוועו!” האָט איינער אַ געשריי געטאָנ אַפ אימ און האָט אימ אַראָפּגעשלעפּט פונ די טרעפּ. אינ זעלבנ מאָמענט האָבנ די גומי־שטעקנס פונ די דרײַ פּאָליציאַנטנ אַ פײַפ געטאָנ איבער זײַנ פּאַטעלניצע. בײַ אַנ אַנדערנ וואָלט עס וואַרשײַנלעכ גענוג געווענ צו מאַכנ מיט אימ אַנ ענדע.

קורט האָט אַ געשריי געטאָנ פאַר קאַעס.... האָט זיכ אַ דריי געטאָנ... און איידער ער אַלײנ האָט זיכ אַרומגעזענ, וואָס ער טוט, האָט שוינ זײַנ ברייטער האַרטער פויסט דערלאַנגט אונטערנ סאַמע לאַקירטנ ראַנד פונ העלמ, דערלאַנגט אינ שטערנ פונ איינעמ פונ די פּאָליציאַנטנ, וועלכער איז געפאַלנ מיט אַנ אופגעריסענעמ מויל.

אָבער ניט נאָר די אַנדערע פּאָליציאַנטנ, וואָס זײַנענ צוגעשפּרונגענ מיט געגרייטע פּיסטאָלעטנ, האָבנ באַמערקט דעמ צופאַל, וואָס האָט געדויערט ניט מער ווי אַ סעקונדע, נאָר אויכ טאָמאַס, וועלכער האָט ביז איצט אומזיסט געפּרווט אײַנצוהמענ די פּאַניק און האָט געמוזט זיכ באַגרענעצנ דערמיט, אַז ער מיט זײַנע מענטשנ האָבנ

זיך באמיט אײַנהאלטן די פּאָליציי פון ביידע זײַטן וואָס לענגער, קעדיי די פרויען און קינדער זאָלן זיך אַרײַנכאַפּן אין די הײַזער. איידער די אנדערע פּאָליציאַנטן זײַנען צוגעשפּרונגען, האָט ער אַ ריס געטאָן קורטן אין אַ פירהויז און האָט הינטער זיך צוגעטראַסקעט די טיר.

דאָס האַלב־טונקעלע פירהויז און די טרעפּ זײַנען געווען געדיכט אָנגעפילט מיט מענטשן. „לויפט", האָט אַ געשריי געטאָן טאָמאַס און האָט מיט זײַן ברייטן נידעריקן רוקן צוגעשפּאַרט פון אינעווייניק די טיר.

„...אַלע זאָלן טייקעף פאַרשווינדן אין די וווינונגען!"

ער האָט געמוזט קורטן ערשט אַ זעץ טאָן מיט דער פוס איידער יענער האָט זיך אויך ערגעצוווּ פאַרוקט.

אַפילע אַף קיין איין צאָל האָבן די יונגע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געשדימט פון רעציכע, ניט געקאָנט די טיר אָפּרוקן. מיט זידלערײַ האָבן זיי זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן אַף דער גאַס.

אינמיטן איבערן ברוק, וואָס איז שוין קימאַט פולשטענדיק ליידיק געווען, איז געגאַנגען אַ פרוי. אַפן האַנט האָט זי געהאַלטן. פעסט צוגעדריקט צו זיך, אַ קליין וויינענדיק קינד. אומזיסט האָט זי צום אָנהייב געפּרוּווט זיך און דאָס קינד ראַטעווען אין אַ פירהויז און נאָר מיט מי איז איר געלונגען אַרויסצובאַפרײַען זיך פון אַ לעבנס געפערלעכן געדראַנג. איצט אָבער זײַנען אַלע טירן געווען געשלאָסן פאַר די פּאָליציאַנטן. אַף דער גאַס זײַנען אַרומגעלאָפן נאָר פּאָליציי־באַאַמטע מיט די רעוואָלווערן אין האַנט און מיט אויפגעהויבענע גומי־שטעקנס.

פאַרן „רויטן נאַכטיגאַל" האָט זיך אָפּגעשטעלט דער פּאָליציי־אויטאָמאָביל, אַף וועלכן סע האָט אַרופגעלייגט דעם פּאָליציאַנט, וואָס קורט האָט אים דערלאַנגט. ער איז נאָך אַלץ געווען אָן באַוווּסטזײַן.

די פרוי מיטן קינד זײַנען שוין באַלד דערגאַנגען ביז צום סאָף פון דער גאַס ווי פלוצלינג איז אַ יונגער, אומגעפער אַ 20־יאָריקער פּאָליציאַנט צוגעלאָפן צו איר. דער פרויס פּאָנעם איז בלייך געוואָרן, אָבער זי איז געגאַנגען ווײַטער און האָט נאָר פעסטער צוגעדריקט צו זיך דאָס קינד. גראַדע דיזאָזיקע פעסטע זיכערקייט האָט צוגענומען באַם יונגן פּאָליציאַנט די לעצטע באַהערשונג. מיט איין שפּרונג האָט ער איר פאַרשטעלט דעם וועג און האָט איר דערלאַנגט איבער דעם שטילן ווײַסן פּאָנעם.

„וועק... דו רויטער כאַזער", האָט ער אַ געשריי געטאָן און האָט אַ שטויס געטאָן די פרוי, וואָס האָט אינסטינקטיוו אויפגעהויבן די האַנט צו פאַרטיידיקן זיך.

פון די פענצטער האָבן די אײַנוווינער מיט אימע צוגעקוקט זיך צו דעם וואָס קומט פאָר. „דו הונט—וועקט נאָך דערהאַרגענען דײַן אייגענע מוטער"—האָט אַן אַלטע פרוי קוויטשענדיק אַראָפּגעשריִען.

„בלוטיקער הונט...!"

„פאַרשאָלטענער כוליגאַן דו איינער!"

און פלוצלינג האָט פון ערגעץ אַ שטיין גרויס ווי אַ קוילעט אַ ברען געטאָן דעם לאַכנדיקן פּאָליציאַנט אין פּאָנעם. די רעוואָלווערן האָבן זיך אַ הייב געטאָן פּענג... פּענג... פּענג...!

עס האָבן געקנאַלט די ערשטע שאָסן קעגן די הײַזער. „די פּענצטער צומאַכן...!" דער יונגער פּאָליציאַנט, וואָס איבער זײַן בלאַסגעוואָרענעם פּאַרקריבטן פּנים האָט געריננען אַ שמאָלער פּאַס בלוט, איז אַרומגעלאָפן אינמיטן גאַס אַהין און צוריק. בײַ יעדער באַוועגונג אין אַ פּענצטער פֿלעגט ער אויפֿהייבן דעם רעוואָלווער און שיסן.

אויף דער גאַס זײַנען שוין געווען נאָר פּאָליציאַנטן. קיין איין ציווילן האָט מען שוין ניט געזען. אין איינציקע הײַזער האָבן די פּאָליציאַנטן פֿאַרפֿאָלגט די אײַנוווינער איבער די טרעפּ און הויפֿן, אַפֿילו ביז אין די וווינונגען אַרײַן. פֿון אַ פֿירהויז האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט אַ יונגן פֿאַרגאָסענעם מיט בלוט אַרבעטער און האָבן אים אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אַ פּאָליצייִשן אויטאָמאָביל. פֿאַר דעם האָבן זיי אַרעסטירט צוויי טשעסלערס, וואָס זײַנען געזעסן אויפֿן אויטאָמאָביל אין זייער צעקליידונג מיט צעבראָכענע צילינדערס און אויפֿגעהויבענע הענט.

פֿון דער פֿאַנק־גאַס האָט זיך דערהערט אַ צעצויגענער פֿײַף פֿון אָנפֿידער מיט די פּאָליצײַ־קרעפֿטן, צוויי מאָל איינער נאָכן אַנדערן. לאַנגזאַם און קימאַט קעגן אייגענעם ווילן האָט זיך די פּאָליצײַ אַרויסגעצויגן פֿון געסל.

★

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז די גאַס ווידער פֿול געווען מיט אויפֿגערעגטע מענטשן־מאַסן. די ברוטאַלקײַט פֿון דער פּאָליצײַ און דער נידערטרעכטיקער אויפֿן פּונעם צָנפֿאַל האָט אויפֿגערעגט און אויפֿגערייצט דעם גאַנצן געגנט. אויף דער גאַס האָבן זיך אויסגעבילדעט גרופּן, וואָס האָבן אויפֿן קאָל היציק דיסקוסירט צווישן זיך.

„דאָס איז געווען נאָר אַן אָנהייב", האָט אויסגערופֿן אַ פּרוי.

„איר וועט זען. הײַנט אין אָוונט וועט דער „פֿאָרווערטס" שרײַבן, אַז די פּאָליצײַ האָט זיך געמוזט פֿאַרטיידיקן".

„דערפֿאַר קאָנכטו דאַנקען דײַן „כאַווער" דעם פּאָליצײַ־פּרעזידענט..." האָט געשריִען אַן אַלטע אַרבעטער־פֿרוי אַן אַרבעטער אין פּנים אַרײַן, וואָס איז שטיל געשטאַנען אין אַ גרופּע.

„לאָז צורו", האָט שטיל געענטפֿערט דער אַרבעטער, אַ מאַכטלענדיק הילפֿלאָז מיט דער האַנט. „איך גלויב... איך וועל שוין הײַנט אין אָוונט צו דערדאָזיקער פּאַרטײַ מער ניט געהערן".

פֿון אַן אַנדער גרופּע האָט מען געהערט פּאָולס הייכן קאָל: „כאַווייריִם, מיר זײַנען אַליין שולדיק, מיר האָבן די דעמאָנסטראַציע ניט געדאַרפֿט מאַכן אין אַזאַ קורץ געסל, וואָס איז אַזוי לײַכט אַרומצורינגלען און וואָס האָט ניט קיין זײַטיקע געסלעך..."

איינציקע אַרבעטער זײַנען גאַנץ פּאַרטיזאַניש געגאַנגען פֿון גרופּע צו גרופּע אויסשטעלן זיך אויפֿן ראַג פֿון דער ריינעקענדאָרפֿער גאַס! שנעל זײַנען די חבֿרטער דורכגעפֿלויגן פֿון מויל צו מויל. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די אַרבעטער, די פֿעטעמער־ערנסטער און אַנטשלאָסענער ווי פֿריִער.

ווידער האָט דער קורצער דורכדרינגענדיקער פֿײַף געגעבן דעם סיגנאַל צום אויסשטעלן זיך. שנעל זײַנען די אַרבעטער אַראָפּ אויפֿן ברוק און געבילדעט רייען צו אַכט: „אָפּ... טיי... לונג... מאַרש!"

אפן נעטעלבעקפּלאַץ האָבן געפינקלט די זילבערנע גאַרדע־שטערנס אף די לאַקירטע קעלמס פון די פּאָליציאַנטן.

„ני... דער... מיטן... מײַ... פאַרבאָט!“

„זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטײַ!“

„נידער מיט דער סאָציאַל־פאַשיסטישער הונגער־רעגירונג!“

דאָס מאָל האָבן די אוניפאָרמען־קנעפּ ניט אזוי שנעל צומישט די אַרבעטער. רויִק האָט דער דעמאָנסטראַציע־צוג מאַרשירט אַראָפּ ריטניקענדאָרפער גאַס צו נעטערבעקפּלאַץ. איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס האָט געפלאָסן דער געזאַנג פונעם „אינטערנאַציאָנאַל“ א מאָמענט האָט זיך קורצן אויסגעזען, אז צווישן די היטלען פאַר אים זעט ער אנאַס בלאָנדן קאָפּ.

הינטער דער גראַטעס־טיר פונעם קאָאָפּעראַטיוו איז פאַרשווּנדן געוואָרן דאָס דערשראָקענע פּאָנעם פונעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן געשעפטפירער.

די אַרבעטער האָבן געלאַכט און געשריִען איבער דער גאַס: „איר פּײַערט דעם 1־טן מײַ הינטערן אײַזן, וואָס?“

„חי די מאַלפּעס אין זאָאָלאָגישן...!“

די קאָלאָנע איז שוין דערגאַנגען קימאַט ביז סאַמע נעטעלבעקפּלאַץ. קורט האָט זיך א הויב געטאָן און א קוק געטאָן איבער די קעפּ פאָרויס. אין פיר רייען זײַנען די פּאָליציאַנטן געשטאַנען קווער איבער דער גאַס און האָבן געוואַרט אף דער דעמאָנסטראַציע.

אַלץ ווײַטער האָבן מאַרשירט די אַרבעטער, ניט קווענקלענדיק אף א מאָמענט. א הויכע שטימע האָט פאָרנט זיך א ריס געטאָן: „די גאַס פרײַ...!

די אַרבעטער מאַרשירן ווײַטער. לינקס... לינקס... „נידער מיט דער פּאָליצײַישער דיקטאַטור!“

דאָס איז טאָמאַס, האָט געטראַכט קורט און געשריִען צוזאַמען מיט אַלעמען נידער, נידער... נידער!“

אף דעם טראָטואַר רעכטס האָבן אייניקע אָנגעהויבן צו לויפן צוריק. אימיצער האָט אויסגעשריִען.

„שטיין... בלײַ... בן, כאַווייריםן!“

דער צענטער פון דער דעמאָנסטראַציע האָט זיך אַלץ גערוקט פאָרויס. די ערשטע ברייטע רייען האָבן געבילדעט טאָמאַסעס יאַטן, וועלכער האָט אליין מיט פּאַולן מאַרשירט אין דער שפּיץ.

ווידער האָט דער הייכער שאַרפער קאָל א שמיץ געטאָן אין לופטן עפּעס א קאָמאַנדע — און אף די ערשטע רייען האָבן א פּײַפּ געטאָן די גומענע שטעקנס... א שאַרפער קלינגענדיקער געשריי, פּײַפערײַ און קוויטשערײַ! אף דער לינקער זײַט לעם וואַנט איז געשטאַנען א הער מיט א צעבראָכענעם הוט און האָט מיט די הענט געמאַכט ווילדע קאָמישע פּראָטעסט־באַוועגונגען. עס ווײַזט אויס, ער איז גראַדע אַרויס פונעם ציגאַרן־געשעפט אפן ראָג. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אים אָפּגעריסן פון דער וואַנט. אונטער א האָגל פון קלעפּ איז ער אומגעפאַלן. דאָס הוט האָט א פּאָליציאַנט ווי א פּילקע א שטויס געטאָן מיטן פוס איבערן פּלאַץ.

די פּאָליציי איז צעמישט געוואָרן. ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס זיי האָבן אַלעמען געשלאָגן, ווער עס איז געקומען אונטערן האַנט, האָבן זיי דאָך די קאָלאָנע ניט געקאָנט דורכברעכן. פאַרקערט, טריט נאָך טריט האָבן זיי געמוזט צוריקציִען זיך פאַר די מאַסן, וואָס האָבן געגאָסן זיך פאָרויס. די אַרבעטער האָבן זיך פאַרטיידיקט, ווי זיי האָבן נאָר געקענט און ניט געגאַנגען צוריק. האָט מען זיי אין איין אָרט צוריקגעשטויסן, האָבן זיי זיך אין אַ צווייטן פּונקט דורכגעריסן פאָרויס.

ערשט נאָכדעם, ווי מע האָט געבראַכט רעזערוון, האָט זיך דער פּאָליציי איינגעגעבן נאָך אַ האַרטן קאַמף פאַנאַנדערטרייַבן די דעמאָנסטראַציע, די גאַס האָבן זיי אָבער ניט אָפּגערייניקט — אַ פּײַפ האָט זיי צוריקגערופן. עטלעכע קורצע קאָמאַנדעס — זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אף די אוטאָמאָבילן און זייַנען אָפּגעפאָרן. עפּשער איז ערגעצוווּ די סיטואַציע געווען נאָך געפערלעכער ווי דאָ.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַ יונגער אַרבעטער אַרופגעשפּרונגען אַף דעם גרויסן זאַמד־קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון געטעלבעקפּלאַץ, און האָט גערעדט צו די מאַסן, וואָס האָבן איבערגעפולט דעם פּלאַץ.

קורט האָט געזוכט פּאולן. ענדלעך האָט ער אים געפונען.

„הער, מיר מוזן טייקעף צוריקלויפן אין געסל, מיר מוזן זען, וואָס טוט זיך דאָרטן", זיי האָבן געוווּסט, אַז די אָנגריפן פון דער פּאָליציי וועלן זיך דאָ קאָנצענטרירן. מיט שנעלע טריט זייַנען זיי צוריק אַוועק איבער דער רייניקענדאָרפער גאַס.

אָפּלויפנדיק עטלעכע הונדערט מעטער, האָבן זיי דערזען, אַז די אַרבעטער פאַר זיי הייבן אָן צו לויפן אין געסל אַרייַן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו לויפן מיט אַלע קויכעס. אפן ראָג פון דער וויזען־גאַס איז זיי אַנטקעגן פון דער אופער־גאַס אַרויס אַ קאָלאָנע דעמאָנסטראַנטן.

„פּאול, דאָס איז דאָך אָטאָ, — דער מיט דער שטורעם־פאָנע פאָרנט!", האָט אויסגעשריִען קורט און האָט אָנגעהויבן צו לויפן דער קאָלאָנע אַנטקעגן.

ער האָט נאָך ניט באַוויזן צולויפן צו דער קאָלאָנע, ווי ער האָט דערהערט הינטער זיך, ווי עס קלינגען די טשוועקעס פון די שטיוול בא די פּאָליציאַנטן, וואָס שטורעמען פאָרויס.

„לאָמיר נאָר דערגרייכן צו דער קאָלאָנע," האָט ער געטראַכט סאָפּענדיק. ער איז אָבער געווען צו שווער צום לויפן. די יונגע פּאָליציאַנטן זייַנען געווען פלינקער ווי ער.

„דיך וועל איך נאָך פּאַקן, דו סטערווע", האָט ווער גלייַך הינטער אים אַ געשריי געטאָן. און גלייַך האָט דער שטעקן זיך אַראָפּגעלאָזן איבער זייַן קאָפּ. אָבער דער פּאָליציאַנט האָט אים פאַרבייַגעלאָפן צו דער דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט זיך איצטער באַוויזן אפן ראָג פון דער קעזלינער גאַס.

דער פּאָליציאַנט, וואָס איז אַרויסגעלאָפן בא אַ צען מעטער פריִער פאַר זייַנע קאָלעגן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן דירעקט צו דער פאָן. קורט האָט געזען, ווי ער האָט אופגעהויבן דעם גומי־שטעקן, קעדיי אַ קלאַפּ צו טאָן אָטאָן.

וואָס איז דאַן פאָרגעקומען? ס׳איז געווען אַזוי שנעל, אַז קיינער האָט אייגנטלעך ניט געזען וואָס איז דאָ געשען. דער יונגער פּאָליציאַנט איז פּלוצלינג געלעגן

אָן א העלם אפּן אספּאַלט און האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעדרייט ארום זײַן אייגענער אַקס. — אין דעם מאָמענט זײַנען אָנגעשפּרונגען די איבעריקע פּאָליציאַנטן. פאַר דעם האָבן זיי דירעקט הינטער קורטן אומגעוואָרפן, אָנגעטאַפּט און האָבן אים איצט באַאַרבעט מיט די פיס און מיט שטעקנס.

„אופשטיין, — דו בעהיימע", האָט געברעוועט א פּאָליציאַנט. דער מענטש האָט געיאָמערט און האָט אַלץ באַוויזן אַף זײַנע פיס. קורט האָט דערזען, אַז אָנשטאָט דער לינקער פוס האָט ער א הילצערנע פּראָטעז.

„איך וועל דיר שוין מאַכן פיס", האָט געשריען דער פּאָליציאַנט און האָט געשלאָגן דעם אומבאַהאָלפענעם מענטשן, ערשט אַז ער האָט דערזען, אַז דער צווייטער פּאָליציאַנט קאָרטשעט זיך אַף דער ערד, האָט ער איבערגעלאָזן דעם מילכאָמע-אינוואַליד און זיך א וואָרף געטאָן צום פּאַנעטער.

קורט האָט אופגעהויבן דעם אינוואַליד, וואָס האָט געקרעכצט פון ווייטיק, און אים אַרײַנגעטראָגן אין א פירהויז. „דאָ האָט איר מײַן אַדרעס... איר קאָנט רויִק אַרויסרופן מיך אַלס אידעס. קיין סאַך וועט עס ניט העלפן, ווײַל די בעוורעלײַט וועלן שווערן פאַלש... אָבער איר קאָנט עס פּראָבירן". ער האָט שנעל אָנגעשריבן זײַן נאָמען און אַדרעס אַף א שטיקל פּאַפּיר און האָט עס אַרײַנגערוקט דעם מענטשן אין קעשענע.

אפּן ראָג קעזלינער גאַס האָט געבושעוועט דער קאַמף פאַר דער פּאָן. אַמאָל האָט געשריען אַזוי, אַז מען האָט עס געקאָנט הערן אַף די הויפן פון געסל. מיט איין פויסט האָט ער געקלאַפּט ארום זיך און מיטן צווייטן האָט ער פעסטגעהאַלטן די צעריסענע, צעפּליקטע קליינע שטורעם-פּאָן. קורט האָט געזען, אַז פון דער צעריסענער הויט אפּן קאָפּ פליסט בא אים בלוט איבערן פּנים, אָבער די פּאָנע האָט ער ניט ארויסגעלאָזן.

פון דער אנדער זײַט קעזלינער גאַס האָט זיך דערהערט א געזאַנג. א דעמאָנסטראַציע-קאָלאָנע האָט זיך פאַרקערעוועט אַהער פון דער פינק-גאַס און האָט מאַרשירט צו דער וועדינג-גאַס. קורט האָט זיך א לאָז געטאָן איבער דער קעזלינער גאַס, און לויפנדיק ארויסגעכאַפּט פון קעשענע א קליין רויט טוך, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט ווי א שטורעם-פּאָנע און האָט אָנגעהויבן צו ווינקען צו די כאַווירים, וואָס האָבן מאַרשירט, רופנדיק זיי צו אונטערשטיצונג. „קומט אַהער... אַהער...!" האָט ער געשריען מיט אַלע קויכעס דורך דעם געסל.

די קאָלאָנע אַף דעם אנדער עק גאַס איז געבליבן שטיין. די ארבעטער האָבן געקוקט אומאַנטשלאָסן, זיי איז ניט געווען קלאָר וואָס וויל דער מענטש מיט דער פּאָנע.

מיטאַמאָל האָט קורט דערהערט הינטער זיך א קורצן קוויטשעדיקן געשריי פול מיט שרעק. „קורט...!"

ער האָט זיך שנעל אומגעקוקט. אפּן ראָג פון דער וויזען-גאַס האָט ער דערזען שטיין אַנאַ. מיט איימע ווײַזט זי אים אַף עפּעס פון הינטער אים. אַסאַך פּאָליציאַנטן זײַנען געלאָפן מיט אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן דירעקט אַף אים. ער האָט געזען, אַז זיי וועלן אין זייער רעציכעדיקער אופרעגונג אין דער נאָענטסטער סעקונדע אים

פאָשעט דערשיסנ. ער האָט זיכ שנעל א בויג געטאָנ אונ מיט צוויי דרײַ שפרונגענ איז ער שוינ געווענ אינ פירהויז פונ הויז נומער 6, וואָס איז געווענ פאר אימ

„שטיינ בלײַבנ...דו הונט!‟ האָבנ געדרעוועט הינטער אימ די פאָליציאנטנ אונ האָבנ אופגעהויבנ די רעוואָלווערנ.

פענג... פענג...! לינקס אונ רעכטס פונ ארײַנגאנג האָט א שפריצ געטאָנ דער טינק פונ וואנט. קורצ האָט זיכ א לאָז געטאָנ דורכ דעמ פירהויז. די גלעזערנע טיר, וואָס האָט געפירט אפנ הויפ, איז צעטראסקעט געוואָרנ, ווענ ער האָט זי צוגעקלאפט הינטער זיכ.

„קורצ... זיי לויפנ דיר נאָכ‟, האָט אימיצער אויסגעשריִענ פונ א פענצטער אפנ הויפ ארויס. ער האָט געהערט ווי די טשוועקעס פונ די שטיוול קלאפנ אינ פירהויז.—דער הויפ איז געווענ גלאט ווי א טעלער. גראָד ווענ ער איז געווענ אינ מיטנ האָבנ זיי ווײַטער אָנגעהויבנ צו שיסנ.

פענג... פענג...! א קאלטער לופט־שטראָמ האָט א פײַפ געטאָנ פאר זײַנ שלייפ. ווי ~~ווײַסע~~ צעשטויבטע פולווער איז געפלויגנ דער טינק פארנ ארײַנגאנג אינ דער הינטערשטער געבײַדע אפנ הויפ.

„אוועק פונ פענצטער...!

אינ דעמזעלבנ מאָמענט, ווענ דער פאָדערשטער פאָליציאנט האָט אופגעהויבנ דעמ רעוואָלווער אונ האָט אויסגעשאָסנ אינ פענצטער, האָט קורצ דערגרייכט די טרעפ. דער קורצער רופ פונויבנ האָט אימ ווארשײַנלעכ געראטעוועט דאָס לעבנ. די ערשטע טיר האָט זיכ פאר אימ געעפנט, ער איז ארײַנ אינ א וווינונג אונ זיכ באהאלטנ. ער האָט נאָכ געהערט, ווי די פאָליציאנטנ זײַנענ פארבײַ־געלאָפנ די פארשלאָסענע טיר. אונטערנ דאכ האָבנ זיי בא א פרוי, וואָס איז געווענ האלב אינ כאלאָשעס פאר שרעק, ארויסגעוואָרפנ די וועש פונ א קאָכנדיקנ קעסל, זוכנדיק אימ...

★

אנא האָט באוויזנ זיכ צו פארבאהאלטנ אינ א פירהויז, אָבער פלוצלינג האָט זי פונ דעמ אנטקעגנדיקנ הויז, וווהינ קורצ איז ארײַנגעלאָפנ, דערהערט ווי עס קנאלט א שיסערײַ.

„ווילסטע מע זאָל דיכ אויכ דערשיסנ..?‟ האָט אנ ארבעטער א געשריי געטאָנ אונ איר א ריס געטאָנ פונ דער אָפענער טיר אינ פירהויז ארײַנ.

„אָפלאָזנ... מאקס,‟ האָט זי געזאָגט מיט א מאָדנעמ שטילנ הייזעריקנ קאָל.

„... הערסט מאקס... לאָז מיכ אָפ..!‟ זי האָט אומזיסט געפרווט פאנאנדערנעמענ די פינגער, וואָס האָבנ איר פעסט געהאלטנ פאר דער האנט.—אינדרויסנ האָבנ געקנאקט שיסערײַענ. אנ אויגנבליק האָט זי א קוק געטאָנ דעמ ארבעטער אינ זײַנ פאָנעמ ארײַנ אונ האָט אימ מיט דער פרײַער האנט צוויי מאָל דערלאנגט אינ מיטנ געזיכט ארײַנ. ער האָט זיכ א שאָקל געטאָנ, זי האָט א ריס אופ געטאָנ די טיר פונ גאס אונ איז ארויסגעלאָפנ אפנ גאס.—אפנ ראָג האָט מענ גראדע ארעסטירט די פאָנענ־טרעגער אונ נאָכ איינ יונגנ ארבעטער. מע האָט זיי ארופגעזעצט אפנ פאָליצייִשנ אוטאָ־מאָביל: די פאָנ איז צעריסנ געוואָרנ אפ פיצ פיצלעכ.

פיר גרויסע אויטאָמאָבילן מיט פּאָליציאַנטן זײַנען אָנגעקומען פון דער אופּער־גאַס. נאָך בײַ די אויטאָמאָבילן זײַנען געפאָרן האָבן זיך אראָפּגעלאָזן די זײַטיקע ווענטלעך פון אויטאָמאָביל, מיט רעוואָלווערן און גומי־שטעקנס איז דער ראָג אָפּגעריינִיקט געוואָרן.

אַנאַ האָט געזען, ווי פון אַנטקעגנדיקן הויז נומער 6 זײַנען די פּאָליציאַנטן אַרויס — אָן קורטן. אַ מוירעדיקע שרעק האָט זיך ווי מיט נעגל אײַנגעקריצט אין איר געזיכט. ווו איז קורט? פאַרוואָס האָבן זיי אים ניט מי[illegible]יטען ווי דעם פאָנען־טרעגער? ניין, ניין..! אָנשטרענגענדיק אַלע קרעפטן אַזוי, אַ[illegible]ר האָט קוים געשווינדלט אין קאָפּ, האָט זי פון זיך אָפּגעוואָרפן דעם געד[illegible]. זי האָט אים געזען, ליגנדיק אפן הויף מיטן פאָנעם אַראָפּ.

מענטשן זײַנען געלאָפן פאַרבײַ און האָבן זי מיטגעריסן.

„נידער... מיט... דער... הונגער־רעגירונג!"

מיט אופגעהויבענע שטעקנס זײַנען פון הינטן נאָכגעלאָפן פּאָליציאַנטן. אימיצער איז אומגעפאַלן. פון אַ מוירעדיקן קלאַפּ איז דער אופגעהויבענער קאָפּ צוריקגעפאַלן מיט אַ פּוסטן „בומממ" אפן ברוק. ער איז געבליבן ליגן.

„זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי!"

זיי האָבן געשריִען, דאָס גאַנצע געסל און מיט זיי אַנאַ: „אורא... אורא!" פלעגט די פּאָליציי אַראָפּטרײַבן פון איין זײַט, פלעגן זיי שרײַען אפ דער צווייטער. איבער די קעפּ פון דער פּאָליציי האָט מען געשריִען פון אַלע פענצטער. פונעם 2־טן שטאָק האָט מען אַראָפּגעשאָסן אַ רויטע פאָן, אַ פרוי האָט די פאָן אופגעהויבן פון אַספאַלט.

פענג... פענג... פענגן!

ווי חײַסע גיפּטיקע פּאַקן האָבן אויסגעזען די רונדע לעכער פון דער שיסערײַ אפ די גרויע ווענט פון די הײַזער.

2

די פרוי, וואָס האָט געלאַכט.

דרײַ אזייגער האָט זיך פון דער וויזן־גאַס דערהערט אַ הויכער געזאַנג פון אַ קאָ־לאָנע דעמאָנסטראַנטן, וואָס האָבן אונטער [illegible]ער אָנפירונג פון אַ יונגן קאָמוניסט זיך פאַר־קערעוועט אין דער קעולינער גאַס. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן דער דע־מאָנסטראַציע. ווידער האָבן זיך פאַנאַנדערגעעפנט די פענצטער, ווידער האָט מען געשריִען „רויט פראָנט!", ווידער האָבן געוווּנקען די פאָנעס, אין מיליטעריש געשלאָ־סענע רייען האָט די קאָלאָנע מאַרשירט דורכן געסל. אפ יעדן טריט האָבן אַלץ מער אַרבעטער און פרויען זיך אָנגעשלאָסן אָן דער קאָלאָנע.

אַנאַ איז געלאָפן לעם דער קאָלאָנע. עס איז צו באַוווּנדערן, האָט זי געטראַכט, ווי די דעמאָנסטראַציע ענדערט טייקעף די פּענימער בא די מענטשן פון געסל. די אומרויִקײַט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. מיטאַמאָל האָט זי דאָס אַליין דערפילט, אַז דאָס גלײַכמעסיקע גיין אין געשלאָסענע רייען אַקסל־אין־אַקסל פילט זי אָן מיט אַ נײַער שטאָלצער קראַפט.

צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט אנא דערפילט, ווען זי איז געגאנגען מיט די טויזנטער איבערן געסל, אז א שטארקער ריינער שטראָם הייבט זיך אוף בא איר פון הארצן ביז צו די ברענענדיקע אויגן.

זי האָט ניט באמערקט, אז די קאָלאָנע איז שוין געווען אין דער רייניקענדאָרפער גאס און פארקירעוועט זיך צוריק אין דער וויזן־גאס. ערשט, אז דער געזאנג האָט זיך פּלוצלינג איבערגעריסן און די מענטשן ארום האָבן אָנגעהויבן צו פייפן, צו שרייען „נידער מיט די ארבעטער־מערדער!", האָט זי דערזען נאָענט פון דער קאָלאָנע ווי עס פינקלען די העלמס פון די פּאָליציאנטן.

איר האָט ארומגעכאפּט א שרעק, אָבער ניט פאר זיך—נאָר פאר די אנדערע, פאר אלעמען, פאר די כאווירים, וואָס האָבן אָנגעהויבן אופצוהייבן שטיינער. אימי־צער האָט געשריִען: „שטיין... בלייבן... כאווירים!"

מע האָט זי צוזאמען מיט אלעמען געשטויסן פאָרויס. דאָס העלע, רויִקע איז פאר־שווונדן געוואָרן פון די אש־פּענימער. פון א פענצטער האָט געשריִען א קוויטשיקע דורכדירינגענדיקע פרויען־שטים: „בלו...טטט...הינט...טט...!

ווי א צעריסענער ווינט האָט געפלאקערט דער געשריי איבער די קעפּ פון דער מאסע פון רייניקענדאָרפער גאס. הינטער זיי האָט זיך דערהערט דער צעצויגענער סיגנאל פון א פּאָליציי־אווטאָמאָביל; פון ערגעצוו, פון גאָר ווייט האָט זיך געהערט א דינע מעסער־שארפע שטימע: „מע שיסט!!"

דער יונגער מענטש פאר איר האָט זיך אומגעדרייט. פאר אירע אויגן האָט געטאנצט דער רויטער פלעק אף זיין ראָק. ער איז געוואָרן אלץ גרעסער. א רויטער קרייז, וואָס דרייט זיך ווילד ארום...

פענג... פענג... פענג..! דער שנעלער פייער פון די פּאָליצייִשע רעוואָלווערן האָט א טראסק געטאָן אין מיטן פון דעם הויפן מענטשן.

„א־אכ!" דער ארבעטער פאר איר האָט זיך פּלוצלינג געכאפּט מיט ביידע הענט פארן בויך און איז געפאלן מיט א קורצן שטילן געשריי. עטלעכע מעטער ווייטער איז אופגעשווומען א היסטעריש ווייס געזיכט פון א פּאָליציאנט. א שטיין האָט צעריסן די גלאטע אָנהאָריקע הויט, דער העלם איז אראָפּגעפלויגן אף הינטן. קאָמיש—וואָס פאר א העלע האָר האָט ער געהאט איבער דעם בליִענדיקן פּאָנעם..! דערנאָך האָט שוין אנא מער גאָרניט געוווסט.

איבער איר האָבן זיך א לאָז געטאָן פּאָליציאנטן. קוילן און גומי־שטעקנס האָבן ווי געגאָלט דעם ברוק. הינטער זיי זיינען געלעגן אף דער ליידיקער גאס טונקעלע צוזאמענגעדריקטע מענטשן־בינטלעך, די פּענעמער צו די שטיינער. אונטערן בויך פון א יונגן מענטשן איז געראָנען א שמאָל העל־רויטע רינעלע אין דעם בלוי־גרויען שמוץ אריין. א פּאָר טריט ווייטער האָט פארגליווערט ארויסגעשטארטשעט דאָס בלאס־גרויע ניטראזירטע פּאָנעם פון א מענטשן מיט אופגעריסענע ווייסע אויגן אין בלוי הימל אריין. פאר דעם אָפענעם שווארצן מויל האָבן געפלאצט שוימיקע רויטע בלעזעלעך. דער טעמפּער בלייענער שאָס האָט אים דורך דעם רוקן צעריסן די לונגען. איינער האָט געפרווווט מיט א צעשאָטענער קני קריכן אָנאוזיים. א קינד איז אָנגעצילט ארומגעלאָפן הין און צוריק איבער דער גאס מיט ווייזט אויס א צעבראָכע־

נער אראָפּהענגענדיקער האַנט. פון אַ פּירהויז האָט ווער געשריִען עס זאָלן קומען סאַניטאַרן.

מיר, פינף יונגע אַרבעטער זײַנען געגאַנגען צו די פאַרוווּנדעטע, האָבן זיי פאָרזיכטיק אופגעהויבן און געטראָגן זיי אין אַ הויז אַרײַן. דאָס פאַרבלאָזע פּאָנעם פון איינעם פון די פאַרוווּנדעטע איז אַראָפּגעהאַנגען אָפּ הינטן מיט אַ כאָרכלענדיקן בלוטיקנדיקן מויל. אָפּ דער ליידיקער גאַס זײַנען געשטאַנען דרײַ טונקעלע קליינע לוזשעס...

אין געסל זײַנען די פּאָליציאַנטן שנעל פאַרבײַגעפלויגן די טויערן, וואָס האָבן זיך שנעל געשלאָסן פאַר זייערע אויגן. ווי די בילעריײַ פון ווילדע מעשוגענע הינט האָבן געקנאַלט די שאָסן צווישן די הויכע מויערן. דעם סוינע האָט מען ניט געזען. די גאַס איז געווען ליידיק... הינטער די טונקעלע פענצטער־שויבן איז געזעסן דער פאַרהאַסטער געפערלעכער קעגנער.—די פאַרקרימטע פון פאַכאַד פּענימער אונטער ד העלמס זײַנען אַרומגעלאָפן אומרויִק. פאַר זיי, הינטער זיי, איבער זיי—אומעטום האָט זיך באַהאַלטן דער סוינע, די געפאַר—דאָ האָבן געלויערט די רויטע—הונדער־טער־טויזנטער—דאָס גאַנצע געסל איז פול, די גאַנצע שטאָט...

פענג... פענג...! די ציטערנדיקע פינגער האָבן פון זיך אַליין געצופּט פאַרן צ ־גל. עס קנאַלט און עס פילט זיך זיכער און שטאַרק, אַזוי לאַנג, ווי מע שיסט פאַר־שווינדן די גרויע געזיכטער פונעם סוינע. נאָר די פּאָנעס זײַנען נאָך דאָ. די ־אַרשאָל־טענע פאַרהאַסטע רויטע שמאַטעס!

„אַראָפּ די שמאַטעס..!‟ האָט אַ געשריי געטאָן אַן אָפיצער. שנעלער פּײַער אָפּ די פּאָנעס. אַ צעשפּאָלטענער שטעקן בויגט זיך אַראָפּ אָפּ פאָרנט, ווי אַ דערשאָ־סענער קערפּער פון אַ מענטשן בלײַבט זי הענגען אָפּן מויער.

„די פּאָנעס אַראָפּנעמען פון די פענצטער‟. גלאָז האָט געבראַזגעט, טינק האָט געשפּריצט אין דער לופטן. פּלוצלינג אַ רעציכע־געשריי פון הונדערטער שטימען. אַ גרויסע פּאָנע איז אַראָפּגעפאַלן פון 4־טן שטאָק. דער יונגער פּאָליציאַנט, וואָס האָט זי שנעל אונטערגעכאַפּט און אָנגעהויבן צו צערײַסן, האָט מיט אַ געשריי געכאַפּט זיך פאַר דער פּאָטיליצע: אַ שאַרף־קאַנטיקער שטיין האָט אים געטראָפן.

די אײַנוווינער האָבן אַרײַנגעצויגן די צעלעכערטע רויטע פּאָנעס אין די פענ־צטער אַרײַן, זיי זאָלן ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די בלויע טײַוואָלים אונטן איבער דעם אַרײַנגאַנג פונעם הויז נומער 3 האָט נאָך אַלץ אין 2־טן שטאָק געלויכטן אַ קליין רויט פענדל.

„אַראָפּנעמען די שמאַטע!‟

„די פּאָנע צונעמען...!‟

מיר, פינף האָבן איינער דעם אַנדערן איבערגעשריִען, די שויבן האָבן געבראַזגעט אָפּן טראָטואַר. אָבער דער רויטער פלעק איז ניט פאַרשווונדן געוואָרן פון דער גרויער וואַנט. אַ שטיל ווינטל האָט אופגעהויבן דעם קליינעם פירקאַנטיקן לײַוונט, האָט אים אופגעבלאָזן גרויס און דיק, ווי עס וואָלט זיך וועלן מאַכן לוסטיק איבער די אָגמעכטיקע בלײַ־שפּריצער.

און פּלוצלינג איז געשען עפּעס לאַכלוטן אומדערוואַרטעטעס, עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען פאַר די פּאָליציאַנטן געפערלעכער און אומהיימלעכער ווי אַלע איבעריקע

זאכן.—א פרוי האָט געלאכט! פון ערגעציוו, ווי פון דער לופט, האָט מ׳האָט געהערט א פרוי ארויסלאכן. א קורצער, קלינגענדיקער געלעכטער, פון אויפרייצנדיקער זיגערישער קראפט ארויס.

ווי א פייגל איז דער העלער קלאנג א מאָמענט געהאנגען אין דער לופטן איבער די קעפּ פון די דערשראָקענע פּאָליציאנטן און אין ערגעץ וווהין פארשוווּנדן.

די גאנצע גאס האָט עס געהערט און דער ווידערקאָל איז אָפּגעשפּרונגען פון די טויערן, ארויפגעקלעטערט אין די הויפן איבער די ווענט. האסטיק געלאָפן אין די שטיבער און קעלערס און מיטאמאָל זיינען די פארבלאָזע פענצטער פון די פּראָלעטן ווידער העל און שטארק געוואָרן... שיסט זשע... שיסט, שיסט, מאָרדעט, הארגעט... וואָס ווילט איר אייגנטלעך טויטן? צי קאָנט איר אונדזערע דאלעסדיקע וווינונגען דערשיסן... אונדזער הונגער... אונדזערע קראנקייטן.. אונדזער ארבעטלאָזיקייט? איר ארבעטער־מערדער! זאָל לעבן, זאָל לעבן דאָס, וואָס איר וועט קיינמאָל ניט דערשיסן ניט מיט רעוואָלווערן, ניט מיט הארמאטן: זאָל לעבן דער זיג פון דער וועלט־רעוואָליוציע!

נאָר די פענימער פון די פּאָליציאנטן זיינען געוואָרן בלאס. פאר דערדאָזיקער אומבאקאנטער, גיט געזועענער פרוי, וואָס האָט געלאכט, האָבן זיי באקומען א פאכדאָגעסדיקן, פאראליזירנדיקן שרעק, און... זיי האָבן ווייטער אָנגעהויבן צו שיסן אומזיניק מיט ווילדער רעציכע אין די ווענט, אין די טונקעלע פענצטער, דורך די פארקייטלטע טויערן פון די הייזער...

אינעם הויז נומער 3, וואָס איבער זיין טויער איז נאָך אלץ געהאנגען די רויטע פאָנע, האָט א פלאכע בלייענע קויל דורכגעשלאָגן דורך דעם טויער דעם הויזרימען בא דעם ארבעטער איבערט „הידע“, און האָט אויסגעריסן בא אים אין בויך א לאָך גרויס ווי א פויסט.—ער איז געלעגן הינטער דער גרויסער טונקעלער טיר, די פיס צוגעצויגן צום בויך, פון וועלכן די געדערעם זיינען ארויסגעגאנגען.

ערשט אין א שאָ ארום האָט זיך איינגעגעבן ארויסצייען די פּאָליציי פון געסל דורך א שטארקע־ קאָלאָנע דעמאָנסטראנטן, וואָס איז דורכגעגאנגען אין דער רייניקענדאָרפער גאס. פלאנמעסיק האָבן די ארבעטער באומרויקט די פּאָליציי אין די ווייטערע גאסן און אזוי ארום געהאלטן זי ווייטער פונעם געסל.

די ארבעטער האָבן געוועגן, אז דאָס געסל, וואָס האָט ניט קיין זייטיקע גאסן און וואָס די הויפן זיינען גיבן אויך א קנאפע מעגלעכקייט צו אויסדרייען זיך פון דער פּאָליציי, איז געווען א געפערלעכע פאסטקע, אין וועלכער די פּאָליציי פלעגט זיי נאָר ארייננטרייבן, קעדיי זיי אויסקוישטעלן שוצלאָז פאר די פּאָליציישע רעוואָלווערן אין דער פארצאמטער פונויבן און אונטן גאס, די וויזן־גאס איז געלעגן פאר דער קעולינער ווי א קלאָץ, וואָס איז אזוי ארום געוואָרן א בלינד געסל. כוצדעם זיינען די הייזער שוין מער ניט געווען קיין שוץ־פונקט, נאָך דעם ווי די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן איינפאל צו שטורעמען די הייזער. פארפאָלגן די ארבעטער אין די וווינונגען אריין. אפ איין זייט פון געסל, האָט מען דורך די הייזער געקאָנט קומען העכסטנס אפ דער וועדינגער אָדער רייניקענדאָרפער גאס, וואָס די פּאָליציי האָט געקאָנט לייכט אכטונג געבן אפ זייערע קירצע הייזער־פראָנטן. פון דער צווייטער זייט זיינען די הויפן אָפּגעגרענעצט געווען מיט דער פאנקע.-ווען זיך ווער

פון די אנטלויפנדיקע דורכקריגנ איבער דער פאנקע, קומט ער ווידער נאָכ אינ דער וויזנ־גאס אָדער ביז דער פאנק־גאס.

עס איז ניט שווער געווענ צו זענ, אז פאר דער פּאָליציי איז גאָר לײַכט ארומ־רינגלענ דעם גאנצנ הײַזער־בלאָק, אונ פריער אָדער שפּעטער וועט זי דאָס טאָנ, וואָס חעט זײַנ זײַנ?

אינ דעם שמאָלנ דורכגאנג־צימער פונ „רויטנ נאכטיגאל" האָבנ זיכ צונויפ־געדרענגט די אופגערעגטע פּענימער אינ דעם רונדנ קרײַז פונ עלעקטרישנ לאָמפּ, וואָס איז געהאנגענ אינ א ווינקל איבער א טיש, טאָמאס האָט געהאט א ווײַסע בינדע איבער דער דורכגעשאָסענער האנט, וואָס ער האָט געטראָגנ אינ א לעדערנעמ פאס, חעלכער איז געווענ אָנגעטאָנ בא אימ אפנ האלדז. לעבנ אימ איז געזעסנ פאול אָנ א היטל, וואָס ער האָט פארלאָרנ ערגעצ אפ נעטלבעקפלאצ.

„כאווײרים",—האָט רויִק גערעט קורט,—„אינ א פּאָר שאָ ארומ וועט ווערנ טונקל, וועט דאנ די פּאָליציי נאָכ בלײַבנ אינ געסל, צי ווײסט איר וואָס וועט געשענ. מאָרגנ אינדערפרי וועלנ מיר אינ אונדזערע הײַזער האָבנ ניט קיינ צוויי, נאָר עפּ־שער צוואנציק טויטע".

ער האָט געמאכט א קליינע פּאוזע, האָט ארײַנגעקוקט אינ די פּענעמער פונ די ארבעטער, וואָס זײַנען געשטאנענ ארומ אימ, ווי עפּעס פאָרשנדיק,—אונ האָט גע־רעט חײַטער: „איכ מיינ, כאווײרים, די פּאָליציי טאָר מער ניט קומענ אינ געסל ארײַנ!"

„ריכטיק, קורט!"

„כאווײרים... דאָס איז דאָכ א ריינע מעשוגאס", האָט אויסגערופנ פאול אונ איז אופגעשפרונגענ א צעקאָכטער, „...עפּשער וועט איר דאָ אליינ אָנהייבנ א בירגער־קריג?!, איכ פּראָטעסטיר אפנ אנטשיידנסטנ..."

טאָמאס האָט אימ מיט געוואלט אוועקגעזעצט אפנ שטול: „זײַ איצט אביסל רויִק, פאול, מיר וועלנ איצט הערנ וואָס קורט זאָגט".

קורט האָט געקוקט אפ פאולנ מיט אָנגעכמורעטע אויגנ. ער האָט געטראכט וועגנ די ארבעטער, חאָס זײַנענ געזעסנ באמ טיש אונ האָבנ געוווסט, אז אפ הײַנט איז פאול דער שטעלפארטרעטער פונ סעקרעטאר פונ קעמערל...

„כאווײרים, איכ האָב געזאָגט, אז די פּאָליציי טאָר מער הײַנט ניט ארײַנ אינ געסל, ניט די שופּאָ, נאָר מיר וועלנ די גאס פארצאמענ, אז קוידעמקאָל זאָלנ די אווטאָמאָבילנ ניט קאָנענ אהער ארײַנ!".

„יאָ, דאָס איז די הויפּטזאכ... די פארשאָלטענע פּאָליציי־אווטאָ".

„באמ ראָג ליגנ בוי־מאטעריאלנ — מיר מוזנ טייקעפּ מאכנ א שטערונג קווער איבער דער גאס, דעהײַנע אזוי..." מיטנ גרויסנ פינגער פונ זײַנ ברייטער בעטאָנ־טרעגער־האנט האָט ער געמאכט א שטריכ אפנ טיש... „אָט דאָס איז דאָס געסל..." ער האָט געמאכט נאָכ א שטריכ, „אונ דאָ איז די ווידינגער אונ די פאנק־גאס".

דער פינגער האָט אָנגעצייכנט א קרומענ דרײַקאנט. די ארבעטער האָבנ מיט שפּאנונג געקוקט אפ דעם צעקראצטנ צעפלעקטנ טיש אונ האָבנ נאָכגעשפּירט נאָכ די ניט געזעענע שטריכנ, וואָס דער פינגער האָט געצויגנ.

„און דאָ...‟ ער האָט א קוועטש געטאָן מיטן ברייטן נאָגל אין האָלץ, „...בויען מיר אין דער קווער א באַריקאַדע... פון דאַנען ביז אהער... און די צווייטע פון דעם ראָג ביז צו אונדז אהער. און די דריטע דירעקט פאַר דער קאַפּע. דאַן איז דער גאַנ־ דער ווינקל אָפּגעשלאָסן און פון דאַנען קאָנען זיי מער ניט אַרײַנקומען אהער״.

די אויפמערקזאַמע אויגן פון די אַרבעטער זײַנען צוזאַמען מיטן ברייטן פינגער אַרומגעפאָרן איבער דעם הילצערנעם בלאַט פון טיש.

קורט האָט אויפגעהויבן די אויגן. זײַן פּנים איז שוין מער ניט געווען אזוי רויִק ווי פאַר דעם. ער האָט געוווסט, אז זײַן פּלאַן באַטײַט אַן אַנטשיידענע פאַרשאַרפונג פונעם קאַמף, אָבער עס איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג, אויב זיי האָבן ניט געוואָלט איבערלאָזן די באַפעלקערונג אָן שוץ קעגן דעם פּאָליציייִשן טעראָר, וואָס ווערט אין די אָוונט־שעהן, ווי די דערפאַרונג האָט געוויזן, אַלץ שטאַרקער. שוין פאַר דעם האָבן כעוורע אָנגעהויבן צו לייגן קלעצער איבער דער גאַס. קורט האָט צו גוט געקענט די מענטשן פון געסל... זיי וועלן ניט מער רויִק צוקוקן זיך, ווי איינער נאָך דעם אַנדערן ווערט אַראָפּגעקנאַלט. ער האָט וועגן דעם אויף די טרעפּ און אין די הויפן געגוג זיך אָנגעהערט און אָנגעזען.

טאָמאַס האָט זיך א שטעל געטאָן און האָט מיט דער געזונטער האַנט א זעץ געטאָן אין טיש. „געמאַכט, קורט!—שנעלער, כעוורע, צו דער אַרבעט—מיר טאָרן ניט פאַרלירן קיין איין סעקונדע צײַט!״

די אַרבעטער האָבן זיך א לאָז געטאָן פון לאָקאַל, האָבן יעדערן, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן, מיטגענומען. „שנעלער... אַלע אַרויס... פאַראַן אַרבעט!״

אַלע האָבן געשריִען און געלאָפן איינער נאָכן אַנדערן. די פאַרצווייפלטע שטימונג האָט זיך פּייקעס איבערגעשלאָגן אין א שטאַרקן ציל־באַוווסטן קראַפט־געפיל.

3

מײַאָר ב. הענגט אַרויס א ווײַסע פאָן

מיט א פײַסטן קראַך איז געפאַלן קווער איבער דער גאַס א סלופּ. די גרויסע טשוהון־רערן, וואָס זײַנען געווען צוגעגרייט אין דער פאַנק־גאַס פאַר דער קאַנאַלי־ זאַציע, האָט מען געבראַכט צו שלעפּן, קלעצער און ברעטער האָבן געבראַנזגעס.

„פּאָרזיכט, כאַווערים!!״

בומס—דער שווערער בוי־וואָגן איז געלעגן אויף דער זײַט באַם אַרײַנגאַנג אין געסל, ווי א גרויסע פוילע כײַע האָט ער אויסגעצויגן זײַנע רעדער הילפלאָז אין דער לופטן. ברעכנדיק די לאַמטערן־שויבן, זײַנען אומגעפאַלן די סלופּעס פון די גאַז־לאַמ־ טערנעס. הונדערטער האַרטע הענט האָבן אָנגענומען. קירקעס האָבן געקלאַפּט אין געסטן גרויען אַספאַלט. פון די שופליעס איז זאַמד געפלויגן און האָט זיך געקליבן אין אומרעגלמעסיקע הויפנס. די ווײַבער האָבן זיי צוזאַמענגעקלאַפּט. אין א ווײַטער גאַס האָבן שיסערײַען געקנאַלט, וועלכע האָבן נאָך מער פאַרגיכערט די טעמפּן פון דער אַרבעט.

ווי אַ קרומער דרײַקאַנט זײַנען לאַנגזאַם אויסגעוואַקסן די הילף־באַריקאַדן פֿאַרן „רויטן נאַכטיגאַל“. זיי האָבן אָפּגעצאַמט די ווערדינגער גאַס, די געסל און דעם אַרײַנגאַנג פֿון דער פֿאַנק־גאַס.

שוין עטלעכע טעג איז אויף אַ הויף געלעגן אַן אַלטער צעריסענער מאַטראַץ. צוויי פּרוּוען האָבן אים איצט געבראַכט צו שלעפּן און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער באַריקאַדע — פֿון די הײַזער האָט מען געבראַכט צו שלעפּן די אײַזערנע מיסקאַסטנס. די גרויסע קאַסטנס זײַנען געווען אַ גוטער מאַטעריאַל פֿאַר דער באַריקאַדע. צווישן די בערג זאַמד און די קלעצער האָבן אַרומגעקלעטערט די אַרבעטער. די ווײַבער האָבן געהאָלפֿן פֿאַנאַנדערצונעמען די אַרויסגעריסענע ברוק־שטיינער.

אַז צוויי יונגע אַרבעטער זײַנען אַרויסגעלאָפֿן אויף דער גאַס מיט אַן אַראָפּגענומענער טויער־טיר, האָט זיך דערהערט אַ קלינגענדיקער געלעכטער צווישן די פֿרויען און מענער.

אַלע האָבן געלאַכט און זיך געכאָכמעט בײַ דער אַרבעט. לויפֿנדיק האָט מען געבראַכט קאַסטנס, אַלטע קערב, שטאַנגען, ברעטער און אַלץ, וואָס מע האָט נאָר געקאָנט אָננעמען. אויף דער גאַס איז אַרומגעגאַנגען אַן אַלטע פֿרוי און געקליבן שטיינער אין איר שירצ. דאָס פֿענצטער פֿון איר וווינונג איז געווען ניט ווײַט פֿון דער באַריקאַדע.

די שאָסן האָבן זיך דערהערט נעענטער. טאָמאַס האָט אַרויסגעשיקט אַ קליינע אָפּטיילונג יונגע אַרבעטער מיכן אויפֿטראָג ווי מעגלעך לענגער אויפֿהאַלטן די פּאָליציי ווײַטער פֿון דעם געסל. — ער איז שוין ניט געווען אַזוי רויִק ווי פֿריִער, שוין מער ווי בײַ איין אַרבעטער האָט ער געמוזט אַרויסנעמען דאָס געווער פֿון קעשענע! עס איז איצט ניט געווען די צײַט זיי צו דערקלערן, אַז די באַריקאַדן זײַנען געווען באַשטימט גאָר צו פֿאַרטיידיקן זיך קעגן די פּאָליצייִשע אויטאָמאָבילן. בײַ דער איציקער באַוואָפֿענונג פֿון דער פּאָליציי זײַנען באַריקאַדן בכלל ניט קיין זיכעריקער שוץ אַפֿילו בײַ אַ רעגולערן גאַסן־קאַמף, שוין אָפּגערעדט ווי אַן אָנגריף־פּאָזיציע.

„האַלאָ... טאָמאַס?“

„ווו איז טאָמאַס?“

אויף דער באַריקאַדע זײַנען געשטאַנען די אַרבעטער און געשריִען צו אים. ער איז שנעל צוגעלאָפֿן. אַ קוריער מיט אַ וועלאָסיפּעד איז געשטאַנען אויף יענער זײַט באַריקאַדע. דערזעענדיק טאָמאַסן, האָט ער אַ וואָרף געטאָן זײַן וועלאָסיפּעד און איז צו אים אַריבערגעקראָכן. זײַן יונג פּנים איז געווען באַדעקט מיט שווייס.

„טאָמאַס...“, האָט ער געזאָגט שטיל, ווען ער איז שוין געשטאַנען לעם אים. „פֿון ווערדינגער וואָקזאַל פֿאָרן צוויי פּאָליציי־אויטאָמאָבילן אַהער, אויפֿן ערשטן אויטאָמאָביל געפֿינט זיך אַ קוילנוואַרפֿער!“

טאָמאַס האָט אים קוים געלאָזט ענדיקן. ער האָט זיך גלײַך אויסגעדרייט צו די אַרבעטער אַרום: „כאַווײרים... אַלע גייען טײקעף אין די הײַזער... די טויערן פֿאַרשליסן... די אָפּטיילונג אין הינטערשטן צימער פֿון „רויטן נאַכטיגאַל“ — קיינער זאָל ניט שיסן... אַכטונג געבן אויף דער גאַס! די גאַס בלײַבט ליידיק!“

אַ פּאָר יונגע אַרבעטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער גאַס: „אַלע אין די הײַזער... די טירן פֿאַרשליסן...!!“

פונ נעטלבעקפלאצ האָט זיכ דערהערט דער הויכער דורכדרינגענדיקער סיגנאל פונ פאָליציישנ אוטאָמאָביל. ווידער איז געקומענ די געפאר. די העלע פענעמער זײַנענ ווידער גרוי געוואָרנ, ווי עס וואָלט געפאלנ דער טונקעלער שאָטנ פונ א ריזיקנ רעוואָלווער, וואָס איז געווענדעט אפנ געסל...

א יונגע פרוי מיט גלאט פארקאמטע אפ הינטנ בלאָנדע האָר האָט אופגעהויבנ צוויי קליינע קינדער, וואָס האָבנ זיכ געשפילט אינ א לוזשע באַם ברונעם.

פונ דעם גאנצנ הויז נומער 6 האָט אנא צוזאמענגענומענ די קינדער אינ א פאר־העלטניסמעסיק זיכערער דירע פונ איינעם אנ־ארבעטער, וואָס איז ארויס דירעקט צו דער פאנקע. איצט איז זי ארומגעלאָפנ איבערנ גאס אונ האָט אופגעקליבנ אלע קינ־דער, וואָס זי האָט געפונענ.

„יונג—ווילסטו ניט גיינ, לאָבוס איינער!", האָט זי געשריִענ צום צוועלפיאָריקנ יינגל הערמאנס, וואָס האָט זיכ שוינ א גאנצנ טאָג ארומגעטראָגנ צווישנ די ארבע־טער אינ געסל.

„ניינ, פרוי צימערמאנ, איכ גיי ניט אפנ עטאפנ־פונקט", האָט זיכ אָפגערופנ דער יינגל אונ האָט לאכנדיק א קלאפ געטאָנ מיט זײַנ שמוציקנ פויסט איבער זײַנ הויזנ־קעשענע, וואָס איז געווענ פול מיט שטיינער. ער האָט זיכ א שאר געטאָנ צווישנ די מענער אונ איז פארשוווּנדנ געוואָרנ מיט זיי צוזאמענ אינ „רויטנ נאכטיגאל".

נאָכ ניט אלע טירנ זײַנענ געווענ געשלאָסנ, ווי דער ערשטער פאָליציישער אווּ־טאָמאָביל האָט אינ פולנ גאנג זיכ געוויזנ פונ ראָג פונ דער פאנק־גאס. די טאָרמאָזנ האָבנ א רעווע געטאָנ, א ריס טוּענדיק דעם אווטאָמאָביל צוריק. שווײַגנדיק אונ דראָענ־דיק איז געלעגנ א קנאפנ מעטער פארנ אווטאָמאָביל די באריקאדע! די געסל פונ הינטנ איז געווענ ליידיק. נאָר פונ די פענצטער זײַנענ ווידער אראָפגעהאנגענ די רויטע פאָנעס אונ האָבנ זיכ שטיל, קימאט שטיפעריש, באוועגט אינ דער לופטנ.

עס האָט געהערשט א טויטע שטילקײַט. דער מאָטאָר האָט מאָנאָטאָנ אונ גלײַכ־גילטיק געברומט ווײַטער. פארשטעקט אינ די לעכער אונ ווינקלעכ, האָבנ די ארבעטער געזועענ די פענעמער פונ די פאָליציאנטנ, וואָס זײַנענ געווענ געווענדעט אפ פאָרנט, ווי ווײַסע העלע פלעקנ אפנ אווטאָמאָביל—דער אנדער אווטאָמאָביל איז גלײַכ אויכ אָנגעפאָרנ אונ איז געבליבנ שטיינ הינטער דעם ערשטנ, ווארטנדיק, צעמישט, ראט־לאָז דערשראָקנ.

דורכ דעם פענצטער באם שאָפער האָט דער מײַאָר בייל געקוקט איבער דער באריקאדע אפ דעם ליידיקנ געסל... עס זײַנענ מינוטנ אריבער, ביז זײַנ מויעכ האָט באנומענ, אז פאר אימ קווער איבער דער גאס ליגט א גרויסע ברייטע באריקאדע. אונ וואָס—וואָס איז געווענ הינטער דער באריקאדע...?!

ער האָט דערפילט, ווי זײַנ האנט אינ דער לעדערנער הענטשקע איז געוואָרנ פײַכט פונ שוויס. די דאָזיקע אָפווארטנדיקע שטילקײַט איז געווענ אומדערטרעגלעכ. פארוואָס האָט די באנדע ניט געשריִענ אונ ניט געפײַפט ווי אלע מאָל?!

„פארפלוכטע מיסט—א טײַערנ אויסשפיר־דינסט האָבנ מיר!" ער איז אראָפגעשפרונ־גענ פונעם אווטאָמאָביל.

„חוּלנער...!"

„הער מײַאָר?"

„איך וועל אונטערהאַנדלען—באַם ערשטן שאָס אָדער ווען איך פּײַפֿ—שטורעמען!"

„געהערט, הער מײַאָר!"

„גיט אכטונג, וואָלגער, וווהין איך גיי..!"

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אוועק צו דער באַריקאַדע. דער לעדערנער רימען פון זײַן העלם איז געלעגן ווי א טונקעלער שטריך אַרום זײַן פאַרבלאָזן פּאָנעם. אין זײַן האַנט האָט געוויִיט א ווײַסע נאָזטיכל!

הונדערטער פאַרבאַהאַלטענע אויגן האָבן זיך צוגעקוקט צו דעמראָזיקן ווײַסן פלעק, וואָס איז פּלוצלונג אַרויסגעשווומען פאַר דער באַריקאַדע. וויל מען אָפּנאַרן?.. א קאַפּיטוליאַציע..?

לעם „רויטן נאַכטיגאַל" האָט זיך געעפנט א טיר און טאָמאַס איז אַרויסגעגאַנגען.

איין מאָמענט זײַנען זיי געשטאַנען שווײַגנדיק איינער קעגן אַנדערן. די גרויע יאַקע דעם פּראָלעטאַריערס מיטן צעקנייטשטן פאַפּירענעם רויטן בלום און דער בלויער אויסגעצייכנטער אוניפאָרם דעם אָפיצערס מיט זילבערנע אַקסלבאַנדן. איינער אַפּ איין זײַט, דער צווייטער אַפּ דער צווייטער זײַט באַריקאַדע. זיי האָבן געקוקט איינער אַפּן אַנדערן איבער א שוואַרצער אײַזערנער רער.

„איר זײַט דער פירער?" די מיליטערישע שטימע דעם מײַאָרס איז געווען ניט אויפרייצנדיק ווי אַלעמאָל. ער איז דאָ דערווײַלע געשטאַנען ניט ווי א זיגער.

„וואָס ווילט איר...?" האָט קורץ געפרעגט טאָמאַס, ניט ענטפערנדיק אַפּ דעם אָפיצערס פראַגע. דער מײַאָר האָט געטאָן א טריט צו דער באַריקאַדע.

„האַלט... בלײַב שטיין!"—האָט שאַרף א געשריי געטאָן צו אים טאָמאַס. ער האָט געוווּסט, אַז דער אָפיצער וויל נאָר באַקוקן די באַפעסטיקונג פון דער באַריקאַדע. דער מײַאָר איז גלײַך געבליבן שטיין. „אויב איר וועט טייקעף אָפּראַמען די באַריקאַדע, וועל איך דערווײַל צונעמען מײַנע מענטשן!"

„און דערנאָך וועט איר שטורעמען די גאַס, וואָס, הער מײַאָר!" האָט געזאָגט מיט שפּאָט טאָמאַס, די באַריקאַדע וועט ניט פריִער אָפּגעראַמט ווערן, ביז די פּאָליציי וועט ניט פאַרשווינדן פון וועדינג און איר וועט ניט געבן די גאַראַנטיע, אַז די אַרבעטער וועלן קענען אומגעשטערט דעמאָנסטרירן!"

„בראַוואָ!"—דער מײַאָר האָט זיך א דערשראָקענער אומגעדרייט. פון א פענצטער פון דער גאַס האָט דאָס א פרוי געקוּפן. ער האָט זיך ווידער געווענדעט צו טאָמאַסן און האָט געזאָגט נערוועז:

„איך גאַראַנטיר אײַך, אַז איר וועט דאָ רויִק קאָנען אַלץ אויפראַמען".

„איר האָט געהערט אונדזערע באַדינגונגען, הער מײַאָר!"—די טיר לעם „רויטן נאַכטיגאַל" האָט זיך פאַרקנאַקט. דער מײַאָר איז געבליבן אַליין שטיין פאַר דער באַריקאַדע.

ער האָט געפילט, אַז יעדער באַוועגונג זײַנע באַאָבאַכטן הונדערטער שאַרפע פײַנטלעכע אויגן. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז דאָ דער באַזיגטער—זיי האָבן אים באַהאַנדלט ווי א יינגל. כוצפּעדיק און מיט שפּאָט האָט אים יענע פרוי פון פענצטער אָנגעקוקט, ניט מוירע האָבנדיק, אַז ער קאָן אַרויסכאַפּן זײַן רעוואָלווער און אַרײַנקנאַקן איר אין דער פּרעסע...! ער איז שנעל אוועק צום אווטאָמאָביל צוריק.

„אָפּפאָרן—צוריק!"

אינ דעמ מאָמענט האָט די שטילקײַט פונעמ געסל אופגעריסנ א קלינגענדיקער־ אונ פײַפנדיקער גערויש. די פענצטער האָבנ אופגעפראַלט.

„טראָגט זיכ פונ דאַנענ — איר בלוטהינטנ!“

„פאַכדאָנישע באַנדע!“

„רויט פראָנט!“

דאָס געסל איז קימאַט צעשפרונגענ געוואָרנ פונ די געשרייענ אונ פונעמ שפּאָ־טישנ געלעכטער פונ די מענער אונ פרויענ. ווי א זיכ קײַקלענדיקער זאַלפ. פונ פלאַצנ־דיקע גראַנאַטנ האָט דאָס רעוועג אונ לאַכנ צעריסנ די לופט אונ געקלאַפּט איבער די געבויגענע קעפ פונ די פּאָליציאַנטנ...

דער ווילדער אָנמעכטיקער גערויש פונ די מאָטאָרנ איז געוואָרנ שטילער. זיי זײַנענ אוועק — אָפּגעפאָרנ. געשלאָגענע, אָנ איינ איינציקנ שאָס, אָנ איינ איינציקנ געוואָרפענעמ שטיינ. איינ איינציקע נעבעכדיקע הילפ־באַריקאַדע האָט זיי אָנגעיאָגט אזוי פיל טויט־שרעק. זיי זײַנענ ניט געווענ צוגעגרייט צו א ווידערשטאַנד.

אינ א פּאָר מינוט אַרומ איז די גאַס ווידער פול געווענ מיט מענטשנ, וואָס האָבנ גלײַכ זיכ געפרוווט פאַרשטאַרקנ די באַריקאַדע. עס איז ניט געווענ קיינער, וואָס זאָל ניט פאַרשטיינ, אז די פּאָליציי וועט אינ א קורצער צײַט אַרומ קומענ צוריק אונ וועט מיט באַוואָפנטע קויכעס נעמענ די שטערונג. אָבער אַלע האָבנ אויכ פאַרשטאַנענ, אז דאָס איז נאָר וואָס געווענ א זיג פונעמ רויטנ געסל איבער דער פּאָליציי...

—

4

„דער שטורעמ־אָנגריפ“ אַפנ רויטנ נאַכטיגאַל“

מיט א פערטל שאָ שפּעטער האָבנ אַסאַכ קורירנ געבראַכט פונ פאַרשיידענע זײַטנ די ידיעה, אז די פּאָליציי האָט אָנגעהויבנ אַרומרינגלענ דעמ קוואַרטאַל. א קוריער, א פּופצנ־יאָריקנ אַרבעטער, האָבנ זיי אַפנ נעכטנבעקפלאַצ אַרונטערגעשאָסנ פונ וועלאָסיפּעד. ער וועט ניט בלײַבנ לעבנ.

אינ געסל איז געוואָרנ טונקל. די קרעמער אַפ דער ריינעקענדאָרפער גאַס האָבנ פאַרשטעלט זייערע שויפענצטער מיט בלעכענע שילדנ. אינ די קנײַפּעס האָט מענ אַראָפּגעלאָזנ די אײַזערנע לאָדנס. ווידער אונ ווידער האָבנ זיכ די אַרומיקע גאַסנ אָנגעפילט מיט אַרבעטער, וואָס פלעגנ בילדנ דעמאָנסטראַציע־קאָלאָנעס אונ אַוועק־מאַרשירנ אינ שטאָט אַרײַנ.

אינ דער ווײַטנ האָבנ געקנאַקט שאָסנ.

עס האָט זיכ אָנגעהויבנ... עס האָט געקנאַקט א זאַלפ נאָכ א זאַלפ. א שטיינ האָט צעדרוזגעט דעמ פּראָזשעקטער. די ווײַסע אויג האָט א צוק געטאָנ אונ איז אויסגעלאָשנ געוואָרנ. ווי טאַנצנדיקע בלאָנדזשענדיקע פײַערנ פלעגנ אופלאַמענ די פײַער־בינדלעכ פאַר די דולעס פונ די ביקסנ. פײַפנדיק האָבנ די בלײַענע קוילנ גע־פּאַטשט אינ די ווענט, פונ וועלכע דער טינק איז אָפּגעשפּרונגענ אונ אַראָפּגעפאַלנ. מיט א קורצנ הילכיקנ קלאַנג פלעגנ זיי דורכלעכערנ די בלעכענע מיסט־קאַסטנס, הודזשענדיק פלעגנ זיי אָפּשפּרינגענ פונ די טשוהונענע רערנ אונ פלעגנ זינגענ אינ

דער לופטן. — דאָס גאַנצע געסל איז געווען איין גרויסע אומבאַוועגלעכע ריזיקע כמאַרע? וואָס איר קאָלאָסאַלער קערפּער מוז טויזנטמאָל דורכגעלעכערט ווערן איידער זי וועט אויפהערן צו אָטעמען...

די פּאָליציי האָט אָנגעגריפן פון ביידע זייטן. פון איבער דער באַריקאַדע האָבן זיי געשאָסן איינע אין די אַנדערע, ניט באַמערקנדיק דאָס אין זייער אומרויִקער אימפּעט. יעדער זייט האָט געהאַלטן די שאָטן פאַר אַן אָנגריף פון קעגנער.

פון אַ צעשאָסענעם פענצטער האָט עס ווער געזען, פון עם זעלבן פענצטער, פון וועלכן עס האָט זיך איצט אַרויסגערוקט אַ פאַרניקלטע דולע פון אַ רעוואָלווער. — אַ קורצער פייער־שטראַל האָט אַ בליץ געטאָן פענג! דאָס איז געווען דער ערשטער שאָס פון עם געסל אַרויס!

הינטערן פענצטער איז געשטאַנען טאָמאַס, וואָס האָט ביז איצט באַ יעדערן אַרויסגעקלאַפּט דאָס געווער פון האַנט. זיין פּאָנעם איז געווען רויִק ווי שטענדיק, ווען ער האָט די האַנט מיטן רעוואָלווער עטוואָס צוריקגעצויגן, אָנגעצילעוועט זיך און ווידער אויסגעשאָסן אָנגעצילעוועט זיך אויסגעשאָסן... זעקס קוילן האָט ער געהאַט אין רעוואָלווער. דערנאָך האָט ער מיט דער פאַרבונדענער האַנט ווידער אָנגעלאָדן, איז אַרײַן אין דערבייִקן צימער צום פענצטער און ווידער געשאָסן. נאָר איין איינציק מאָל האָט ער זיך אומגעקערט, ווען ער האָט דערהערט, אַז אימיצער איז אַרײַנגעלאָפן אין צימער און האָט אים אָנגערופן. אַ יונגער, אומפאַר־טייִשער אַרבעטער.

„ווו איז קורט צימערמאַן?.. ווו איז פּאול?..“

„אין נומער 3, גלויב איך!“

„גיי אַהין — זאָלסט איבערקלעטערן איבערן הויף — פאַרשטאַנען! און זאָג: קיי־נעם מער ניט שטערן... ווער וואָס האָט...“

„סאַ... ני... טאַרן!“ פון דער ווינונג איבער אים האָט פון פענצטער געשריִען אַ פרוי.

„... ווער וואָס האָט, זאָל שיסן!...“ דער יונגער מענטש האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון צימער.

די פּאָליציי־אָפּטיילונגען אין דער פאַנק־גאַס האָבן אָנגעהויבן אַ שטורעם־אָנגריף.

דער פייער אַף די פענצטער און אין געסל אַרײַן איז פאַרשטאַרקט געוואָרן אַף אויבן האָט מען די אָנגרייפנדיקע פּאָליציאַנטן געדעקט מיט פייער. באַם אַרײַנ־גאַנג אין געסל האָבן אַ בליץ געטאָן העלמס און ניקלנע קנעפּ. שיסנדיק אָן אַן אויפהער האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו דער באַריקאַדע. פון דער אַנדער זייט האָט די פּאָליציי, וואָס האָט זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן אין דער סיטואַציע, געשאָסן אַף דורך אין זייערע אייגענע מענטשן. ערשט, ווען די פּאָליציאַנטן זײַנען שוין געשטאַנען אויבן אַף דער באַריקאַדע, האָבן זיי אָפּגעהאַלטן דעם פייער און זײַנען אַרײַנגעלאָפן אין גאַס.

פון די טונקעלע פענצטערלעך זײַנען אַרויסגעפלויגן שטיינער, שרײַענדיק און שיסנדיק זײַנען די פּאָליציאַנטן צוגעשפרונגען צו דער באַריקאַדע, גרייט צום קאַמף פּאָנעם־על־פּאָנעם. די באַריקאַדע איז געווען פּוסט!?

„פארפלוכטע טינעפ!‟

א שטיין האָט צעריסן דעם פּאָנים פון א יונגן מיזרעך־פּרײַסישן פּויער. „היינט פארשאָלטענע!!‟ ער האָט זיך געווישט דאָס בלוט פון פּאָנעם. די שלעסער פון די ביקסן האָבן געקנאַקט... קעסיידער ארײַנלאָזן אין דער גרויסער, באהאלטענער רויטער כײַע! וואָלט מען נאָר א ציל עפּעס געהאַט פאר זיך...!

אינעם פירהויז לעבן „רויטן נאכטיגאל‟ האָבן א בלישטשע געטאָן פײַערן. קלעפּ פון קאָלבעס האָבן אָנגעהויבן דונערן איבער דעם אײַזערנעם לאָדן פון לאָקאל.

„שטארקער!—האָט געשריִען דער אָפיצער... זיי זיצן דאָרטן אינעווייניק!‟

די טיר פון „רויטן נאכטיגאל‟ איז צעדרוזגעט געוואָרן. די פּאָליציאַנטן האָבן געוווּסט, אז דאָ איז די קאָמוניסטישע פעסטונג פונעם קעולינער קווארטאל.

„די הענט אינדערהויך—אלע ארויסגיין!‟ דער האנט־פּראָזשעקטער דעם מײַאָרס האָט באלויכטן דעם טונקעלן צימער. עס איז געווען—ליידיק!

„באנדע כאזײרים...!!‟ אימיצער האָט א דריי געטאָן דעם ליכט־קאָנטאקט. קנאַק—האָט געזאָגט דער מײַאָר, אָבער עס איז געבליבן פינצטער. זיי האָבן געבראַכט לאמטערנעס און פון רעציכע האָבן זיי אומגעוואָרפן די טישן מיט די שטולן. אפ דער וואנט איז געווען אָנגעקלאפּט א צײַטונג „קאמפּ־מײַ 1929‟. זידלענדיק זיך, האָט א פּאָליציאַנט ארויפגעריסן דעם טיטל־בלאט פון דער „רויטער פּאָנע‟. זיי האָבן קיינעם ניט געפונען.

טונקל און אומהיימלעך האָט אויסגעזען דער קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט אין זאל, די פרישע פּאָליציאַנטן זײַנען ניט געווען באקאנט מיטן אינערלעכן ארויסזען פונעם לאָקאל. דער מײַאָר האָט עס אנטדעקט דעם קאָרידאָר און האָט זיך א לאָז געטאָן אהין מיטן רעוואָלווער אין האנט. מיטן פוס האָט ער א זעץ געטאָן אין טיר באם סאָף פון קאָרידאָר. דאָרטן איז געווען ליכטיק—ליידיק.

די גלעזערנע טיר, וואָס האָט געפירט אין טונקעלן הויף, איז געווען אָפן. די איבעריקע זײַנען אנטלאָפן! ווידער ערגעצוו פארשוווּנדן, ניט צו זען, ניט צו כאפּן, זיך ארונטערגעלאָזן אין די אומבאקאנטע באהאלטענע ווינקלען פון די הײַזער, אָן א שפור ארײַנגעשלונגען געוואָרן פון דער פינצטערניש פון די הויפן און קאָרידאָרן...

אין שטילן טונקעלן הויף ארײַן האָט זיך קיינער ניט געוואגט...

פארן „רויטן נאכטיגאל‟ האָבן די פּאָליציאַנטן באם שײַן פון די פּראָזשעקטערס פאנאנדערגעוואָרפן די באריקאדעס. זיי האָט געדעקט דער פײַער פון א באזונדער אָפּטײלונג, וואָס איז געשטאנען אפ ביידע זײַטן פונעם געסל און אָן אויפהער געשאָסן אין די פענצטער. די שווארצע לעכער אין די גרויע ווענט זײַנען דאָס געווען די אומצאָליקע שארפע געפערלעכע אויגן פון דער גרויסער כײַע—פונעם רויטן געסל! זי האָט נאָך אלץ געאָטעמט און געלעבט, ווי א גוואלדיק גרויסע קלעפּיקע מאָליוסקע, בלוטנדיק פון הונדערט ווונדן. אָבער דאָס הארץ—דאָס רויטע הארץ פון וועדינג—האָט ווײַטער געהאמערט שטארקער און ווילדער ווי די בילנדיקע ביקסן פון די פּאָליציאַנטן.

★

די באריקאדע איז דעראָבערט געוואָרנ, אָבער ניט דאָס געסל. די טונקעלע קישקע צווישנ די הויכע הײַזער האָט אויסגעזענ, ווי מע זאָל זי ניט קענענ אײַנעמענ.

צווישנ די באריקאדעס אפנ ברוק האָט מענ געמאכט פרײַ א דורכפאָר. די פּאָליציאנטנ זײַנענ אָפּגעטראָטנ, דער קלאנג פונ זייערע גענעגלטע שטיוול איז פארביטנ געוואָרנ אפ א הארטנ בראזגעדיקע הודזשענ פונ דער רייניקענדאָרפער גאס. העל, ווי באטאָג, האָבנ די מעכטיקע פּראָזשעקטערס באלויכטנ דאָס געסל און האָבנ געכאפט די טונקעלע פליִענדיקע שאָטנס. אינ דעמזעלבנ מאָמענט האָט אָנגעהויבנ צו האמערנ א קוילנווארפער. דורכ די כורוועס פונ דער באריקאדע האָט זיכ דורכגערוקט א וואקלדיקער שאָטנ פונ א פאנצער־אויטאָמאָביל.

א שטורעם־אָנגריפ אפנ געסל!

טאק... טאק... טאק... די שיסערײַ פונ די ווײַטע גלאנציקע שטאָלענע מאנטלענ האָט געפּײַפט און געזונגענ דאָס ליד פונ רו און אָרדענונג. שטיינער און קוילנ פונ נעבעכדיקע פארזשאווערטע קליינקאליבערנע רעוואָלווערנ האָבנ אָנ ווירקונג אָפּגעשפּרונגענ פונ די שטאָלענע פּלאטעס. אלצ ווײַטער האָט זיכ גערוקט די פײַערשפּײַענדיקע פעסטונג. עטלעכע מעטער ווײַטער איז געגאנגענ א טריאליערע פּאָליציאנטנ, די בעסטע, די מוטיקסטע, די יונגסטע—די ברוטאלסטע!

און עס האָט זיכ אָנגעהויבנ. יעדעס הויז, יעדער קוויער, יעדער מויער האָט געזאָלט דעראָבערט ווערנ. אונטער די רערנ פונ די ביקסנ האָט מענ אופגעהויבנ פונ די בעטנ די פרויענ און קינדער, די מאטראצנ דורכגעכאפּט, די אלמערס, די קאמערס. שאָטנס, וואָס זײַנענ אינ שרעקלעכער איימע געלאָפנ איבער די טרעפּ, זײַנענ פארפאָלגט געוואָרנ ביז אונטערנ דאכ, געכאפּט, געמיימעכט, געפּײַניקט און ארעסטירט געוואָרנ.

„פונ אײַער וווינונג האָט מענ געשאָסנ!"

„יאָ, דאָ אינ דער וואנט; אינ אלמער שטעקנ נאָכ די קוילנ, וואָס איר האָט ארײַנגעקנאלט!"

„מויל האלט!—ווו האָט איר די הינט פארבאהאלטנ? הע...?!"

„זוכט אײַכ...", ענטפערנ די ווײַבער מיט שפּאָט. זיי האָבנ געוווסט, אז די פּאָליציאנטנ וועלנ זיכ ניט דערוואגנ לאָזנ טיפער אינ געסל ארײַנ אינ די ווײַטערדיקע הײַזער. אינ די פּאָר הײַזער פאָרנט בא דער באריקאדע האָבנ זיי פונ זייערטוועגנ געמעגט אפילע די פּאָדלאָגעס אופרײַסנ. וואנצנ און פרײַסנ וועלנ זיי עפּשער געפינענ, אָבער ניט זייערע מענער...

5

די נאכט, אינ וועלכער קיינער איז ניט געשלאָפנ...

דאָס פענצטער צום הויפ צו איז געווענ פארהאנגענ מיט א טוכ. ארום צוויי אזייגער באנאכט האָבנ זיכ די כאווײרים געטראָפנ אינ „ווײַסנ צימער". עס האָט נאָכ אלצ געהילכט אמאָל דאָ, אמאָל דאָרטנ א שאָס אינ דער געגנט פונ דעם געסל,

איבער די טונקעלע דעכער — אפּ א טשוואָק אפּנ אלטער איז געהאנגענ הערמאנס קליינ קעראָסינ־לעמפּל און האָט אינ אָנגערויכערטנ צימער באלויכטנ די שמוציקע פארמאטערטע פענעמער.

אנא איז געזעסנ א שווייַגנדיקע אינ האלב־טונקעלנ ווינקל אפּנ בעט און האָט רייִק געקוקט אפּ קורטנ, וואָס האָט זיך איבערגעבויגנ איבערנ טיש און געשריבנ. אלע ווייַלע פלעגט ער אופּהייבנ דעם קאָפּ, פארטראכטנדיק, זיך און פלעגט ווייַטער מאָלנ מיט זייַנ קרומענ לאנגזאמענ האנטשריפט א נייַע שורע אפּנ פּאפּיר.

אינ „רויטנ צימער" איז געווענ שטיל, מע האָט געהערט נאָר ווי די פעדער סקריפּעט איבערנ פּאפּיר.

דער לעצטער איז געקומענ פּאול. פונ דער יוגנט איז געווענ אָטאָ, א בריים־פּלייציקער, א גרויסער און קימאט פריילעך געלאסענער, ווי שטענדיק. טאָמאס איז געזעסנ אפּ א בענקל און גערויכערט. הינטער אים זייַנענ געשטאנענ נאָך דריי ארבעטער פונעם קעמערל.

קורט האָט דער ערשטער איבערגעריסנ די שטילקייַט: „כאַווייריס, מיר מוזנ ארויסשיקנ א זיכערנ קוריער. איך האָב אָנגעשריבנ א קורצנ באריכט און די ליסטע פונ די טויטע און פארווונדעטע — דאָס מוז מייקעפּ אוועק!"

טאָמאס האָט אופּגעהויבנ דעם קאָפּ, די שייַנ פונ לעמפּל איז געפאלנ אפּ זייַנ פארמאטערט פּאָנעם.

„וויפל?"

„פינפ טויטע... ביז איצט... אָבער איך ווייס ניט, צי איך... האָב אלע!" פונ בעט האָט זיך דערהערט א שטילער פארשטיקטער קלאנג.

„איך האלט", האָט קורט פאָרגעזעצט, „אז מיר זאָלנ פּאָרלויפיק ניט שרייַבנ קיינע נעמענ. עפשער ווייס ווער פונ אייַך נאָך איטיצנ. איך האָב דאָס אזוי צוזאמענגע־שטעלט: 1. א שאָס אינ ברוסט (ווירכאָוו־שפּיטאָל), 1. שאָס אינ האנט (אינ קרייַזישנ־שפּיטאָל), 1. א שאָס אינ האנט (ווירכאָו־שפּיטאָל), 1. א שאָס אינ ברוסט (טויט), 1. א שאָס אינ דיך (ווירכאָו-שפּיטאָל), 1. א שאָס אינ האנט (אינ דער וווינונג 1. א שאָס אינ פוס (אינ דער וווינונג), 1. א שאָס אינ קני (אינ דער וווינונג), 1. א שאָס אינ בויך בא א פרוי (ווירכאָוו־שפּיטאָל) 1. א שאָס אינ קאָפּ (טויט), 1. א שאָס אינ קנעכל (יידישער שפּיטאָל), 1. א שאָס דורךביידע פיס (פייַערלעשער), 1. א שאָס אינ ברוסט (טויט), 1. א שאָס אינ פוס (אינ דער וווינונג), 1. א שאָס אינ די ליטקעס (אינ דער וווינונג), 1. א שאָס אינ אקסל בא א פרוי (אינ דער וווינונג), א שאָס אינ קאָפּ (טויט), 1. שווער פארווונדעט דורך א ביס פונ א פּאָליצייִשנ הונט (אינ דער וווינונג)... מער ווייס איך ניט... אָבער עס זייַנענ נאָך זיכער פאראנ מער"...

אנא האָט זיך דערשראָקנ, דערזעענדיק קורטס פארענדערטנ פּאָנעם, גאנצ גרוי איז עס אפּ א מאָל געוואָרנ! ער האָט געהאלטנ דאָס פּאפּיר, אנדערע זאָלנ דאָס נע־מענ, אָבער קיינער האָט עס ניט גענומענ. עס איז אויסגעקומענ, ווי יעדערער וואָלט מוירע געהאט צו נעמענ דעם באריכט אינ האנט, מאכנדיק אים דערמיט פאר א פאקט, וואָס לאָזט זיך ניט ענדערנ.

אנ ארבעטער האָט גענומענ דעם באריכט און ניט רעדנדיק א וואָרט אוועק מיט אים.

טאָמאס האָט אויסגענומען דעם זייגער און קורץ געזאָגט: „כאַווייִרים, עס איז איצט האַלב דרײַ דער זייגער; שפּעטסטנס אין א שאָ צײַט מוזן מיר זײַן פאַרטיק. איך לייג פאָר, אז קורט זאָל געבן א קורצן באַריכט און דערנאָך וועלן מיר באַשליסן וואָס צו טאָן". — ער האָט זיך בעקיווג געווענדעט צו קורטן. ער האָט שוין פריִער באַמערקט, דערזעענדיק פּאולן מיט זײַן צעטראָגענעם געזיכט, אז אַף אים איז הײַנט ניטאָ וואָס זיך צו פאַרלאָזן.

פאַרקערט, קורט איז אין דעם טאָג געוואָרן גאָר א נײַער מענטש. זײַנע שווערע אומבאַהאָלפענע באַוועגונגען האָבן באַקומען עפּעס האַרטעס, צילבאַוווסטעס; זײַנע געדאַנקען האָבן זיך, ווײַזט אויס, מיט אַקשאָנעסדיקער קאָנצענטרירטקײַט באַוועגט אין זער ריכטונג פון אַנטשיידנדיקסטן פּונקט. דער בעטאָן־טרעגער קורט צימערמאַן האָט געהערט צו יענע פּראָלעטאַריער, וואָס אַליין ניט חיסנדיק דאָס, ווערן זיי רעוואָליוציאָנערע פירער אינמיטן א ניט פאָרויסגעזעענער אַקציע.

„כאַווייִרים", האָט קורט אָנגעהויבן, „מיר האָבן א שלעכטע פאַרבינדונג מיט אַנדערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. עס איז קלאָר, אז קיינער פון אונדזערע כאַווייִרים האָט ניט אויסגערעכנט אַף אַזא אַנטוויקלונג. מיר אַליין אויך ניט. אָבער איך האָב דאָ בײַ הערמאַנען אַפן טיש א צײַטונג געפונען, וואָס ווײַזט, אז אַנדערע מענטשן האָבן גאַנץ ריכטיק אויסגערעכנט". ער האָט גענומען א צײַטונג אין האַנט, האָט זי געהאַלטן בײַם סאַמע לאָמפּ.

פּלוצלינג האָט זיך אין דער שטילקײַט דערהערט א האַרטער קלאַפּ אין דער טיר פון דער וווינונג... און גלײַך נאָך איינער. הויך און אומגעדולדיק.

„וואָס איז דאָס אַזוינס?!" די אַרבעטער האָבן איינער דעם אַנדערן אומרויִק אָנגעקוקט.

„לעשט אויס דעם פײַער!" האָט א שעפּטשע געטאָן טאָמאַס.

קורט האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ. זיי זײַנען געזעסן אין פינצטערן צימער און יעדערער האָט געוווּסט: איז דאָס די פּאָליציי, איז געענדיקט!—זיי האָבן דערהערט, אימיצער רופט עפּעס אַף די טרעפּ הינטער דער טיר.

„מענטש, דאָס איז דאָך ניט קיין פּאָליציי", האָט זיך אָפּגערופן, אָפּאַטעמענדיק פרײַער אָטאָ און איז אויפגעשפּרונגען. זידלענדיק זיך, האָט, ער זיך פאַרטשעפּעט אין פינצטערן פירהויז אָן דעם גאַז־זייגער.

„ווער איז דאָ?..."

„מענטשן־קינדער, עפנט זשע אויף, דאָס איז פריצ!" אָטאָ האָט שנעל געעפנט די טיר,

„וואָס איז געשען, פריצ?" האָט ער געפרעגט אין דער פינצטערניש באַם כאַווער.

„וואָס איז געשען, פריצ?" האָט ער געפרעגט אין דער פינצטערניש „וואָס — ווער נעמט געווער!"

„נו, ניט די פּאָליציי—דו אידיאָט איינער!"

אָטאָ האָט דורך דער פינצטערניש אָנגעטאַפּט זיך דעם וועג צוריק. אין „רויטן צימער" איז געווען ווידער ליכטיק.

„אַרויס, כעוורע, קומט!" האָט ער געזאָגט קימאַט מיט פאַרגעניגן.

„... זיי ראַמען דאָרטן אונטן אויס דעם געשעפט פון געווער". אָטאָ האָט גע־שטראַלט. „טײַערע יאַטן וואָס! מיר דיסקוטירן דאָ און זיי זײַנען דערווײַלע אַריבער צום פּראַקטישן טייל פון דער טאָג־אָרדענונג".

קורט האָט געמאַכט אַזאַ מין פאַרכידעשטן פּנים, אַז אַנאַ האָט אָנגעהויבן צו לאַכן.

„איך ווייס ניט, וואָס איז דאָ פאַראַן צו לאַכן", האָט ער זיך אַ צערייצטער אַ לאָז געטאָן אַף איר. אין גרונט האָט אים נאָר פאַרדראָסן, וואָס ניט אים אַליין איז אײַנגעפאַלן די אידייע. זעלבספאַרשטענדלעך — מע האָט געמוזט טראַכטן וועגן מאָרגן, און ווער ווייס ווי וועט זיך אין די נאָענטסטע טעג אַלץ אַנטוויקלען. און פּאָליטיש איז דאָך אַלץ קלאָר.

„אַרויס, כאַווײרים. — מיר גייען אַרונטער!"

★

קורט מיט די כאַווײרים איז שנעל געגאַנגען איבער דער טונקעלער, שטילער גאַס צו דער פּאַנק־גאַס. אַן עק ראָג איז געהאַנגען איבער דעם אַראָפּגעלאָזענעם בריטן אײַזערנעם לאָדן אַ גרויסער רויטער שילד: „שטאָלענע סכוירעס". פון פאָרנט פון דער גאַס איז אַלץ געווען רויִק.

ערשט, אַז זיי זײַנען צוגעגאַנגען גאָר נאָענט, האָבן זיי דערהערט אַ פאַרטעמפּטן ליאַרעם אין געשעפט.

דורך דער דערבײַיקער הויף־טיר זײַנען זיי אַרײַן אין הויף.

„ווער איז דאָרטן?" און אַ מויער־נישע האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן. טאָמאַס האָט געענטפערט.

שטיל זײַנען אַ פּאָר שאָטנס אַרויסגעקראָכן מיט פּאַקעטן פון אַ פענצטער און זײַנען פאַרשווונדן געוואָרן אין אַרײַנגאַנג פונעם הינטער־הויז. מע האָט געאַרבעט שנעל און אָן טומל. קיין סאַך איז ניט געווען וואָס צו נעמען. דאָס איז אייגנטלעך ניט געווען קיין געווער־געשעפט. דאָס געשעפט האָט געהאַנדלט מיט שערן, מעסערס, ראַזיר־אַפּאַראַטן א.א.וו. אייניקער האָט אין געשעפט אַכטונג געגעבן, אַז מע זאָל נעמען נאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס קאָנען טויגן ווי געווער: קליינע פּיסטאָלעטן, בראַונינגען, אַמוניציע, קינזשאַלן און קאַסטעטן. דאָס איז געווען בעסער ווי גאָרניט.

אין אַ קנאַפּער פערטל שעה איז אַלץ געווען פאַרטיק. דאָס געווער האָט מען ערגעץ אין אַ זיכערן אָרט פאַרבאַהאַלטן און צעטיילט צווישן באַקאַנטע זיכערע אַרבעטער, דערבײַ האָט די פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט שוין לאַנג קיין ראָליע ניט געשפּילט. אינטער דעמדאָזיקן פּאַרטייאיקן קאַמף איז געשטאַנען דאָס גאַנצע געסל.

6

אַ מענטש גייט דורך די שטאָט

גלײַך ווי עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, דעם צווייטן טאָג, איז קורט פאַרשווונדן געוואָרן פון געסל. מע האָט זיך געמוזט רעכענען דערמיט, אַז שפּעטער וועט דער קוואַרטאַל אַרומגערינגלט ווערן און איצט איז ניט געווען קיין נייטיקערע זאַך ווי צו קריגן אַ פאַרבינדונג מיט דרויסן, זען, וואָס פאַר אַ שטימונג איז אין שטאָט, אינפאָרמירן זיך, קעדיי דערנאָך אָפּגעבן אַ באַריכט אין געסל די כאַווײרים.

ארומ די צײַטונג־קיאָסקנ האָבנ זיכ געזאמלט ארבעטער, וואָס זײַנענ געגאנגענ אינ די פאבריקנ, זיי האָבנ בוכשטעבלעכ געריסנ בא די פארקויפערנס פונ די הענט די נאָכ פײַכטע פונ דרוק צײַטונגענ.

„דער בלוטיקער שולד פונ די קאָמוניסטנ", האָט געשריגנ דער „פּאָרוועטס" מיט א פעטער שלאָג־שורע אפ דער ערשטער זײַט... „מאָסקווע דארפ האָבנ קאָר־באָנעס", דאָס איז געווענ דאָס „פּאָלקסבלאט" פונ די „לינקע" ספּ"ד. די ארבעטער האָבנ סארקאסטיש געלאכט: דאָס זײַנענ עס דיזעלביקע „לינקע", וואָס האָבנ פאר דעמ באצייכנט דעמ פּאָליציי־פּרעזידענט אלס „מערדער פונעמ ערשטנ מײַ. די העצע קעגנ די קאָמוניסטנ איז געוואָרנ א אָרגיע. מיט די צײַטונגענ פונ דער סאָציאַל־דע־מאָקראטיע האָט קיינ בירגערלעכע צײַטונג ניט געקאָנט זיכ פארמעסטנ אינ רעכילעס אונ ליגנס „לוי? ווי א דעמאָנסטראנט" האָט געהייסנ א סאָציאַל־דעמאָקראטישער לייט־ארטיקל. די זאפּטיקסטע ערטער האָט קורט פּאָרגעלייענט אפנ וועדינגער וואָקזאל פאר די ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ אופגעקליבנ ארומ אימ „עס איז געבליבנ די פרײַהײַט פאר גאסנ־דעמאָנסטראציעס... אָבער ניט פאר דער באנדע... וואָס האָט אינ די לעצטע יאָרנ אינ בערלינ געוויזנ, אז זי קאָנ ניט האָבנ קיינ שום פּרעטענזיע אפ א פּאָליטישער, נאָר דורכויס א פּרעטענזיע אפ א קרימינעלער אָפּשאצונג".

אנ אלטער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעטער מיט א רויטנ פאר קאעס פּאָנעמ האָט בא אימ פונ האנט ארויסגעריסנ די צײַטונג, האָט זי אראָפּגעוואָרפנ אפ דער ערד אונ געטאָפּטשעט מיט די פיס „כוליגאנעס אזעלכע... כוליגאנעס", האָט ער קעסיידער איבערגעכאזערט... „מענטשנ... איכ בינ א לוי?... מיר זײַנענ א באנדע? וואָס?"

דעמ לאָזונג, וואָס איז אינ די פארשיידענע ווארִיאציעס דורכגעגאנגענ אלע סאָציאַל־דעמאָקראטישע צײַטונגענ, האָט געגעבנ די סאָציאַל־דעמאָקראטישע „פּרעסע־דינסט": „מאָסקווע דארפ האָבנ טויטע!"

ווי אינ פיבער האָט קורט געפּרוווט לייענענ אלע צײַטונגענ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט קריגנ. קויפנ האָט ער זיי אלע ניט געקאָנט. ווו ער האָט וועמענ געזענ מיט א צײַטונג, איז ער צוגעגאנגענ אונ געבעטנ אפ א ווײַלע. דאָס איז דאָכ אלצ א מעשוגאס!—האָט ער קעסיידער ווידער געטראכט· אזוי פיל ליגנ איז גאָר אפ דער וועלט ניטאָ! קוידעמקאָל האָט ער אומעטומ געזוכט די באריכטנ וועגנ די קאמפנ אינ געסל.

אינ איינ צײַטונג איז דער שטורעמ־אָנגריפ פונ דער פּאָליציי אפ דער באריקאדע פארנ „רויטנ נאכטיגאל" אזוי געווענ געשילדערט: לויט א קאָמאנדע זײַנענ פונ די ארומיקע הײַזער ארויסגעלאָפנ בא 150 קאָמוניסטנ, וועלכע האָבנ צוזאמענגעשלעפּט פּורנ, בודקעס, גאז־רערנ, שטיינער אונ קלעצער אונ האָבנ אויסגעבויט איבער דער גאס א באריקאדע קימאט 2 מעטער הויכ. אלצ איז געווענ אזוי גוט צוגעגרייט, אז די פּאָליציי, וואָס איז אָנגעקומענ אינ א 10 מינוט ארומ, איז באגעגנט געוואָרנ מיט עמעסע זאלפנ. הינטער דער באריקאדע האָבנ זיכ אויסגעשטעלט בא 100 קאָמו־ניסטנ, וואָס האָבנ געעפנט פונ מיליטערישע רעוואָלווערנ אונ ביקסנ א ווילדנ פײַער.

פלוצלינג האָט מענ אויכ הינטער די פּאָליציאַנטנ אָנגעהויבנ צו שיסנ. קאָמוניסטנ האָבנ באַזעצט די בוידעמער אונ דעכער, פונ וואַנענ זיי האָבנ אָנ אָנ אופהער אַראָפּגעשאָסנ.—אינ א קורצער צײַט האָט מענ ארויסגעלאָזנ אסאַכ הונדערטער שאָסנ. דער צו שוואַכער פּאָליציי־טייל האָט זיכ געמוזט סאָפּקאָלסאָם צוריקציִענ אונ אָפּוואַרטנ אַפ פאַרשטאַרקונגענ...״

קורט האָט ניט אויסגעהאַלטנ אונ זיכ געכאַפּט פאַרנ קאָפּ... דעם ערשטנ מאָל, ווענ די שופּאָ איז אָנגעקומענ, האָט מענ ביכלאַל קיינ איינ שאָס ניט געטאָנ. „הינטער דער באַריקאַדע האָבנ זיכ אויסגעשטעלט בא 100 קאָמוניסטנ, וואָס האָבנ פונ מיליטערישע רעוואָלווערנ אונ ביקסנ...״ הינטער דער באַריקאַדע זײַנענ געלעגנ פאַרנ אָנגריפ צוויי טויטע, דאָס זײַנענ געווענ די, וואָס האָבנ געגעבנ „זאַלפּנ״...!

ער איז אלצ מער צומישט געוואָרנ. ווער האָט דאָס געשריבנ? ער האָט איבערגעקערט די צײַטונג:—דער „פאָרווערטס״.—ווי א קראַנקער אַפ קאַראַבעס האָט קורט געוואַנדערט דורכ דער שטאָט. דערזעענדיק א פּאָליציאַנט, פלעגט ער אָנהייבנ איטעי...—פונ האַס!

★

אומעטום איז שוינ די „ראָטע פאַנע״ געווענ פאַרקויפט. ניט נאָר די אַרבעטער האָבנ הײַנט געוואַרט אַפ איר... קירט איז דורכגעלאָפנ די עלזאַסער גאַס, וואָס נעענטער ער איז געקומענ צום בילאָוו־פּלאַצ, אלצ אָפטער זײַנענ געהאַנגענ רויטע פאָנעס איבער די פענצטער. דאָ האָבנ געוווינט אַרבעטער.

א גרויסער אויטאָבאָביל מיט פּאָליציאַנטנ איז אים פאַרבײַגעפאָרנ, דער שטורעמרימענ פונ די העלמס אַראָפּגעלאָזנ, די ביקסנ אינ די הענט. אונטער דעם לעצטנ באַנק א קוילנ־וואַרפער. בלאַסע, ניט קיינ אויסגעשלאָפענע פּענעמער—זײַנ בלוט האָט אים געהאַמערט אינ די שלייפנ...

„באַם ראָזענטאַלער טויער איז שוינ ביכלאַל קיינ צײַטונגענ ניט געווענ, פונ א רעסטאָראַנ האָט געשמעקט מיט וואַרעמע זופּ. ער האָט זיכ דערמאָנט, אז ער האָט געגעסנ דעם לעצטנ מאָל נעכטנ אינדערפרי. שפּעטער, שפּעטער... איצט האָט דערצו קיינ געדולד ניט! איבערנ בילאָוו־פּלאַצ איז געפאָרנ א הויכ אָנגעלאָדענער מיט קערבגרינסנ מאַסע־אויטאָמאָבילנ פונ מאַרק, פאַר די קליינע געשעפטנ זײַנענ געשטאַנענ מענטשנ אונ געשמועסט צווישנ זיכ. איינצלנע אַרבעטער זײַנענ געגאַנגענ איבערנ גרויסנ ליידיקנ פּלאַצ. הינטער דער „פאָלקס־בינע״, דעם גרויסנ ..סטנ, פונ שטיינער, איז געשטאַנענ דאָס „קאַרל ליבקנעכטס־הויז״, די צענטראַלע ג...דע פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַזנ טויער, אַזנ ראָג, האָט געוויִיט די גרויסע רויטע פאָנ,—אַפ העלמס אַראָפּגעלאָזנ, אַפ דער גאַס פאַר די רויט געפאַרבטע ווײַטרינעס זײַנענ געשטאַנענ אַרבעטער קאָפּ אַפ קאָפּ אונ האָבנ געלייענט די אויסגעהאַנגענע זײַטנ פונ דער „ראָטע פאַנע״:

ארויס פונ די אונטערנעמונגענ!
פּאָליטישער מאַסנ־שטרײַק קעגנ די אַרבעטער־מערדער!
אַראָפּ צו רגיבעלנ!!—אַראָפּ מיט דעם באַלאַגערונג־צושטאַנד
ארויסלאָזנ די אַרעסטירטע!—באַשטראָפנ די מערדער!

טראָגט ארויס רעזאָליוציעס אין אַלע אונטערנעמונגען! באַשליסט צו שטרײַקן! קלײַבט אויס דעלעגאַטן! פאַרטרעטער פון אַלע אונטערנעמונגען, דעלעגאַטן, מיטגלידער פון פאַבזאַוואָרקאָמען, פונקציאָנערן, קומט הײַנט אין אָוונט, אַכט אזייגער צו דער אַלגעמיינער דעלעגאַטן־קאָנפערענץ פון גרויס־בערלין אין די „סאָפיען־זאַלן“! עס טאָר ניט פעלן קיין איין אונטערנעמונג.

10 טויטע און 150 פאַרוווּנדעטע! — דאָס פּראָלעטאַרישע בערלין וואַרפט די אַרבעט. א קאָכיקעס יאַם זײַנען הײַנט די אונטערנעמונגען. עס איז ניטאָ קיין איין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער, וואָס זאָל פאַרטיידיקן דעם מוירעדיקן מאָרד, וואָס צערגיבעל האָט דורכגעפירט. די גרענעצלאָזע אויפגערעגטקײַט און דער ווילדער קאַאָס, וואָס דריקן זיך אויס אין די שטורמישע געשפּרעכן, לאָדן זיך איצטער אויס אין דער פאָדערונג צו פּראָקלאַמירן טייקעף א פּאָליטישן מאַסן־שטרײַק.

דערווײַל הייבן אָן די אַרבעטער סטיכיש צו פאַרלאָזן די פאַבריקן. בא דער פירמע קאַרשטאַט, אפן הערמאַן־פּלאַץ, האָבן די אַרבעטער שוין הײַנט אינדערפרי אָפּגעזאָגט זיך אָנצוהייבן אַרבעטן. דער פּאָליצײַ־פּרעזידענט מוז פאַרשווינדן — דאָס איז די אַלגעמיינע פאָדערונג פונעם בערלינער פּראָלעטאַריאַט.

צווישן די דיסקוסירנדיקע אַרבעטער איז געשטאַנען קורט און געליענט. די אויסיעס האָבן געשוואָלענע פאַר די אויגן. זײַנע פאַרמאַטערטע אָנגעצונדענע אויגן האָבן געברענט... צום ערשטן מאָל איז ער געוואָרן רויִק, גאַנץ רויִק. איצט האָט ער געוווּסט; אַלץ גייט אין אָרדענונג! די נאַכט איז ניט פאַרפאַלן געגאַנגען אומזיסט.

אז ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבערן פּלאַץ צוריק, האָט ער זיך געשעמט פאַר זײַן מוירעדיקן פּאַכאַד, וואָס ער האָט פאַר דעם געהאַט. ער איז געווען גאָר משוגע... האָט ער געטראַכט, אויפגעבראַכט אַליין אף זיך! אין וועג האָט ער געהערט, ווי אַרבעטער, וואָס האָבן געגלויבט די ליגנס פון די בלעטער, אז נאָר „גאַנאָווים“ און „לומפּנפּראָלעטאַריער“ האָבן געקעמפט אין קעזלינער גאַס און אין נייקעלן, האָבן געזידלט די קאָמוניסטן. מוירע האָט ער געהאַט, א אַלע טראַכטן אזוי... ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אז דאָס איז געווען די אַלטע טאַקטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פון דער בורזשואַזיע, בא אַלע קאַמפן צו פאַרשטעלן די ווירקלעכע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער ווי לומפּנפּראָלעטאַריער און פאַרברעכער, קעדיי מיט רעכילעס צו שטערן, אז די איבעריקע אַרבעטער זאָלן זיך סאָלידאַריזירן מיט די קעמפנדיקע.

צו־אַמען מיט דער אינערלעכער רויִקײַט האָט ער דערפילט א שוואַכקײַט. ער האָט פּלוצלינג זיך אַרומגעזען, ווי מיד און הונגעריק ער איז — מיט דעם נאָענסטן טראַמוויי איז ער אַוועקגעפאָרן צוריק אין געסל.

7

אַנאַ לערנט דעם לעצטן קאַפּיטל

טויזנטער אַרבעטער זײַנען נאָכמיטיק געקומען פון אַלע עקן שטאָט אין געסל. די פּאָליצײַ האָט ניט געוואָלט אַרײַנצולאָזן אין קוואַרטאַל. נאָר „ציווילע אויפקלערער“ האָבן זיך אין גרויסע מאַסן אַרומגעדרייט. ווײַט איבער די באַריקאַ־

דעם האָט די ארבעטערשאפט באהערשט דעם רײַאָנ ארום די שלאכט־פּלעצער אינ בײקעלנ און וועדינג.

אינ דער צײַט איז הערמאנ געקומענ פונ וואָקזאל. ניט אָפּשטעלנדיק זיכ, האָט ער זיכ געײַלט דורכ די מענטשנ־מאסנ אפנ נעסלבעקפּלאצ. אפילע דאָ איז די פּאָליצײ פארשוונדנ. ער איז געגאנגענ איבערנ געסל און האָט געזענ אפ די הײַזער די אָנצאָליקע רונדע שפּורנ פונ די קוילנ. אפ די טרעפּ האָט ער געטראָפנ אנאנ.

„וווּ זײַנענ די כאווײרימ?"

„גוט וואָס דו ביסט געקומענ, הערמאנ", האָט זי מיט א דערלײַכטערונג געענטפערט, „...אלע זײַנענ בא דיר!"

ער איז שנעל ארופגעגאנגענ. די קיכ איז געווענ פול מיט מענער און פרויענ.

„טאָג, הערמאנ, גאָט צו דאנקענ!" האָט אימ באגריסט קורט „קומ. מיר גײענ גלײַכ ארײַנ!"

הערמאנ האָט אפנ וועג נאָר קוים א פרעג געטאָנ בא דער פרוי וועגנ די קינדער און איז גלײַכ מיט די כאווײרימ ארײַנ אינ „רויטנ צימער".

בײַם קורט האָט קורצ דערצײלט, ווי אלצ איז פארגעקומענ, האָט הערמאנ מער ניט געקאָנט דערקענענ דעמ אומגעלומפּערטנ טרעגער. די נאכט האָט בעעמעס פונ אימ געמאכט אנ אנדער מענטשנ.

קורט האָט געענדיקט זײַנ באריכט. „האָט איר שוינ אפ דער גאס צו די מאסנ גערעדט?" האָט געפרעגט הערמאנ. קורט האָט אימ א צעמישטער אָנגעקוקט. צומ טײַוול, אינ דעמ טומל האָט וועגנ דעמ קײנער פאקטיש ניט געטראכט! הערמאנ אָט זיכ געזידלט. דאָס איז דאָכ געווענ דאָס וויכטיקסטע. די עטלעכע עקזעמפּליארנ „ראָטע פאנע", וואָס זײַנענ אהער אָנגעקומענ, זײַנענ געווענ ניט גענוג אופצוקלערנ די מאסנ וועגנ דער לאגע. די פּאָליצײ האָט כוצדעמ אינדערפרי ניט דורכגעלאָזנ די צײַטונג־טרעגער מיט דער „ראָטע פאנע".

„קײנער קאָנ אגעוו פונ אונדז ניט ארויסטרעטנ ווי געהעריק...!" האָט געפּרוווט קורט זיכ פארטײדיקנ. הערמאנ האָט געמוזט זיכ פאנאנדערלאכנ, זעענדיק דעמ פארומערטנ פּאָנעמ פונ קורטנ און האָט געטראכט וועגנ דעמ, וואָס זײ האָבנ אינ דער נאכט אופגעטאָנ, אָבער ארויסטרעטנ? נײנ—דערצו טויגנ זײ ניט.

אינ א קורצער צײַט ארומ האָט זיכ אינ געכל געהערט דער געזאנג פונ „אינטערנאציאָנאל". הערמאנ איז געשטאנענ אפ אנ איבערגעקערטער בודקע און האָט גערעדט...

☆

דער אָוונט פונעמ 2־טנ מײַ האָט זיכ דערנעענטערט.

קײנער האָט ניט געוווּסט, וואָס וועט די קומענדיקע נאכט, וואָס וועלנ די נאָענטסטע שאָענ ברענגענ. די פּרעסע־באריכטנ פונעמ פּאָליצײ־פּרעזידיומ האָט די גאנצע בירגערלעכע פּרעסע אָפּגעדרוקט אָנ א וואָרט קריטיק. ווער עס האָט אלײנ ניט געזענ די געשעענישנ אינ געסל און אינ נײקעלנ, האָט זיכ לויט דידאָזיקע באריכטנ געדארפט פאָרשטעלנ, אז אינ בערלינ קומט פאָר א „רעוואָליוציע", וואָס ווערט אײַנגעהאלטנ נאָר אדאנק דעמ „זיגרײַכנ" אָנגריפ פונ דער פּאָליצײ.

טאָמאס האָט שיר ניט געפּלאצט פונ געלעכטער, ווענ אימיצער האָט אימ אינ „רויטנ נאכטיגאל" געוויזנ דעמ „פאָרווערטס", וואָס האָט געשריבנ, אז די קאָמוניסטנ

האָבן פון די בוידעמער „ארויסגעשאָסן באַ די פּאָליציאַנטן פון די הענט 14 ביקסן און קיין איין פּאָליציאַנט האָט אפילו קיין ראַץ אין האַנט דערבײַ ניט געקריגן". „צום טײַוול... אָט דאָס הייסט גוט געצילעוועט! מיר זײַנען דאָך אַלע עמעסע קינסטלער אין שיסן...", האָט ער, לאַכנדיק, געשריִען.

הערמאַן איז ענערגיש ארויסגעטראָטן קעגן קורטס מיינונג, אַז מע האָט ניט געטאָרט אינעם געסל אַליין אָנהייבן אַזעלכע קאַמפן. געוויס איז דאָס געווען סטראַטעגיש ניט קיין גינסטיק אָרט, דאָס האָט הערמאַן געמוזט מודה זײַן. עס איז געווען צו לײַכט ארומרינגלען. אָבער ער האָט באַהויפּט, אַז אַזעלכע קאַמפן וועלן זיך שטענדיק נאָר אין אַזעלכע אָרעמע קוואַרטאַלן אַנטוויקלען, ווײַל דאָרטן ווערן זיי אונטערגעשטיצט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. דער בעסטער באַווײַז זײַנען די שלאַכטן אין האַמבורג אין 1923 יאָר, וואָס זײַנען געווען מער ווי אומעטום דערפאָלגרײַך אין „גענגע־פערטל", אין אָרעמסטן שטאָט־טייל פון האַמבורג.

„דו זעסט דאָך אַליין," האָט הערמאַן אָנגעוויזן, אַז איר האָט זיך געקאָנט האַלטן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס אין אײַער רעשוס זײַנען געווען די דירעס פון געסל. ווי־באַלד די באַפעלקערונג סימפּאַטיזירט מיט די אַרבעטער און ניט מיט דער פּאָליציי, האָבן די קעמפנדיקע אַ געזיכערטן רוקן, און די פּאָליציי, מיט יעדן שריט, וואָס זי טוט, געפינט זי זיך אַלץ מער ארומגערינגלט פונעם סוינע."

זיי זײַנען געשטאַנען אין האַלבן טונקעלן פירהויז מיט דער צעפּלאַצטער טיר, וואָס קורט האָט נעכטן, אַנטלויפנדיק פון די פּאָליציאַנטן, צוגעקלאַפּט הינטער זיך.

אַנאַ איז דורכן הויף געקומען מיטן יאָסל, די גאַנצע צײַט האָבן זיי זיך נאָר אַף מינוטן געזען. שטיל און ניט ריידנדיק מיט אים וועגן פּערזענלעכע זאַכן, פלעגט זי ארויסשווימען לעם אים ביז מע פלעגט אים ווידער ניט אוועקרופן. פון דעם ערשט־מײַקן אינדערפרי האָט זי קיין איין מאָל ניט געפּרוּווט אים צו פאַרהאַלטן.

הענגן יענעם מאָמענט, ווען זי האָט נעכטן מיט איר רוף עפּשער געראַטעוועט זײַן לעבן, האָבן זיי אַ וואָרט ניט גערעט. זי איז געווען צופרידן, וואָס ער איז נאָך דאָ. דאָס איבעריקע איז איצט ניט וויכטיק.—פאַרוואָס, האָט זי אַליין ניט געוווּסט. זי האָט נאָך אַלץ באַנומען מיטן געפיל אַליין. ווי אַסאַך אַנדערע פרויען אינעם געסל, איז זי געקומען צו די קעמפנדיקע דורך דער האַס קעגן די פּאָליציאַנטן.

קורט האָט גוטמוטיק נעשמייכלט צו איר. „קום, אַנאַ, מירן גיין אַביסל אזג פלאַץ אַ קוק טאָן, וואָס הערט זיך דאָרטן".

הערמאַן האָט זיך געשפּילט מיטן יאָסל, ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט קינדער. דערנאָך איז ער אַוועק צו זיך אין וווינונג.

קורט האָט געוואָלט בעסער דעם קליינעם איבערלאָזן אינדערהיים, האַגאַם איצט איז געווען רויִקער. אָבער אַנאַ האָט אים געוואָלט כאָטש אַף אַ פערטל שאָ מיטנעמען אַף דער פרישער לופט. פון נעכטן נאָכמיטיק האָט ער געמוזט מיט די אַנדערע קינדער צוזאַמען זיצן אינעם צימער אין דער הינטערשטער וווינונג.

אַנאַ האָט גענומען דעם ייִנגל, וואָס איז מיד געוואָרן, אַף דער האַנט און איז שטיל געגאַנגען לעם קורטן.—עס איז געווען מאָדנע. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן אויסגעזען געענדערט. עפּעס אין קורטן איז אַנאַן אויסגעקומען נײַ און פרעמד, אָבער

גלייכצייטיק האָט זי אויך געפילט, אז אין אסאך זאכנ איז זי אים נעענטער געוואָרנ. קורט איז צופיל געווענ פארזונקענ אינ זיינע אייגענע געדאנקענ וועגנ דער אָנקומענדיקער נאכט, ער זאָל באמערקנ, אז אנא ווארפט אפ אים פונ צייט צו צייט פאַרשנדיקע בליקנ פונ א זייט.

★

נאָכ צענ אזייגער האָט זיכ די שטורמישע פארזאמלונג אינ די „פארוסזאלנ" בעענדיקט.

אפנ הויפ האָט מענ געמוזט מאכנ א פאראלעלע פארזאמלונג. הערמאנ האָט קורצ גערעט וועגנ דער לאגע אינעם געסל אונ איז פארשוווגדנ געוואָרנ.

צוזאמענ מיט די אנדערע אָנטיילנעמער פונ דער פארזאמלונג האָט זיכ אנא לעמ—קורטנ ארויסגעשפארט אָפ דער גאס ארויס, קעדיי וואָס גיכער צו קומענ אהיימ, זי האָט זיכ איצט אליינ ארומגעזוענ. אז עס איז געווענ א נארישקייט מיטנעמענ דאָס קינד.

ביים די מאסע האָט זיכ לאנגזאמ ארויסגעשפארט אונ זי האָט מיט קורטנ בערעדט וועגנ דעמ שטורמישנ גאנג פונ דער פארזאמלונג, האָט זיכ פלוצלינג אָנגעהויבנ א ווילדע שטויסעריי אונ שטופעריי. קורט האָט אומזיסט געפרווט ארויסציענ זי פונ די שרייענדיקע אונ ליארעמדיקע מענטשנ. זיי זיינענ געווענ ווי אינ א צוואנג. אפ דער גאס, פאר דעמ שטראָמ מענטשנ, האָט ער דערזענ פאָליציאנטנ.

אנ עלטערער ארבעטער האָט געפרווט ריידנ מיט דעמ אָנפירנדיקנ אָפיצער. מע האָט נאָר געזענ דאָס צעקאָכטע געזיכט פונעמ אָפיצער. קלעפ מיט גומי־שטעקנס האָבנ אָנגעהויבנ פאלנ אפ דעמ ארבעטער. עס איז געוואָרנ א מוירעדיקע פאניק.

די מענטשנ זיינענ געלאָפנ, אפ וויפל מע האָט געקאָנט אינ דעמ געדראנג ביכלאל לויפנ, לענגויס פונ דער מילער־גאס, פונ ביידע זייטנ האָבנ זיי פארפאָלגט פאָליציאנטנ אונ געשלאָגנ מיט גומי־שטעקנס. דירעקט פאר קורטנ איז אופגעשווומענ א רויט פאָנעמ פונ א פאָליציי־באאמטנ, וואָס האָט געריווע אונ געשלאָגנ. מיטנ רעוואָלווער אינ האנט האָט ער זיכ געדרייט צווישנ דער מאסע. יעדע סעקונדע האָט געקאָנט ארויסרייסנ זיכ א שאָס.

קורט האָט ניט לאנג געטראכט. מיט דער רעכטער האנט האָט ער אוועקגערוקט אנאנ מיטנ יינגל ערגעצ הינטער זיכ. מיטנ לינקנ פויסט פארפאָרנ דעמ פאָליציאנט אונטער דער מאָרדע. דער פאָליציאנט האָט פארוואָרפנ דעמ קאָפ אפ הינטנ, האָט קורט א ריס געטאָנ בא אימ דעמ רעוואָלווער, אונ האָט עפעס א געשריי געטאָנ צו אנאנ אונ איז פארשווונדנ געוואָרנ אינ דער מאסע. איבער דעמ פאָליציאנט, וואָס איז געפאלנ אפ דער ערד, זיינענ די מענטשנ געלאָפנ ווייטער.

אנא האָט צוגעדריקט צו זיכ דעמ וויינענדיקנ יינגל אונ איז געלאָפנ אזוי שנעל, ווי זי האָט נאָר געקאָנט, אראָפ גאס.

הינטער איר האָבנ אָנגעהויבנ צו קנאלנ שאָסנ!—א מיידל פאר איר האָט געגעבנ א דינעמ קוויטש. אימיצער האָט זי אונטערגעכאפט אונ האָט זי אריינגעצויגנ מיט אראָפהענגענדיקע קני אינ א פירהויז.

אַנאַ איז געלאָפן ווײַטער. אירע קני האָבן געציטערט. אַ פּאָר מאָל האָט זי זיך פאַרשטעפּט געפאַלן און ווידער אופגעשפּרונגען... נאָר ווײַטער גלײַך הינטער איר האָט געפּײַפט אַ פּאָליציאַנט... ערגעץ־ווו האָט אַ בראַזג געטאָן אַ שויב, און פּלוצלונג איז שוין קיינער ניט געווען פאַר איר... הינטער זיך, האָט זי געפילט, איז קאַלט און ליידיק.—זי איז געלאָפן אַליין!

„שטיין בלײַבן!..“ האָט ווער געשריִען. אַ האַרטער געלאַפּ האָט זיך דערנעענטערט. פאַרסאָפּעט, אָן אָטעם איז זי געלאָפן, פאַרשטעפּנדיק זיך, וואַקלענדיק זיך פאַר שרעק און שוואַכקײַט... פון הינטן איבערן קאָפּ האָט זי דערפילט אַ מוירעדיקן קלאַפּ, ווי אין אַ שטעכעדיקן קראַמפּ האָט זיך די הויט צונויפגעצויגן—אירע קני זײַנען ווייך געוואָרן.—די גראָדע ליניע פון די גאַסן־לאַמטערנס האָט זיך אופגעהויבן, שווינדלענדיק איר אין די אויגן און איז געפאַלן איבער איר, ווי אַן אויסגעשאָטענער זאַק מיט שטערנס—דאָס קינד האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע אַראָפּפאַלנדיקע הענט...

דעם צווייטן קלאַפּ האָט זי שוין מער ניט געפילט, די פּײַערן זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שוואַרצן־שאָטן. מיט אַ ניט הימלישער געשווינדקײַט איז זי אַרײַנגעפאַלן אין אַ שוידערלעכן טונקעלן אָפּגרונט.—זי האָט ניט געשפּירט, ווי פּאָליציאַנטן האָבן זי ווידער אַ הייב געטאָן, האָבן זי אַוועקגעשלעפּט צום אויטאָמאָביל—די פיס אירע האָבן זיך דערבײַ געשלעפּט איבערן ברוק—און האָבן זי אַרופגעוואָרפן אַפן אויטאָמאָביל אונטער אַ באַנק. דער אויטאָמאָביל איז שוין געווען פול.

„געפאָרן—צו דער וואַך!“ האָט געשריִען אַן אָפיצער. דאָס פּאָנעם אונטערן גלאַנציקן ראַנד פון העלם איז געווען שוואַרץ פון אופרעגונג. די פּאָליציאַנטן זײַנען אַרופגעשפּרונגען אַפן אויטאָמאָביל און האָבן הינטער זיך פאַרמאַכט די קליאַפּעס. דער אויטאָמאָביל האָט זיך געגעבן אַ דריי אַרום און איז מיט אַ שנעלן טעמפּ אַראָפּגעפאָרן די מילער־גאַס. פון אַ פענצטער האָט מען עפּעס נאָכגעשריִען דעם אויטאָמאָביל. אַ שאָס האָט אָפּגעקנאַלט פון דער וואַנט.

מיט איין קלאַפּ איז דער אויטאָמאָביל געבליבן שטיין בײַ דער פּאָליציי־וואַך. פון דעם באַלויכטענעם פירהויז זײַנען אַרויס פּאָליציאַנטן. „אַרונטער, שנעלער... אָבער דאַליִע!“

די געפאַנגענע זײַנען שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל. מיט קאָלבעס האָט מען זיי אַרײַנגעטריבן אין פירהויז.

„די פענצטער צומאַכן!“ האָט אַ פּאָליציאַנט געשריִען איבער דער גאַס. ער האָט גלײַך אויסגעשאָסן אין אַנטקעגנדיקן הויז, וואָס אין אים האָט זיך עפּעס באַוועגט בײַם פענצטער פון צווייטן שטאָק.

קריגנדיק אַ שטויס פון הינטן, איז אַן עלטערער מענטש אַריבערגעפאַלן איבערן שוועל. אימיצער האָט אים דערלאַנגט איבער דער שלייף. אַ געשריי טוענדיק האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן אין דער ריכטונג צו אַן אַנדער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים מיט אַ זעץ מיט דער קאָלבע אַ שטויס געטאָן, ווײַטער. אַף די טרעפּ האָבן זײַנע הענט פּלוצלונג זיך אַ כאַפּ געטאָן אָן דער לופט, ער האָט אַ געשריי געטאָן און איז אַרונטערגעפאַלן פון די טרעפּלעך.

„מאַכט דאָ ניט קיין טעאַטער־שטיק“, האָט זיך צערעדט אַ פּאָליציאַנט און האָט אים אַ הייב אויף געטאָן. זיי האָבן אים אַרופגעשלעפּט איבער די טרעפּ אַרופ...

מיט איימע האָט אנא, וועלכע איז געשטאנענ די לעצטע אפנ אווטאָמאָביל, געזענ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומענ. „נייִנ... נייִנ... איכ גיי ניט אראָפ... איר וועט אונדז אלעמענ דערהארגענענ אפ טויט!" האָט זי געשריִענ. פארצווייפלט האָט זי געפרווּוט אנטקעגנשטעלנ זיכ דעמ פאָליציאנט, וואָס האָט זי א נעמ געטאָנ אונ ארונטערגעשלעפט.

די געשרייענ אונ דאָס רופנ נאָכ הילפ פונ די געשלאָגענע האָבנ זיכ געהערט ביז אפ דער גאס ארויס. „די טיר פארמאכנ!" האָט פונויבנ געגעבנ א געשריי א שארפער הויכער קאָל. דאנ זײַנענ די קלעפ געפלויגנ ווײַטער, אזוי לאנג ביז די ארעסטירטע זײַנענ געווענ אלע אויבנ.

פונ קאָרידאָר האָט מענ זיי אלעמענ מיט אופגעהויבענע הענט ארײַנגעשטויסנ אינ וואכ־צימער. עלפ ארבעטער, אנא איז געווענ די איינציקע פרוי צווישנ זיי. דער וואכ־צימער איז געווענ פול מיט פאָליציאנטנ, אלצ יונגע בלוטיק צעקאָכטע פּענעמער, וואָס זײַנענ ערשט מיט א פּאָר שאָ צוריק ארויסגערופנ געוואָרנ אפ פארשטארקנ די וואכ.

„אהא... אָט זײַנענ זיי די רויטע באריקאדנ־בויער... קומ נאָר אהער, מײַנ יאטל!" א צוואנציקיאָריקער בלאָנדער האָט דערלאנגט מיט דער פלאכער האנט אנ ארבעטער איבערנ פּאָנעמ. אזוי זיכ, פארבײַגייענדיק... צומ אופנעמ!—הא... נישקאָשע, וואָס? צו וואָס האָט מענ דאָס זיכ געלערנט אינ בראנדענבורג אינ דער פאָליציי־שול. פלייש איז בעסער ווי א טויטע לעדערנע פּילקע... דער כאזער שטייט נאָכ אָבער? נאָכ א טראסק פונ לינקס פונויבנ... בראכ...! „אזוי, מײַנ יונג, אָט איצט ליגסטו..."

ווי לײַכט דאָס איז געגאנגענ! שפּילנדיק זיכ, ווי ווענ איינער גייט איבער גראָז אונ האקט אָפּ מיטנ שטעקנ די גרינע שפּיצנ. בא די יונגע פאָליציאנטנ האָט געשטראָמט א הייסע פרייד פונ קראפט אונ מוט.

„דו פּאטשקעסט זיכ נאָכ אײַנ...!" פאָרזיכטיק האָט ער מיט דער נאָזטיכל אָפּגעווישט דעמ פארבלוטיקטנ ראנד פונ אוניפאָרמ. זײַנע קאָלעגנ האָבנ געלאכט.

„קומט ארײַנ... דאָ איז גוט ווארעמ. איר מאָסקווער".

קלאטש... בראכ...! א געפאנגענער איז געפלויגנ מיט א ווייטיק־געשריי צו דער וואנט.

„ווילסטו ניט, בעהיימע, אופהייבנ די לאפּעס..!" א יונגער ארבעטער איז געפאלנ אפנ עק טיש. „שנעלער, הייב זיכ אופ, דו פוילער כאזער, שלאָפנ וועסטו אינדערהיימ!" פונ א קלאפּ איז דער גומענער שטעקנ צעריסנ געוואָרנ. מיט רעציכע האָט דער פאָליציאנט נאָכ אמאָל א זעצ געטאָנ מיטנ פויסט.

די געשלאָגענע האָבנ געשריִענ ווי כײַעס. אינעמ וואכ־צימער האָט געשטונקענ מיט לעדער אונ שוויס. איצט ערשט האָבנ זיכ די פאָליציאנטנ צעווארעמט ווי געהעריק.

מיט א צענויפגעקאָרטשעטנ קערפּער איז געשטאנענ אנא. איר פּאָנעמ, אפ וועלכנ די אויגנ האָבנ געברענט, ווי צוויי גרויסע טונקעלע קרײַזנ, איז געוואָרנ ווײַס ווי קאלכ. מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי געהאלטנ איר טוכ פאר דער ברוסט. די בלאָנדע האָר זײַנענ אינ אומאָרדענונג געהאנגענ איבערנ שטערנ.

„כא... כאכא...!"

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך צערעוועט לאַכנדיק, ווען זיי האָבן דערזען שטייענדיק די יונגע פרוי אַף טויט אַ דערשראָקענע. מיט דערדאָזיקער דאַרף מען מאַכן דעם הויפּט־שפּאַס.

„קום נאָר אַהער, מייַן אויצער!..״

איינער האָט זי אַ שטויס געטאָן פאָרויס.—פון די אַרבעטער האָבן זיך איניקע לאַנגזאַם אויסגעדרייט.

„דעם פּיסק צום וואַנט, די הענט אויפהייבן!״, האָבן אַף זיי געשריִען די פּאָלי־ציאַנטן.—נאָר איין יונגער אַרבעטער האָט נאָך אַלץ געקוקט אַף אַנאַן. צווישן די אַרעסטירטע איז ער געווען דער איינציקער קאָמוניסט, און ער האָט געוווּסט, אַז זי איז די פרוי פונעם כאַווער צימערמאַן. זייַן בליק איז פינצטער געוואָרן. די נעגל האָבן זיך אַריַינגעגראָבן אין דלאָניע... און דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו שרייַען: „מערדער.., הינט איר... פּאַכדאָנישע הינט... וואָלטן מיר נאָר געווער גע־האַט!!״ ער האָט מער ניט געקאָנט בלייַבן שטיין און שווייַגן. אַלצייינס, זאָל שוין זייַן, וואָס וועט זייַן. ער מוז אַ שלייַדער טאָן אין דידאָזיקע ברוטאַלע מיט פאַרשטשי־רעטע ציין פאַרצעפּס.—דאָ . .יבן בא די אומבאַוואָפנטע אַרעסטאַנטן זייַנען זיי העלדן, אָבער אונטן...? דאַרטן אויס מוירע פאַר די פויסטן פון די פראָלעטן האָבן זיי געשאָסן ווי מעשוגאָים אין אַלץ, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אַ פענצטער אָדער אַף דער גאַס. יינגלעך, וואָס האָבן אַף זייערע הענט ניט געהאַט קיין נאַסן פלעק אַרבעט־שוויס!

זייַן שרייַענדיקע, פון אָנמעכטיק ווילדן קאַאָס, ווייַנענדיקע שטימע איז צעבראָכן געוואָרן אונטער אַ האָגל פון קלעפּ. וויענדיק, מיט אַ ווילדער רעציכע, האָבן זיך זיבן־אַכט פּאָליציאַנטן געוואָרפן אַף אים.

„פאַרשאָלטענע קאָמוניסטישע סטערווע! דו וועסט האַלטן פּיסק!!״

„דערהאַרגעט אים אַף טויט, דעם כאַזער!״

„מיר וועלן דיך שוין אַהעקפּאַטערן!״

מיט רויטע צעקרימטע פּענעמער האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געשטויסן, קעדיי אים צו טרעפן. ער איז געפאַלן אַף דער ערד און האָט אומזיסט געפּרוווט פאַרטיידיקן מיט די הענט דעם קאָפּ.

ער האָט נאָך אַלץ געשריִען; מיט די שטיוול האָבן זיי געטאָפּטשעט אים אין פּאָ־נעם, אין אָפענעם שרייַענדיקן מויל. [illegible] ער האָט פאַרלאָרן דעם זינען, און זיי האָבן נאָך אַלץ געשטויסן די קאָלבעס אין אַן אומבאַוועגלעכן קערפּער...

פאַרסאָפּעטע האָבן זיי זיך ענדלעך אַרומגעזען. איניקע האָבן געהאַט ווייַסן שוים אַפן מויל: „אַזוי—דער באַנדיט איז פאַרטיק—דידאָזיקע סטערווע!״

צעקאָכטע, בייט ריידנדיק מער, האָבן זיי געמאַכט אין אָרדענונג זייערע קליידער. דער בלעכענער אַבאַזשור פון עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון באַלקן, האָט זיך געשאָקלט הין און צוריק. די שייַן האָט געפלאַקערט איבער דער צונויפ־געדרענגטער גרופּע אַרעסטאַנטן אין ווינקל.

אַ ציטערנדיקע איז אַנאַ אַוועקגעלאָפן הינטער אַ טיש און האָט אַ פאַרגליווערטע געקוקט אַפן יונגן מענטש, וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך מיטן פּאָנעם אַראָפּ... דורך זייַנע געדיכטע האָר האָט שטיל און לאַנגזאַם אַראָפּגערונען אַ טונקעלער רויטער

שטראָמ, וואָס האָט גערונענ איבערנ ווײַסנ נאקנ אונ אראָפּגעטריפט אפ דער שמוציקער הילצערנער פּאָדלאָגע... קעסיידער אָנ א אופהער. זי האָט אימ א פּאָר מאָל צוואַמענ מיט קורטנ געזענ. יענער האָט אימ געשאצט ווי א שטילנ זיכערנ כאַווער.

„נו, כאַזײַרימ, איר האָט געזענ — אזוי וועלנ מיר מאכנ מיט אײַך אלעמענ... מיר וועלנ אײַך שוינ אויסלערנענ צו פּײַערנ דעמ 1־טנ מײַ...“ אנא האָט מיט שוידער א קוק געטאָנ אפ דאָס טונקל־רויטע ראָצכעדיקע פּאָנעמ פונעמ יונגנ פּאָליציאַנט. זײַנע אויגנ זײַנענ ארויסגעקראָכנ פונ די לעכער. דער לעדערנער רימענ האָט ברוטאל פארצויגנ די מאָרדע אפ פּאָרנט, די ברייטע מוסקלדיקע האנט מיט לויז צעשפּרייטע פינגער איז אראָפּגעהאנגענ. צווישנ די פינגער פארקלעפּטע בלוט! אנא האָט מער שוינ גאָרניט געוווּסט. די שרעק פאר איר קינד, פאר קורטנ איז אינגאנצנ אויסגעלאָשנ געוואָרנ. ווי פאראליזירט האָט זי נאָר געקוקט אפ דערדאָזיקער מוסקולדיקער רויט־פארפלעקטער האנט, אפ וועלכער עס איז געווענ דאָס ב. . פונעמ יונגנ ארבעטער. — אינ איר פוסט געוואָרענעמ מויעכ האָט קעסיידער עפּעס געהאמערט: ...א האנט פונ א מערדער... א האנט פונ א מערדער... א האנט פונ א מערדער!!

עפּשער האָט זי שוינ פארלאָרנ דעמ פארשטאנד...

8

די צווייטע נאכט

11 אזייגער.

די גאסנ ארומ דעמ געסל זײַנענ געווענ ליידיק. דער אָנשטערנדיקער טונקעלער הימל איז אראָפּגעהאנגענ איבער דער שווארצער פינצטערניש פונ די הײַזער אונ הויפנ. אפ דער רייניקענדאָרפער גאס איז געשטאנענ א ליידיקער טראמוויַ־וואגאָנ מיט אויסגעלאָשענע פײַערנ. וווּ־ניט־ווו זײַנענ בא די הײַזער אופגעשווומענ שאָטנס. פּאָרזיכטיק, קלאנגלאָז האָבנ זיי זיכ באוועגנט, ביז די פינצטערניש פלעגט זיי ווידער דערשלינגענ. אינ א דערבײַיקנ געסל האָבנ צוויי, דרײַ שאָסנ צעריסנ די שטילקײַט. דערנאָכ איז אלצ ווידער געוואָרנ רויִק.

דער ארײַנגאנג אינ געסל איז געווענ אײַנגעהילט אינ אזא פינצטערניש, אז מע האָט איִמ געקאָנט דערקענענ נאָר ווענ מע איז געשטאנענ לעמ אימ. בא די שאָטנדיקע קאָנטורנ פונ אנ אומגעוואָרפענער בודקע האָט געברענט א שוואכער שײַנ פונ א קלײנער רויטער לאמטערנ. ווי א פעכ־שווארצע לאָכ האָט זיכ געצויגנ ווײַטער די קישקע פונעמ טויטשטילנ געסל. קיינ אײנ פענצטער איז ניט געווענ באלויכטנ. נאָר דורכ אייניקע שפּאלטנ פונ דעמ צעשעדיקטנ אײַזערנעמ לאָדנ פונ „רויטנ נאכטיגאל“ האָבנ דורכגעלויכטנ דינע שמאָלע פאסנ ליכט. א טעמפער זשווזשענדיקער גערויש פונ שטימענ האָט זיכ געטראָגנ אפ דער גאס. — אינ היגטערשטנ צימער איז פּאָרגעקומענ א קורצע בארא
טונג.

צײַט איז געווענ ווייניק, מע האָט געמוזט אָנעמענ א באשלוס. בא די, וואָס האָבנ געערדט נארישקײַטנ, פלעגט מענ טייקעפ צונעמענ דאָס וואָרט. וואָס מער עס איז געוואָקסנ דער ווידערשטאנד פונ דער באפעלקערונג, אלצ מער האָבנ זיכ ארויסגע-

וויזן די פאטאלע פעלערן פון דערדאָזיקער ניטצוגעגרייטער, ניטאָרגאניזירטער אקציע. „באוואָפנטער אופשטאנד“, האָבן געזאָגט אייניקע. „מיט וואָס זשע?.... מיט פיסטאָלעטלעך, וואָס זײַנען גוט צו שיסן וואָראָבייען, אָדער מיט בעזים־שטעקנס?!“ האָבן אָפּגעלאכט אנדערע. „איר ווילט עפּשער מאכן א בירגערקריג אין וועדינג?“ „קלאָר, מענטש איינער! טאָמאס וועט ווערן א רויטער גענעראל און הערמאן פּאָלק־קאָמיסאר פון קעזלינער לוזשע און אומגעגנט!“

אינעם פארויכערטן קליינעם זאל האָבן זיך אלע פאנאנדערגעלאכט. די נערוועזיטעט איז פארשוווּנדן געוואָרן. מע האָט אָנגעהויבן רויִק אויסצוהערן. „צי רעכנט איר“, האָט הערמאן ערנסט געזאָגט, „אז אויב די פארטיי וואָלט גערופן צו א באוואָפנטן אופשטאנד, אז מיר וואָלטן דאן געשטאנען מיט אונדזער פּאָר ארבעס־פיסטאָלעטן? כאוויירים, בערלין וואָלט אין דערדאָזיקער נאכט גאָר אנדערש אויסגעזען. אויב מיר פארטיידיקן זיך הײַנט קעגן דידאָזיקע באנדיטן אזוי גוט ווי מיר קאָנען, איז דאָס נאָך ווײַט ניט קיין רעוואָליוציע, וועלכע איז פארבונדן מיט גאנץ אנדערע פאָרבאדינגונגען. עקאָנאָמישע מאסן־קאמפן, פּאָליטישע מאסן־שטרײַקן א. א. וו. וועגן דעם צו ריידן איז איצט קיין צײַט ניט...“

דער באשלוס איז אָנגענומען געוואָרן קורץ פאר האלבע נאכט, ווען דער קוריער האָט געבראכט די ידיִעה, אז די פּאָליציי הייבט ווידער אָן צו ארומרינגלען דעם קווארטאל! אין „רויטן נאכטיגאל“ האָט מען אויסגעלאָשן די ליכט, דער אײַזערנער לאָדן צום הויף צו איז אופגעעפנט געוואָרן און די ארבעטער זײַנען דורכן פירהויף ארויס אף דער גאס.

קורטאיז נאָך א ווײַלע געשטאנען מיט הערמאנען אפן הויף און גערעדט מיט אים וועגן אנא. פון דעם מאָמענט אָן, זינט ער האָט אנטוואָפנט דעם פּאָליציאנט, האָט ער וועגן איר גאָרניט געוווּסט. ערשט איצט אין לאָקאל האָט ער זיך דערוווּסט פון א שאָכנטע, אז אנא איז ארעסטירט און דעם יינגל האָט א כאוועריטע געבראכט אהיים. אימעצער האָט געזען, אז די פּאָליציי האָט זי געשלאָגן. דאָס איז געווען אלץ. — עס האָט אים געמאכט האלב מעשוגע די אומזיכערקײַט. אז זי וועט גאָרניט ארויסגעבן, אין דעם איז ער געווען זיכער, אָבער מיט דער הילף פון פּאָליצייִשע איידעס האָט מען זי געקאָנט באשולדיקן אין א בונט, ווידערשטאנד אָדער גאָט ווייס נאָך אין וואָס און זי קאָן נאָך אף יאָרן אוועק אין טפיסע...

קוים מיט מי האָט זיך הערמאנען אײַנגעגעבן אים אָפּצורעדן, ער זאָל איצט גיין אין דער פּאָליציי זי זוכן. קורט איז געווען באוווּסט ווי א קאָמוניסט. זיי וואָלטן אים גלײַך אויך פארהאלטן. ער וואָלט דאָס עפּשער דאָך געטאָן, ווען ער וואָלט געוווּסט ווען און וויאזוי ער וועט זי דערזען.

★

די בראזגערײַ פון די קלעצער אף דער גאס האָבן אופגערודערט דאָס געסל. טירן האָבן אָנגעהויבן צו קלאפן. לענגויס די הײַזער איז מען געלאָפן. אימיצער האָט פון פענצטער א געשריי געטאָן אראָפּ אין דער פינצטערניש, פון וואנען דער ליארעם איז געקומען. אף די טרעפּ האָבן זיך אָנגעצונדן ליכטלעך און קעראָסין־לאָמפן. פרויען מיט לאָמפן אין די הענט זײַנען אראָפּ אין די טויערס און האָבן

זיך צוגעהערט ווי די מענער פּאַרקען זיך צווישן די ברעטער און די אײַזערנע רערן פֿון „רויטן נאַכטיגאַל". ווען די ערשטע זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען מיט קלעצער און שטאַנגען אויף די אַקסלען דאָס געסל אַרויף, האָבן זיי שוין פֿאַרשטאַנען וואָס קומט פֿאָר. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַלץ געווען אויף די פֿיס.

„דערלאַנגט פֿײַער!" האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער קאָל. מע האָט ניט געקאָנט זען דעם אייגענעם האַנט. די וואַקלדיקע פֿײַערן זײַנען געקומען צו די מענער דורך דער פֿינצטערניש און האָבן קוים באַלויכטן די כוואַליעס פֿון דער נעכטיקער באַריקאַדע פֿון „רויטן נאַכטיגאַל". פֿון אַלע טויערן האָבן זיך געלאָזן העלע פֿלעקן לענגאויס די הײַזער צום אַרבעט־אָרט.

האַלץ איז צעפּיצלט געוואָרן. מיט אַ טראַסק איז געעפֿנט געוואָרן די טיר פֿון אַ בודקע. די געצײַג, וואָס איז געווען צוגעגרייט פֿאַר די גאַסן־אַרבעטער, איז שנעל אַוועק פֿון האַנט צו האַנט. „היי, כאַלעם ניט—נעם, שנעלער!" קירקעס, רידלען, העק האָבן געגרילצט אין אַספֿאַלט. אַלע ברעטער, שטאַנגען, וואָס זײַנען געלעגן אַרום, האָט מען מיטגענומען.

הערמאַן האָט צום אָנהייב געמיינט, אַז זיי זײַנען גאָר משוגע געוואָרן! ווען די קאַלאָנע מיט די מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן דאָס מאַטעריאַל, האָט מאַרשירט דורכן געסל—צווישן די שאָטנס פֿון די קלעצער און שטאַנגען זײַנען אַרומגעלאָפֿן די פֿרויען מיט זייערע לאָמפּן—האָבן די כעוודע מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו זינגען אויף קאָל, ווי זיי וואָלטן געווען אויף אַ דעמאָנסטראַציע אין לוסטגאָרטן.

„איר וואָלט עפּשער פֿאַרמאַכט די פּיסקעס!—איר רייצט אויף אונדזער קאָפּ אָן די פּאָליציי!" האָט מאָלע רעציכע געשריִען הערמאַן. ווי קאָן מען אין מיטן נאַכט אין דעם טויט־שטילן אַרומגערינגלטן קוואַרטאַל, וווּ מיט אַ פּאָר הונדערט מעטער ווײַטער שטייען עפּשער די קוילנוואַרפֿער פֿון דער פּאָליציי, אָנהייבן צו רעווען דעם „אינטערנאַציאָנאַל?!"

עס העלפֿט קיין זאַך ניט! ווי אַ פֿאַרטריקנטע דאָרשטיקע ערד זאַפּט אײַן זיך אַרײַן וואַסער, אַזוי האָט די מעלאָדיע געשפּרונגען איבער די מענטשן אינעם גאַנצן געסל. אין די שוואַרצע אָפֿענע פֿענצטער־לעכער זײַנען געלעגן פֿרויען, האָבן געשריִען און אַראָפּגעווינקט. פֿון די טויערן זײַנען זיי אָנגעלאָפֿן, די גאַנצע גאַס איז מיטאַמאָל פֿול געוואָרן מיט מענטשן, וואָס האָבן געזונגען און געלאַכט. די טאַנצנדיקע ליכט־פּונקטן האָבן אויף די ווענט געמאָלט לאַנגע, אייגע איבער די אַנדערע לויפֿנדיקע שאָטנס.

לעם זיך האָט הערמאַן דערזען אַן אַלטע פֿרוי, וואָס האָט מיט דער האַנט זאָרגזאַם געשיצט אַ קיך־לעמפּל פֿון די צוק־ווינט, ווי דאָס וואָלט געווען די וויכטיקסטע זאַך אין דער וועלט. איבערן [illegible] מפּ האָט זיך אײַנגעבויגן אַ העלער קרײַז פֿון אַן אַלטן פּאָנעם, אין וועלכן די אַ, האָבן אויסגעזען ווי צוויי טונקעלע שאָטנדיקע לעכער. די דינע בלוטלאָזע לי[illegible] האָבן זיך באַוועגט צוזאַמען מיט די זינגענדיקע.

„משוגע... אַבסאָליוט משוגע!" האָט געטראַכט הערמאַן, אָבער געמיינט האָט ער עפּעס גאָר אַנדערש...

★

ניט ווײַט פאר דער וויזנ־גאס איז די קאָלאָנע שטיינ געבליבנ. די קירקעס אונ די העק זײַנען ארונטערגעפלויגנ. קראכ... קראכ...! פונקענ האָבנ געשפריצט פונ די שטיינער. לינקס אונ רעכטס האָט מענ אפריִער אופגעריסנ דעם ברוק, אונ די שווע־רע שטיינערנע פלאטעס האָט מענ אונטערגעהויבנ מיט לאָמענ.

„האו ר ררוק... האו רוק...! פאָרזיכטיק, כאווײרים, היט די פיס!"

ררדומס...!

דרײַ יונגע ארבעטער זײַנען געקומענ פונ דער פינצטערניש פונעם געסל איג ליכטיקנ קרײַז ארײַנ מיט א שווערנ טלופ פונ א גאז־לאמטערנ אפ די אקסלענ.

„פאָרזיכטיק... מאכט פלאצ!" ...קררראכ. דער אײַזערנער סלופ איז געפאלנ קווער איבער דער גאס.

„דערלאנגט אהער פײַער... גרעטע, לײַכט זשע צו...!" די פרויענ מיט די לאָמפנ זײַנען געלאָפנ היג אונ צוריק.—פלוצלינג האָט זיכ דערהערט פונ דער וויזנ־גאס א טעמפער קורצער קנאל. א לײַכט־ראקעטע איז ארויס איג דער הויכ.

„אנידערלייגנ זיכ!" — האָט ווער אויסגעשריִענ. לאנגע סעקונדעס איז דער ראָג גאס געווענ פארטרונקענ איג העל גרינעם שײַנ. אז דער לײַכטנדיקער קויק האָט זיכ אָנגעהויבנ ארונטערלאָזנ, האָבנ לאנגע ציטערנדיקע שאָטנס זיכ אופגעהויבנ איבער די הײַזער. טרעשטשענדיק אונ רויכערנדיק האָט זיכ די ראקעטע אויסגעלאָשנ אפנ אספאלט ניט ווײַט פונ דער באריקאדע.—די פאָליציי האָט ארויסגעשיקט א פאטרול. נאָר מוירע האָבנדיק מע זאָל ניט אופדעקנ, וווּ זיי שטייענ, האָבנ די פאָליציאנטנ ניט געשאָסנ.

פאָרזיכטיק האָבנ זיכ דרײַ שאָטנס גערוקט פונ דער באריקאדע, צו דער סאמע וואנט צוגעדריקט, אָנ באוועגונג זײַנען זיי א ווײַלע געשטאנענ אפנ ראָג וויזנ־גאס. ארײַנגעוואָקסנ איג דער גרויקײַט פונ די מויערנ. א אומפאָרזיכטיקע באוועגונג אינעם אנטקעגנדיקנ פירהויז האָט פאראטנ דעם פאָליציי־פאטרול, וואָס האָט א פינקל גע־טאָנ מיט די ניקלענע קנעפ. די פײַערנ הינטער דער באריקאדע זײַנען פארשוווּנדנ. פענג... פענג...!

איג דעם פירהויז אנטקעגנ זײַנען צעבראָכנ געוואָרנ די שויבנ.—נאָכ א קורצנ שארפנ פײַער האָט זיכ די פאָליציי צוריקגעצויגנ. די ארבעט הינטער דער באריקאדע איז אוועק ווײַטער.

9

די שלאָג־אָפטיילונג

פונ דעם טונקעלנ פירהויז פונעם צירקל 95 זײַנען ארויסגעשווּמענ רונדע, גלאנ־ציקע שטאָלענע העלמס. צוואנציק, דרײַסיק... דער טיפער אײַזערנער ראנד האָט קיִמאט אינגאנצנ פארדעקט די יונגע פנימער.

א געזעצטע פיגור איג א גוט געפאסטנ אוניפאָרם האָט זיכ אָפגעטיילט פונ דער וואנט אונ איז ארויס א פאָר טריט פאָרויס.

די פּאָליציי־אָפּטיילונג איז געשטאַנענ טיפ אַרײַנגערוקט אינ שאָטנ פונ די טויערס אונ הײַזער. די שווײַגנדיקע פינצטערניש איז געווענ אומהיימלעכ, די דאָזיקע פּוסטקײַט פונ די גאַסנ, די שוואַרצע פענצטער־לעכער, וואָס בײַ זיי האָט מענ ניט געקאָנט אַפילו גענוי זענ, צי זיי זײַנענ אָפנ אָדער פאַרמאַכט,—די הויפנ אונ די הינטערשטע הײַזער פונ געסל זײַנענ געווענ פאַרגראָבנ אינעמ שאָטנ הינטער דער בריק...

צומ ערשטנ מאָל איז אַפ זייערע פּעסער געווענ אָנגעהאַנגענ שאַרפ געלאָדענע האַנט־גראַנאַטנ, בײַ יעדער באַוועגונג האָבנ זיי געפילט די הילצערנע הענטלעכ אַפ זייער בויכ.

דער אָפיצער איז צוריקגעקומענ. עטלעכע קורצע געשעפּטשעטע קאָמאַנדעס. מיט א שטילנ מעטאַלענעמ קנאַק זײַנענ די ביקסנ צומ שיסנ גרייט...

„צעשיטנ זיכ!"

אינעמ פינצטערנ לאָכ אַפ דער לינקער זײַט גאַס זײַנענ פּלוצלינג פאַרלאָשנ געוואָרנ די פײַערנ. „פאַרשאָלטענע מיסט... אָט האָבנ מיר א כאַוועריי...!" דער אָפיצער האָט אַרויסגעכאַפּט דעמ רעוואָלווער. זײַנ הייכע שאַרפע שטימע האָט צעשניטנ די שטילקײַט.

„פײַער...!!"

ברע...קק—א זאַלפּ פונ ביקסנ האָט א שמיצ געטאָנ אינ דער לאָכ אַרײַנ.

„שטורעמ... מאַרש... מאַאַאַרש!!"

שרײַענדיק האָבנ זיי זיכ א וואַרפ געטאָנ מיט אָפענע מײַלער אינ דער פינצטערער וואַנט אַרײַנ. „הע... העעע... פסנ...צבער פאַרבאַכנ...!"

פאַרנ אַרײַנגאַנג אינ געסל האָבנ אויפגעפלאַמט די הילכיקע אויפרײַסנ פונ די גראַנאַטנ. דאָס געסל, די ווענט, די דעכער, די גאַנצע אומהיימלעכע נאַכט זײַנענ אַפ אַמאָל לעבעדיק געוואָרנ. פונקנ האָבנ שטיינער אַראָפּגעקנאַלט אַפנ ברוק. עס האָבנ א לײַכט געטאָנ פײַערלעכ פאַר די דולעס. פונ דער פינצטערער לאָכ פונעמ געסל האָט שאַרפ א קלונג געטאָנ א צעצויגענער ווייענדיקער געשריי... פענג... פענג... טאַק־טאַק־טאַק־טאַק——— די קליינע קוילנוואַרפער האָבנ צעהאַמערט דעמ יאָמער פונ די מענטשנ.

בײַ דער בריק האָט זיכ צוויי מאָל נאָכאַנאַנד דערהערט דער סיגנאַל־פײַפ פונ אָפיצער. מיט קורצע שנעלע שפּרונגענ זײַנענ געקומענ צו לויפנ די פּאָליציאַנטנ אונ האָבנ זיכ אויפגעקליבנ באַמ ראָג גאַס. דער אָנגריפ האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ!

★

קורצ פאַר פיר אַזייגער האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אַנטשיידנדער אָנגריפ. אַכט פאַרמאַכטע טאַקסי זײַנענ איינע נאָכ די אַנדערע אינ א האַסטיקנ טעמפּ צוגעפאָרנ צו דער סאַמע באַריקאַדע. די פּאָסטנס אַפנ נעטלבעקפּלאַצ האָבנ דורכגעלאָזנ, ניט כוישעד זײַענדיק גאָרניט, די טאַקסי.

נאָכ איידער די אַרבעטער אַפ דער באַריקאַדע האָבנ באַוויזנ אַרונטער א פאַרדעקונג, זײַנענ פונ די אויטאָמאָבילנ אַרויסגעשפּרונגענ די געקליידעטע אינ ציוויל פּאָליציאַנטנ אונ אָנגעהויבנ ווילד צו באַשיסנ דאָס געסל. מיט די רעוואָלווערנ

אין די הענט האָבן זיי געצוווּנגען די דרײַצן אַרבעטער, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן זיי אין די הענט, אָפּצוראַמען די באַריקאַדע. די אַרעסטירטע האָבן זיי אויסגענוצט ווי אַ דעקונג קעגן די קוילן פֿון דעם געסל.

בײַ דעם ערשטן אָנגריף האָט קורט נאָך געהאַט אַ קליינקאַליבערדיקן רעוואָלווער— אין זײַנע ברייטע הענט מער אַ צאַצקע ווי געווער. דאָך האָט ער געהאַט דעם געפיל, אַז—ער האָט געווער און שטייט דאָ ניט אומבאַהאָלפֿן. אַז ער האָט זיך איצט געכאַפּט צום קעשענע, האָט ער געמוזט מיט קאַס פֿעסטשטעלן, אַז ער האָט די צאַצקע פֿאַרלאָרן פֿריִער בײַם שלעפּן די קלעצער. וועגן קריגן עפּעס אַן אַנדער שטיק איז איז געווען וואָס צו טראַכטן. אַלע קלאָלעס האָבן ניט געהאָלפֿן. איז כאָטש אַזוי טאָן ווי ער וואָלט... די באַנדע וועט שוין ציטערן, ווען מע וועט נאָר קנאַלן.

אײַנמיטן אָפֿן ליידיקן ברוק האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויף די קני, האָט אַרויסגענומען די פּיסטאָנעס און האָט זיי איינס נאָך דעם אַנדערן אויסגעלייגט פֿאַר זיך אויף אַן אַרויסגעריסענעם שטיין פֿון ברוק.

פּענג... עס האָט גאַנץ גוט געטרעשטשעט! דער נאָענטסטער—פּענג...! מיט דער צײַט האָט ער זיך אײַנגעניבט און האָט זיך אויסגעלערנט אופרײַסן דעם פּיסטאָן מיט אַ קליינעם שטיין אין האַנט. דרײַ, פֿיר שטיק האָט ער אָוועקגעלייגט לעם זיך... קראַך! דאָס האָט זיך שוין גאָר גוט געהערט.

ססססס... ט פּפּפּפּי... פּפּ קלאַטש! פֿאַרבײַ זײַן קאָפּ האָבן געפּײַפֿט די קוילן פֿון די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אָנגענומען די בליצן פֿון זײַנע פּיסטאָנעס פֿאַר רעוואָלווער־שאָסן און האָבן געעפֿנט אויף אים אַ ווילדן פֿײַער. ליִנקס און רעכטס האָט דאָס בלײַ געשפּריצט אין ברוק.—קורט איז איינער אַליין געזעסן אײַנמיטן געסל און האָט אופגעריסן די פּיסטאָנעס. ווי אָפֿן יאַריד, ייאָס מער זיי האָבן געשאָסן, אַלץ ווילדער איז ער געוואָרן. אין געסל איז געווען אַזוי שוואַרץ כוישעך, אַז זיי האָבן אים געקאָנט טרעפֿן נאָר צופֿעליק. ער האָט ניט געפֿילט, אַז ער האָט שוין אויף ביידע הענט שוואַרצע אויסגעברענטע ווונדן. ער האָט בכלל קיין זאַך ניט געזען, נאָר ער פֿלעגט הערן דעם קנאַל פֿון זײַנע פּיסטאָנעס. קנאַלן איז געווען די הויפּטזאַך, אַזוי לאַנג ווי ער קנאַלט וועט די כעווראַ ניט דערוואַגן זיך אַרײַנצוקומען אין געסל· וועט זיך די פּאָליציי דאָרטן פֿאָרנט פֿעסט באַזעצן, איז אַלץ געענדיקט. קיין מענטש וועט שוין זיך ניט אַרויסכאַפּן פֿון דער דאָזיקער פֿאַרשאָלטענער פּאַסטקע...!

אין 15 מינוט אַרום האָט זיך די פּאָליציי מיט די געפֿאַנגענע צוריקגעצויגן פֿון דער האַלב צעשטערטער באַריקאַדע, אָבער נאָר אויף אַזוי ביל, אַז זי האָט געקאָנט פֿון די אַרומיקע הײַזער פֿון דער וויזן־גאַס האַלטן אונטער אַ פֿײַער דעם אַרײַנגאַנג אין געסל.

אויף יעדן שאָטן, וואָס האָט זיך הינטער דער באַריקאַדע באַוועגט, האָבן געהאַמערט ווילד די קליינע קוילנוואַרפֿער.

אַדאַנק דעם ביטערן אָנפֿאַל מיט די אויטאָמאָבילן איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען אָן קיין שום ווידערשטאַנד די וויכטיקסטע פּאָזיציע פֿון די אַרבעטער.

10

ערשטע שײַנ...

„בערגער, פארוואָס זײַנענ נאָכ ניטאָ קיינ באריכטנ?"

„עס איז נאָכ איצט צענ מינוט פאר זעקס, הער פרעזידענט", האָט געענטפערט דער באאמטער אונ האָט זיכ אביסל אויסגעגליכנ אינ זײַנ שטול. פאר אימ זײַנענ געשטאנענ א ריי טעלעפאָנ־אפאראטנ, וואָס איינער פונ זיי איז געווענ דירעקט פארבונדנ מיטנ פאָליציי־פרעזידיומ אפ אלעקסאנדער־פלאצ.

אינ גרויסנ מיט קאָמפאָרט אײַנגעאָרדנטנ צימער האָט דער פאָליציי־פרעזידענט ווידער אָנגעהויבנ זײַנ אומרויִקנ שפאציר איבערנ טעפעכ. נאָכ אונ נאָכ אמאָל איז ער בא דער טיר געבליבנ שטיינ אונ האָט זיכ צוגעהערט צו די שטילע שטימעס פונ די וואכ־פאָליציאנטנ, וואָס שטייענ פונ עטלעכע טעג אינ דער ווילע צעלענדאָרפ. ער וואָלט אמליבסטנ אָנגעשטעלט דעמ ראדיאָ־אופנעמער אָדער געלאָזנ שפילנ דעמ גראמאָפאָנ, נאָר קעדיי צו ארײַנברענגענ א גערויש אינ דערדאָזיקער שטילקײַט אונ מאכנ זיכ קירצער די נאכט.

דער באאמטער באמ טעלעפאָנ איז שוינ ווידער געשלאָפנ.

מיט א האלבע שאָ צוריק האָט דאָס אינערנ־מיניסטעריומ שוינ צומ דריטנ מאָל אינ דערדאָזיקער נאכט פאָרגעלייגט לאָזנ אינ גאנג די צוגעגרייטע רײַכסווער־פאָרמאציעס, נאָר ער האָט עס אָפגעוואָרפנ. אונ טאקע, דער פאָליציי־קאָמענדאנט האָט אימ קורצ נאָכ האלבע נאכט צוגעזאָגט, אז ביז אינדערפרי, דעמ דריטנ מײַ, וועט יעדער ווידערשטאנד געבראָכנ ווערנ. מיט צענ מינוט שפעטער האָט דער אווטאָמאָביל פונ דעמ קאָמענדאנט, וואָס האָט געהאט אינ קעשענע אלע פולמאכטנ, פארלאָזנ די ווילע אונ ביז איצט קאָנ מענ פונ אלעקסאנדער־פלאצ ניט דערשלאָגנ זיכ קיינ קלאָרע אינפאָרמאציע. עפשער וואָלט ער בעסער אליינ צופאָרנ...? אָבער דער קאָמענדאנט האָט אבסאָליוט ניט געוואָלט הערנ וועגנ דעמ.

ער האָט נערוועז אוועקגעלייגט א ציגאר.

„בערגער,—ווי שפעט איז"

דער באאמטער האָט זיכ א כאפ געטאָנ. „צוויי מינוט פאר זעקס, הער פרעזידענט". אינ א ווײַלע ארומ האָט ער צוגעגעבנ: „עפשער וואָלט דער הער פרעזידענט אויסגעטרונקענ א גלאָז שטארקע קאווע?" ער האָט דערבײַ אינ שטול זיכ פארבויגט פארנ שעפ. ערשט, אז ער האָט געזענ, אז דער פרעזידענט לייגט אפ דעמ גאָר קיינ אכט ניט, האָט ער זיכ צוריק שטיל ארײַנגעזעצט איג זײַנ שטול.—וועט אלצ גיינ גוט, האָט ער געטראכט, וועל איר קריגנ מיסטאָמע אפ צוויי טעג א ספעציעלנ אורלויב. אגעוו וואָלט איכ איצט ניט וועלנ שטעקנ אינ זײַנ חוימ! ווי איז דאָס אימ אפנ הארצנ... א שיינער סאָציאל־דעמאָקראט!.. זײַנע געדאנקענ האָבנ זיכ שוינ ווידער אָנגעהויבנ צונויפמישנ.

די ברייטע פיגור פונעמ פרעזידענט איז געשטאנענ באמ פענצטער. ער האָט אָפגערוקט דעמ ברייטנ שווערנ סאמעטענעמ פאָרהאנג אפ א זײַט. דער ערשטער גרויבלויער קאלטער שײַנ פונעמ פרימאָרגנ האָט דורכגעקוקט דורכ די הויכע פענצטער

און האָט זיך צונויפגעמישט מיטן גאָלד־געלן שייַן פון די עלעקטרישע קאַנדעליאַבערעס אין אַן אומאָנגענעמען טויטן שייַן.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען.

דער באַאַמטער האָט אַ שפרונג געטאָן און האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טעלעפאָן. די קלינגערייַ האָט טייקעף אויפגעהערט.

„האַלאָ... האַלאָ... יאָ, צימער פונעם הער פּרעזידענט!" — יאָ, איך שרייַב... יאָ..! יאָ... טייקעף!" דער באַאַמטער האָט זיך אומגעדרייט, האַלטנדיק דאָס טרייַבל אין דער האַנט:

„הער פּרעזידענט, באַם אַפּאַראַט איז די גרופּן־קאָמאַנדע צאַפּן — די אַקציע האָט זיך מיט פינף מינוט צוריק אָנגעהויבן!"

דאָס מידע פּאָנעם פונעם פּרעזידענט איז געוואָרן ליכטיקער — ער האָט געשמייכלט.

★

פון דער גאַס האָט געדונערט דער האַרטער גערויש פון די פּאַנצער־אַוטאָמאָבילן.

— טאַק... טאַק... טאַק... טאַק... דררררטאַק...! די קורצע פּאַרשפּיצטע בילערייַ פון אַ קוילנוואַרפער. פון די גרויע שמוציקע ווענט פון פירהויז האָט זיך געשאָטן קאַלך און שטויב.

שטאָלענע העלמס און ניקלענע קנעפּ האָבן געפינקלט אינעם געמיש פון נעבל און פּולווער־רויך. אַ פּאָליציאַנט איז פאַרבייַגעפלויגן מיט אַן אויפגעהויבענעם ביקס. אין געסל האָט געשוויבלט מיט וויַעגדיקע און שיסנדיקע פּאָליציאַנטן.

אַ הויז נאָך אַ הויז איז פאַרנומען געוואָרן, די וווינונגען דורכגעזוכט געוואָרן, אַלמערס אויפגעריסן געוואָרן, די קינדער אַרויסגענומען פון די בעטן, די מאַטראַצן אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע. ווו זייַנען די רויטע? ווו איז זייער געווער? די פרויען זייַנען געשטאַנען אין זייערע וווינונגען לעם די פּאָליציאַנטן, האָבן זיך אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט אין די זייַטן און האָבן געהאַלטן מויל, אַ וואָרט האָט מען פון זיי ניט געקאָנט אַרויסקריגן.

„איר קאָנט זיך זוכן אייַערע „דאַך־שיסערס", אויב איר ווילט זיי קריגן!"

„ווו איז אייַער מאַן?"

„איך ווייס, ווו ער איז? איך דאַרף אים היטן? וואָס?"

„האָט איר געווער אין וווינונג?"

„געוויס... מעסער און גאָפּל, און אַ קאָך־לעפל אויך!"

„פאַרשאָלטענע באַנדע!"

לעם פּאַנצער־אַוטאָמאָביל, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם הויז נומער 6, איז געשטאַנען דער דעפּוטאַט ג. אין זייַן גרויסן שוואַרצן הוט און האָט פּראָטעסטירט קעגן די ווילקירלעכע אַרעסטן. זייַן אָנוועזנהייט האָט געשיצט די אַרעסטירטע פון פּייַניקונג און קלעפּ דירעקט דאָ אויף דער גאַס. די פּאָליציי האָט געכאַפּט אָן אַן אויסוואַל אַלעמען, וועך עס איז איר געקומען אונטער די האַנט. זיי האָבן דאָך ניט געקאָנט ווייַזן פאַר בערלין דעם שפּיל וויאַזוי אַ הייפל פּראָלעטאַריער האָבן אין משך פון דרייַ טעג געשטעלט אַ ווידערשטאַנד טויזנטער פּאָליציאַנטן, באַוואָפנטע מיטן מאָדערנסטן געווער?

„די כעווריע זײַנען נאָך אינעווייניק, הער דעפּוטאט... און מיר וועלן זיי שוין ארויסקריגן, איר קאָנט זיך פארלאָזן!“

מיט רעציכע האָט זיך דער אָפיצער ווידער א לאָז געטאָן אין נאָענטסטן הויז. ער וואָלט נאָך עפּשער גראדע געפּאקט קורטן, ווען ער וואָלט ניט פאר דעם אזוי גערעוועט.

קורט האָט געקענט דאָס געסל מיט זײַנע הויפן און דורכגאנגען ווי זײַן קעשענע פון קאמיזעלקע. פון הויז צו הויז איז ער געלאָפן. שטענדיק, ווען ער פלעגט זען אז דאָס הויז וועט באלד ארומגערינגלט ווערן, פלעגט ער זיך אריבערפּעקלען אין שכײנעסדיקן הויז ער האָט געהערט דעם קאָל פון אָפיצער, האָט קוים באוויזן איבערשפּרינגען דאָס קלײנע הויפל, מיט אײן שפּרונג איז ער געווען אפן מיסט־קאסטן און אריבער איבער דער וואנט. ווען ער איז אראָפּגעפאלן אפ דער צווייטער זײַט, זײַנען די קוילן פונעם אָפיצערס רעוואָלווער אָפּגעשפּרונגען פון דער וואנט. קאלך און מיסט האָבן אים פארשאָטן.

איצט האָבן זיי אים געזען. אין א פּאָר מינוט ארום וועט מען אויך דאָס הויז דורכזוכן. ער האָט געוווסט, וואָס איז פאָרגעשטאנען, ווען זיי פּאקן אים. די פּאָליציי האָט אים צו גוט געקענט.

מיט א פּאָר שפּרונגען איז ער דעראָפּן צום קעלער, מיט אײן שפּרונג איז ער אראָפּ פון די טרעפּ. פון לינקס האָט געווינט א סימפּאטיקער, רעכטס איז אינדערפינצטער געווען א קלײנע נידעריקע טיר, פאר א מענטשן א זײַטיקן קוים צו באמערקן. ער האָט געהערט שוין די גענעגלטע שטיוול אפן הויף, פאר דער טיר פון קעלער האָט ער אָנגערוקט פארשיידענע שמאָכטעס, וואָס ער האָט געפונען ארום און האָט שטיל פארמאכט הינטער זיך די טיר. „אָדער איך בין געראטעוועט, האָט ער געטראכט, אָדער אין א פּאסטקע“.

ער האָט א ציטער געטאָן. עפּעס האָט זיך באוועגט. ער האָט געהאט א באשטימטן געפיל, אז ער איז ניט אלײן אין דער ענגער לאָך, וואָס האָט נאָר אויבן א שמאָל פענצטערל מיט א צעבראָכענעם שמוציקן שײַבל. מיט אופגעהאלטענע אָטעמס האָבן צוויי געלויערט אײנער אפן אנדערן. קײנער האָט זיך ניט באוועגט. לאנגזאם האָט זיך קורט צוגעוווינט צו דער פינצטערניש. אין א ווינקל איז געזעסן אן אומבאוועגלעכער טונקעלער קלומפּן.

אפן הויף האָט מען געשאָסן, א שויב איז געפאלן אפן ברוק און צעבראָכן געווארן. דאָס פענצטערל איז פּלוצלינג פינצטער געוואָרן, אימיצער איז געשטאנען פאר איר.

„דער הונט מוז דאָ ערגעץ ווו זײַן“, האָט א געשריי געטאָן א פּאָליציאנט.

טריט זײַנען געקראָכן איבער דער קעלער־טרעפּ אראָפּ. קורט איז נאָך אלץ געשטאנען צוגעדריקט צו דער טיר, ער האָט געהערט דאָס סאָפּען פון די פּאָליציאנטן הינטער דייער טיר. דער שווארצער קלומפּן אין ווינקל האָט זיך צוגעהערט אומבאוועגלעך.

[illegible]יר האָט מיטן שטיוול א זעץ געטאָן אין דער טיר פון דער אנטקעגנדיקער וו[illegible]ן... עפענען, פּאָליציי!“

שטימע פון א פרוי, וואָס האָט זיך געזידלט, האָט אָפּגעענטפערט, די טיר האָט זיך א עפן געטאָן. „וואָס פארלאנגט איר... דאָ איז קײנער ניטאָ... מײַן מאן איז אין דער האלע!“

אפילע די פּאָר שטיק מעבל האָבן זיי אָפּגערוקט.—שילטנדיק זײַנען זיי אין פֿינף מינוט ארום צוריק אַרויס פון קעלער.

„סט'געהאט מאזל, וואָס?" האָט געשעפּטשעט דער קלומפּן אין א ווײַלע ארום.— דאָס איז געווען א היימלאָזער, וואָס האָט דאָ זײַן קווארטיר אײַנגעאָרדנט. וואָלטן זיי אים דאָ געפּאקט, וואָלטן זיי אים דערהייבן ביז צו דער מאדרייגע פון א „בונטאָווששיק" ווי יעדן אנדערן, וואָס האָט זיך זיי געמאכט אונטער די הענט אין דעם פּרימאָרגן.

אין דרויסן האָט מען נאָך אלץ געשאָסן. אף דעם מאָמענט איז קורט געראטע־ וועט!

ער האָט זיך אנידערגעזעצט אף א קאסטן, האָט פארגראָבן זײַן מידן פּאָנעם אין די הענט און האָט געפּרוווט טראכטן. ווו איז הערמאן... ווו איז אנא?... ווו זײַנען די אלע אנדערע? באצײַטנס אנטלאָפן אָדער זיי זײַנען שוין אין די הענט פון דער פּאָליציי, ווי אנא...?! וואָס קומט איבערהויפּט איצט פּאָר אין דרויסן? פארוואָס שיסן זיי נאָך אלץ... אף וועמען אייגנטלעך?—און... וואָס וועט איצט זײַן? עס קאָן דאָך ניט דאָס אלץ אזוי גלאַט פארבײַגיין. מאָרגן וועלן די צײַטונגען ווידער ליגנס שרײַבן... מאָרגן? ריכטיק... מאָרגן וועט ער מוזן צוריקגיין צו דער בוווּנג, שלעפּן בע־ טאָן.—וועלן די ארבעטער אין בערלין זײַן אײנפּאך שטיל?... מע מוז דאָך איצט טײַ־ קעף גיין... אופטרייסלען, אופקלערן, זאָגן, ווי איז אלץ פּאָרגעקומען...—די סאָציאל־ דעמאָקראטישע ארבעטער דערציילן!... דער אלטער טעליע אף דער בוווּנג... וואָס וועט ער טאָן איצט!..

פלוצלינג איז אים געוואָרן צו ענג אין דעם פארדומפּענעם קעלער. ער מוז ארויס פון דער לאָך...

„ביזטו מעשוגע?" האָט געזאָגט דער צווייטער. „וווהין ווילסטו גיין?"

„זוכן די כאוורים!" האָט פּאָשעט געענטפערט קורט און האָט אופגעעפנט די טיר פון קעלער...

11

„דער פּאָליציי־פּרעזידענט טיילט מיט..."

3־טער מײַ 1929 („פאָרווערטס"):

„דער פּאָליציי־פּרעזידענט טיילט מיט: דער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט די צײַטונ־ גען „די ראָטע פּאָנע" און „דאָס פאָלקס־עכאָ" אפן גרונט פון דעם פאראגראף 7, פּונקט 4 און 21, פארבאָטן אף דרײַ וואָכן ביז דעם 23 מײַ, ווײַל דידאָזיקע צײַטונגען האָבן מיט טאט אונטערשטיצט דורך זייער אויפן פון שרײַבן די שטרעבונגען פון דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פּארטיי אונטערצוגראָבן די פעסטגעשטעלטע דורך דער קאָנסטיטוציע מעלוכע-אָרדענונג".

4־טער מײַ 1929 (עקסטרע אויסגאבע).

„קעדיי צו באזײַטיקן די אומרוען אין וועדינג און נײַקעלן, ווו נעכטן אין אָוונט און אין מעשעך פון דער נאכט זײַנען ווידער פאָרגעקומען שווערע צוזאמענ־ שטויסן, האָב איך אָנגענומען פאָלגנדיקע מיטלען:

פון 9 אין אָוונט ביז 4 אינדערפרי איז פאַרבאָטן יעדער מין באַוועגונג אין די אויסגערעכנטע גאַסן. אויסנאַמען זײַנען דערלאָזן נאָר פאַר דאָקטוירים, פאַר אַקושער־קעס און פאַרן סאַניטאַרן פּערסאָנאַל. עס איז פאַרבאָטן צו שטיין אין פירהײַזער, אין די טויערן, אין די הויז־נישעס. די פענצטער, וואָס גייען ארויס צו דער גאַס, מוזן אין דער צײַט זײַן געשלאָסן. עס טאָר אויך ניט ברענען קיין פײַער אין די צימערן, וואָס גייען ארויס צו דער גאַס. די אייגנטימער פון די וווינונגען, וואָס וועלן זיך ניט אונטערוואַרפן, בלײַבן אונטער א געפאַר, אַז די פּאָליציי וועט עפענען א פײַער אַפ די פענצטער פון דער גאַס.

באַטאָג טאָרן אין די אָנגעוויזענע באַצירקן און גאַסן קיינער ניט שטיין בלײַבן אין די פירהײַזער, הויז־נישעס, טויערן. די פּאָליציי וועט באַזונדער אַפ דעם אַכטונג געבן, אַז קיינער זאָל ניט בלײַבן לענגער אַפ דער גאַס איידער עס איז אומבאַ־דינגט נייטיק. פּערזאָנען, וואָס וועלן זיך באַוועגן אַפ דער גאַס אָן א פעסטן ציל, וועלן אַרעסטירט ווערן. דאָס צוזאַמענגיין פון דרײַ אָדער מער פּערזאָנען איז ניט דערלויבט. עס איז פאַרבאָטן די באַוועגונג אַפ וועלאָסיפּעדן. די גאַסט־הײַזער, וואָס געפינען זיך אין די דערמאָנטע באַצירקן, מוזן 9 אַזייגער געשלאָסן ווערן...

אַלע פּערזאָנען, וואָס פאָלגן ניט דידאָזיקע באַשטימונגען, שפּילן מיט זייער לעבן.

דער פּאָליציי־פּרעזידענט.

(שטעמפּל). אונטערגעשריבן: צערגיבעל".

בערלין, דעם 3־טן מײַ 1929.

צו דער

אָנפירונג פון רפב (רויטער־פראָנטקעמפער־בונד).

פאַראָרדענונג!

אַפן סמך פון פּאַראַגראַף 14 אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּאַראַגראַף 7 פונעם געזעץ וועגן שוץ פון דער רעפובליק פונעם 21 יולי 1922, יוני 1927 (רגב 1. אי. זײַט 585, זײַט 125) אין פאַרבינדונג מיט דער פאַראָרדענונג וועגן אויספירן דעמדאָזיקן געזעץ פון 12 פעברואַל 1926 (רגב 1. 1., זײַט 100) און אַפן סמך פונעם פּאַראַגראַף 2 פון מעלוכע־געזעץ וועגן פאַראיינען פון 19 אַפּרעל 1908 (רגבל. זײַט 151) אין פאַרבינדונג מיט דעם פּאַראַגראַף 129 פון דעם מעלוכישן קרימינעלן קאָדעקס ווערט מיט דער צו־שטימונג פון דער רעגירונג פון דײַטשלאַנד (זעווערינג, מילער, הילפערדינג און וויסעל — דער פּראָפעסער) פאַנאַנדערגעלאָזן אַפ דעם געביט פון דער פרײַער מעלוכע פרײַסן דער רויטער פראָנטקעמפער־בונד צוזאַמען מיטן רויטן יוגנט־פראָנט און מיט דעם רויטן פלאָט און מיט אַלע זײַנע אײַנריכטונגען, ווײַל פון זײַן באַנעמען זיך איז צו זען, אַז זײַן צוועק געפינט זיך אין ווידערשפּרוך מיט די אויבן אָנגעוויזענע געזעצלעכע באַשטימונגען. דא[illegible]ענג פון די אָרגאַניזאַציעס ווערט אַפן סמך פון פּאַראַגראַף 18 פונעם געזעץ [illegible] פאַר דער רעפובליק און דעם פּאַראַגראַף 3 פונעם געזעץ פון 22 מאַרט [illegible]נפיסקירט לטובֿת דער מעלוכע.

דורכפירונג פון דער קאָנפיסקאַציע געהערט די אָרטיקע פּאָליציי־פאַרוואַל־[illegible]גען.

(שטעמפּל) אונטערגעשריבן: גרזשעזשינסקי.

★

דעם 12 מײַ האָט דער קאָמיטעט פֿונעם צאָפּן־דײַטשישן אונטערבאַצירק פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באַקומען די מיטיילונג, אַז דאָס קעמערל פֿון קעזלינער גאַס האָט אין דער פֿאַרגאַנגענער וואָך אַרײַנגענומען 180 נײַע מיטגלידער פֿון די אײַנוווינער פֿון דער גאַס. די 5 ברידער פֿון דורך דער פּאָליציי געשאָסענעם אַרבעטער שפּער זײַנען אויך אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי און האָבן באַם קיווער פֿון זייער ברודער אָפּגעגעבן אַ פֿײַערלעכע שבֿועה וועגן נעקאָמע. דאָס געסל איז פֿון דער באַפֿעלקערונג באַפּוצט געוואָרן מיט טרויער־פֿאָנען.

★

24 מײַ 1929 (צײַטונג־באַריכט):

די אָרטיקע גרופּע בערלין־לאַנקוויץ פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־יוגנט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט אויסגעשלאָסן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּאַרטיי־מיטגליד אָטאָ מיקע פֿאַר זײַן באַטייליקן זיך אין דער מײַ־דעמאָנסטראַציע. אין דער רעזאָלוציע לייענען מיר צווישן אַנדערן: „מיר באַווילקן דעם אָנטייל פֿון אונדזער קאָמיטעט־מיטגליד און פּאַרטיי־פֿאָרטרעטער אין דער מײַ־דעמאָנסטראַציע. די העצע, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע האָט נאָך די בלוטיקע געשעענישן דעם 1־טן מײַ אויפֿגעהויבן קעגן די דעמאָנסטרירנדיקע אַרבעטער, איז געווענדעט אויך קעגן אונדז. מיר זעען אײַן אין דעם פֿאַרבאָט צו דעמאָנסטרירן (צערגיבעל ס.—דער פּאָליצײַ־פּרעזידענט) ניט קיין אײנצלנע דערשײַנונג, נאָר אַ נײַעם באַווײַז דערפֿאַר, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער פֿאַרטיידיקן אַלץ ווייניקער די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער און אַלץ מערער די אינטערעסן פֿון די אונטערנעמער. מיר דריקן אויס אונדזער צאָרן קעגן דערדאָזיקער אַנטוויקלונג פֿון דער ספּ״ד און דערקלערן דערמיט דעם אַרויסטריט פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־יוגנט״.

באָכום, דעם 24 מײַ (אייגענער טעלעגראַפֿישער באַריכט).

„דער מיטגליד פֿונעם געמיינדע־ראַט פֿון דער געמיינדע ווערנע בײַ באָכום און דער לאַנגיאָריקער פּאָרזיצער פֿון דער אָרטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע, הוגאָ עקמאַן, האָט אָפּגעשיקט אין דער רעדאַקציע פֿון דער קאָמוניסטישער צײַטונג „רור־עכאָ״ זײַן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּאַרטיי־בילעט מיט אַ באַקאָשע וועגן אויפֿנעמען אים אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אַן אַרטיקל צום פֿאַרעפֿנטלעכן, וווּ ער באַגרינדעט פּאָליטיש זײַן שריט. עקמאַן איז אַ מיטגליד פֿון דער ס.־ד. פּאַרטיי פֿון 1־טן אָקטיאַבער 1904, דאָס הייסט שוין 25 יאָר.

26 מײַ 1929 („פֿאָרווערטס״):

(צו דער דערעפֿענונג פֿונעם מאַגדעבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּאַרטיי־קאָנגרעס)

„... אָזויווי די אומצופֿרידנקייט געהערט צום וועזן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועט זיכער, ווי טאָמיד, הערשן אַן אומצופֿרידנקייט מיט די רעזולטאַטן פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרישער פּאָליטיק. אָבער אין די רייען פֿון דער פּאַרטיי איז ניטאָ אַפֿילו קיין שפּור פֿונעם געדאַנק, אַז די זאַך פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט וואָלט געקאָנט בעסער דורך אַן אַנדער פּאַרטיי, גרופּע אָדער סעקטע דורכגעפֿירט ווערן, קאָן ווער ווינטשן

פון דער פארטײ אנדערע האנדלונגען בא געװיסע געלעגנהײטן װי איצט, "אָבער אלעמען פאראײניקט די איבערצײַגונג, אז נאָר זי איז בארופן צו דערפירן די זאך פון דער ארבעטערשאפט צום זיג.

פרידריך שטאמפער".

12

סאָף און אָנהײב...

װען קורט צימערמאן איז אין אָװנט דעם 28 מײַ געקומען אהײם און דאָס קיך־פענצטער װי אלעמאָל אין דער צײַט, װען ער פלעגט קומען אהײם, איז געװען פינצ־טער, האָט אים אָפגעשטעלט הערמאנס פרױ. א בריװ איז פאר אים געקומען מיט א פאָליצײַישן שטעמפל. זי האָט דאָס געהערט פון דעם בריװ־טרעגער. אפן הױף איז שױן געװען צו טונקל, זי זאָל קאָנען דערזען די פלוצלינגדיקע ענדערונג אין זײַן פּאָנעם. ניט ענטפערנדיק איר, איז ער פארשװוּנדן אין נידעריקן אריַינגאנג צו זײַן װױנונג. דער װײַסער גאז־לאָמפּ אין דער קיך האָט געציטערט אביסל אין זײַנע הענט, װען ער האָט אים אָנגעצונדן...

א שמאָלער קלײנער קאזיאָנער קאָנװערט, ער האָט אופגעהױבן דעם בריװ קעגן שײַן, װי װען מען װאָלט געקאָנט עפּעס זיך דערװיסן אזױ ארום. עס האָט געדױערט באַך א פאָר מינוט—דערנאָך האָט הערמאן אופגעריסן דעם קאָנװערט:

ספּיסע־לאזארעט בערלין
לערטער גאס
טאָגבוך נומער 29/126/3
אָפּטײלונג AI

בערלין, דעם 27 מײַ 1929

דעם הער
קורט צימערמאן בערלין נ.
קעזלינער גאס 6

אלס ענטפער אף אײַער שריפטלעכער באקאָשע פון 6 מײַ זײַנען מיר אײַך מוי־דיע, אז די ארעסטירטע אנא צימערמאן געבױרענע בערטאָלד, װאָס װױנט בערלין נ. קעזלינער גאס 6, געפינט זיך איצט אין ספּיסע־לאזארעט בערלין, לערטער גאס, אָפּטײלונג ג., זאל 4, בעט 32.

באקאָשעס װעגן א באזוך דארף מען מיט דרײַ טעג פריִער אָנגעבן אין אינספּעק־ציע פון דער ספּיסע בערלין־מאָאביט, לערטער גאס.

די פארװאלטונג פון דעם ספּיסע־לאזארעט
(שטעמפּל) אונטערגעשריבן: הערמאן, יוסטיץ־װאכמײַסטער

אז אין א שאָ ארום, װען הערמאנס פרױ, װאָס האָט די לעצטע צײַט געזאָרגט אביסל װעגן קורטן, האָט א קוק געטאָן דורכן קיך־פענצטער, האָט זי דערזען, אז קורט זיצט באַם טיש און קוקט א פארגליװערטער אפן טיש, װוּ דער בריװ איז געלעגן...

מיט דרײַ טעג שפּעטער.

א באַאמטע פונ דער טפּיסע פירט ארײַנ קורטנ אינ א לאַנגנ צימער, לינקס אונ רעכטס א ריי געדיכטע אָנגעשטעלטע גרויע בעטנ מיט פּרויענ, וואָס די באַאמטע האָט טייקעף גערופנ צום אָרדענונג, ווײַל דערזעענדיק קורטנ האָבנ זיי זיכ אופגעהויבנ אינ בעט אונ געקוקט אפ קורטנ. קורטס בליק האָט געבלאָנדזשעט פונ פּאָנעם צו פּאָנעם, האָט זיכ א רעגע פארהאַלטנ אפ דעם פענצטער מיט די גראַטעס אונ האָט ווײַטער געזוכט. אינ א בעט איז געלעגנ א פרוי מיט אַנ אופגעדרייטנ שמוציקנ האַנטעכ, וואָס זי האָט געוויגט, ווי זי זאָל האָבנ אינ האַנט א קינד. איר ווײַס פּאָנעם האָט געהאַט אַנ אומענדלעכ גליקלעכ אויסדרוק, אירע שטילע אומפארשטענדלעכע ווערטער זײַנען געווענ ליבע־ווערטער פארנ קלוימערשטנ קינד, אונ אירע הענט האָבנ מיט אומענדלעכער ווייכקײַט געגלעט דעם האַנטוכ. די פרוי דערבײַ האָט הינטער דער פּלייצע פונ דער באַאמטער א קלאַפּ געטאָנ א פינגער אינ שטערנ מיט א כוצפּעדיקנ פארטרוילעכנ זשעסט צו קורטנ. הינטער זיכ האָט ער דערהערט א קורצנ געלעכטער פונ א פרוי. בא דער לעצטער בעט רעכטס איז די באַאמטע געבליבנ שטיינ.

„זי האָט הײַנט צום ערשטנ מאָל ניט קיינ פיבער", האָט זי געזאָגט צו קורטנ, א ניט וואָלט איר געוויס ניט באַקומענ קיינ דערלויבעניש צו באַזוכנ. איר האָט צענ־מינוט!"

קורט האָט ניט געהערט, וואָס זי זאָגט, ער האָט נאָר געזענ דאָסדאָזיקע שמאָלע בלוטלאָזע געזיכט אפנ קישנ, מיט די אײַנגעפאלענע שלייפנ, אפ וועלכנ די בלויע אָדערלעכ זײַנענ געלעגנ ווי אונטער א דינע שײַבעלע. פונ צוויי שאָטנדיקע רינגענ אונטערנ שטערנ האָבנ ארויסגעקוקט צוויי אויגנ, אינ וועלכע עס איז געווענ עפּעס נײַס, פרעמדעס.

דאָס איז געווענ—אַנאַ?!

זי איז הײַנט דעם ערשטנ מאָל געווענ באַם קלאָרנ פארשטאַנד. לאַנגע טעג אונ נעכט איז זי געלעגנ אינ א שטאַרקנ נערוונ־פיבער. זי האָט ביכלאַל ניט געוווּסט ווי קומט זי אַהער. קורט האָט געהאַלטנ אירע דינע מאָגערע טרוקענע הענט אזוי פּאָרזיכטיק צווישנ זײַנע פינגער, ווי זיי וואָלטנ געווענ פונ בלוילעכנ לײַכטנ פּאָרצעלײַ.

א פּאָר מאָל האָט די באַאמטע געפּרוווט איבעררײַסנ דעם געשפּרעכ, אַנאַ פלעגט אלץ ווידער אָנהייבנ צו ריידנ וועגנ די מענטשנ אינ געסל. זי האָט קיינ צײַטונגענ ניט געלייענט, נאָר הײַנט אינדערפרי האָט זי פונ א נײַער אינ זאַל זיכ דערוווּסט, וואָס איז אינ בערלינ פּאָרגעקומענ נאָכ איר ארעסט, אויכ, אז אַנ אדוואָקאַט פונ דער פּארטיי האָט געזאָרגט דערפאר מע זאָל זי איבערפירנ אינ לאַזארעט. צום ערשטנ מאָל האָט זי אביסל געשמייכלט, ווענ זי האָט דערציילט קורטנ, אז מע באַשולדיקט זי אינ א בונט אונ ווידערשטאַנד קעגנ דער מעלוכע־מאַכט.

„אָבער, אַנאַ. דאָס איז דאָכ א ריינע מעשוגאַס..!"

„ניינ, באָכער... איכ בינ פריִער געווענ זייער נאַריש. אָבער פארוואָס האָסטו דאָס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט? איכ האָב אויכ געטראַכט, אז דאָס אלץ האָט ניט צו טאָנ מיט „ווידערשטאַנד קעגנ מעלוכע־מאַכט". צי ווייסטו, אז צום אָנהייב בינ איכ געגאַנגענ נאָר צוליב דעם, וואָס איכ האָב מוירע געהאַט פאר דיר. אונ דערנאָכ—איז דאָס אלץ אנדערש געוואָרנ. איכ האָב ניט געוווּסט, אז דער „ווידערשטאַנד" קעגנ דערדאָזיקער מעלוכע־מאַכט, קעגנ דערדאָזיקער מעלוכע, וואָס איכ האָב אלעמאָל

געהאלטנ פאר עפעס „נייטראלס”, וואס שטייט איבער די פארטייענ, דערדאזיקער „ווידערשטאנד” געהערט אויכ צומ קלאסנ־קאמפ. באכער, איכ האב זיכ דערוווסט, אז יעדער קאמפ פונ די ארבעטער פאר זייערע רעכט מוז זײַנ א קאמפ קעגנ דער־דאזיקער מעלוכע. ווענ זיי האבנ אינ צירקל דעמ קליינעמ ווילי געשלאגנ צומ טויט— קורט, דאנ האב איכ באגריפנ וואס הייסט „מעלוכע־מאכט!”

„איר טארט דאס ניט ריידנ, פרוי צימערמאנ”, האט איבערגעריסנ די באאמטע, אבער זי האט דאס געזאגט ניט מיט רישעס. קורט האט געפילט, אז זי הערט זיכ צו גאנצ שטיל אונ אופמערקזאמ. אגעוו, איז אימ אײַנגעפאלנ, די צענ מינוט זײַנענ שוינ מיסטאמע לאנג אריבער.

„לאזט נאר” האט זיכ פארטיידיקט שטיל אנא. איכ וועל פאר די ריכטער אסאכ מער זאגנ. איכ וועל זיי זאגנ, אז די מענטשנ, וואס האבנ הײַנט די מעלוכע־מאכט אינ די הענט, זײַנענ ניט מער ווי דאמ־סאנימ פונ די ארבעטער, אז זיי נוצנ אויס די מעלוכע־מאכט נאר דערצו, קעדיי צו זארגנ פאר די אונטערנעמער אונ די רעכט פונ ; ארבעטער מיט דער מעלוכע־מאכט אונטערדריקנ. אונ די סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער וועל איכ זאגנ—פארנ געריכט וועל איכ דאס טאנ—אז זייערע פירער וואס אונטערשטיצנ די דאזיקע מעלוכע, זײַנענ דיזעלבע סאנימ אונדזערע, וואס מיר מוזנ פארניכטנ. אויב מיר ווילנ לעבנ. דאס האב איכ געלערנט אינ דעמ 1־טנ מײַ”.

„אנא, דו פרעגסט גארניט וועגנ קליינעמ”, האט געזאגט קורט, נאר קעדיי ברענגענ זי צו אנדערע געדאנקענ. איבער איר בלאסנ פאנעמ האבנ זיכ שוינ ווידער פארצויגנ די שאטנס פונ דער פיבער־רויטקײַט.

„איכ האב אסאכ וועגנ אימ געטראכט. אבער נאכ מער האב איכ געטראכט וועג די כאווירימ. דעמ גרעסטנ טייל פונ זיי קענ איכ נאר פונ אויסזענ—איכ ווייס אפילע ניט ווי זיי הייסנ. קורט, איכ שעמ זיכ, וואס־דו האסט געהאט אזא שלעכטע כאווערטע”.

קורט האט גענומענ אירע ביידע הענט צוזאמענ: „אונ איצט האבנ מיר א זייער, זייער גוטע אונ מוטיקע כאווערטע, עמעס? אנא, מיר וועלנ אלע אפ דיר ווארטנ...!”

שטיל האט ער זיכ אופגעהויבנ, ווענ די באאמטע האט אימ אנגערירט פארנ אקסל. אנא איז מיט פארמאכטע אויגנ געלעגנ אינ בעט, איבער וועלכער עס איז געהאנגענ דער טאוול מיט די ווילדע שפרונגענ פונ דער היצ. עס האט זיכ געדאכט, אז זי שלאפט. אפנ שמאלנ מויל, אפנ מידנ בלאסנ פאנעמ איז געלעגנ א יונגער צוקונפט־צופרידענער שמייכל.

☆

„פארווערסט” פונ 5־טנ נאיאבער 1930:

„כאווער צערגיבעל, וואס ווערט צײַטווײַליק באפרײַט, אבער וואס וועט געוויס באלד געפינענ אנ אנטשפרעכיקנ צו זײַנע פייקײַטנ אונ הויכע פארדינסטנ ווירקונג־קרײַז, האט זיכ דערוואָרבנ אינ דער צײַט פונ זײַנ טעטיקײַט אינ בערלינ אכטונג אונ סימפאטיע אינ די ברייטסטע קרײַזנ פונ דער בערלינער באפעלקערונג. ווער עס האט געהאט די געלעגנהײַט נאכצושפירנ פונ דער נאענט זײַנ טעטיקײַט, ווייס, אז מענטשלעכקײַט אונ ווילנ צו העלפנ אונ שיצנ האט מיט אימ שטענדיק אנגעפירט. דאנקבארקײַט אונ די בעסטע ווונשנ פונ אלע קלוגע אנשטענדיקע בערלינער וועלנ אימ באגלייטנ אינ זײַנ נײַעמ טעטיקײַט־געביט”.

אינהאַלט:

זײַט.

ערשטער טייל

דאָס רויטע געסל.

1. 125 צענטנער בעטאָג 3
2. די גאָלדענע קוילנ פונ דער נאכט 5
3. א טעגלעכע געשיכטע מיט אנ אומדערוואַרטעטנ אויסגאנג 7
4. צום „רויטנ נאכטיגאַל". 12
5. דאָס 145 נאסנ־קעמערל 16
6. דער טוליער טעליע גייט צום „אַלעקס". 23

צווייטער טייל.

דער בלוטיקער מײַ 1929.

1. פּליארעם־שטונע. 29
2. די פרוי, וואָס האָט געלאכט. 42
3. מײַאָר ב. הענגט אַרויס אַ ווײַסע פאָנ 47
4. דער שטורעם־אָנגריפ אפנ „רויטנ נאכטיגאַל" 51
5. די נאכט, אינ וועלכער קיינער איז ניט געשלאָפנ... 54
6. אַ מענטש גייט דורכ דער שטאָט 57
7. אנא לערנט דעם לעצטנ קאפיטל 60
8. די צווייטע נאכט. 67
9. די שלאָג־אָפּטיילונג 70
10. ערשטע שײַנ.. 73
11. „ז'עד פּאָליציי־פּרעזידענט טיילט מיט..." 76
12. סאָפ אונ אָנהייב 79

ЦАНА 30 кап

פרייז 30 קאפ.

[illegible]

Клаус Нойкранц

Баррикады в Веддинге

[illegible]ственное Издательство Белоруссии

Минск 193[illegible]